STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01396

NADIR UN VEYN NISHT!--

J. Oberzanek

Permanent preservation of this book was made possible
by Betty & George Levinson
in honor of
their grandchild Simone Elizabeth Berkower, whom they love dearly

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. אָבערזשאַנעק

נאַדיר און וויין נישט!...

ווארשע — 1938

איבערדרוקן, אינסצעניזירן און אויפפירן אויף דער
בינע אָן אַ פאַרשטענדיקונג מיטן מחבר — פאַרווערט.

וועגן אַלע ענינים זיך ווענדן אויף דעם אַדרעס:
J. Oberzanek, Łódź, Pomorska 25.

הילע געצייכנט פון סט. דאָבזשינסקי.

קלישן אויסגעפערטיקט אין דער צינקאָגראַפיע
„גראַפיקאָן", וואַרשע, קרולעווסקע 25.

J. Oberzanek
„NADIR UN WAJN NISZT"
Warszawa, 1938.

Składano w druk. „Universum"
Zamenhofa 13, telefon 11-28.73

Druk. P. Brzeziński, Warszawa,
Pawia 44 — Telefon 11-72.95.

צו י. אָבּערזשאַנעקס 20־יאָריקן
ליטעראַרישן יובל, אַרויסגעגעבן
דורכן יובל־קאָמיטעט אין לאָדזש:

רעד. י. אוגער,
קאָנסול מאַקס קאָן,
דיכטער משה בראָדערזאָן,
פּרעזעס שמואל רייכמאַן,
רעד. ח. י. בזשוסטאָווסקי,
ד״ר. דוד ראַבּינאָוויטש,
משה קאָפּעל,
יעקב נייהאוז.


Fot. Polonia Łódź

איך — אַ בעל־היובל!...

(אַ שטיקל חשבון־הנפש צו מיין 20־יאָריקן יובּיליי)

יאָ, רבותי, איצט איז געקומען די צייט אויף מיר.

צוואַנציק יאָר געקיבּיצט, געצימבּלט. ווען האָב איך אין משך פון די צוואַנציק יאָר נישט גענומען אויפן צימבּל? קיינעם, קיינעם נישט אַדורכגעלאָזט. נישט געשראָקן זיך פאַר היטלערן און זיינע תּלמידים; האָב נישט געזשאַלעוועט אונזערע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן, כ׳האָב זיי געקוקט אויף די פינגער. אונזערע „הומאַניטאַרן" האָב איך אויסגעטון אדם־נאַקעט און איך, ליבע לעזער, געוויזן:

— נאַט, קוקט, אַט אַזוי זעען זיי אויס.

אויך אונזערע היימישע פּאָליטיקער, ראַטמענער, קהלה־לייט, פּרעזעסן, עסקנים, קאָכלעפל, — אַלע האָב איך געצימבּלט, וויפל ס׳איז אין זיי אַריין. כ׳האָב נישט געזשאַלעוועט קיין שמיץ, ווייל זיי האָבן עס כשר פאַרדינט.

איך בין מיך מודה ומתודה, אַז מיין באַליבטסטע טעמע איז געווען — ווייבער, אויף דעם שיינעם געשלעכט, הייסט עס. כ׳האָב זיי שפּיאָנירט אויף שריט און טריט. אין דערהיים ביים „פּאָקער", אויפן „פייף", אויפן דאַנסינג, אויף „דאָבּראָטשינגע" בעלער, אין קינאָ, אין אַ ווינקל אין דער לעצטער ריי, אין אַ זאַקאָפּאַנער ווינטער־סכראָניסקע, זומער — אויף דער פּליאַזשע, אין טרוסקאַוויעץ, קריניצע, אָטוואָצק, צי אין ווישניאָווע־גורע, אויף שריט און טריט האָב איך זיי פאַרפאָלגט. קיין אויג פון זיי נישט אַראָפּגעלאָזט.

כ'בין זיי געשטאַנען צוקאַפּנס, ווען זיי האָבן באַקומען „נאַפּאַדן"? אויף — אַ לאַפּקאָווע פּאַלטן... כ'האָב זיי געכאַפּט ביי דער האַנט, ווען זיי האָבן זיך געלאָזט „זבאַדען" פון יונגע „מאַראָווע" דאָק־טוירים; ווי אַ שאָטן בין איך זיי נאָכגעגאַנגען צו דער שניידערין, צו דער מאָדיסטקע, צום קירזשנער, צום פריזירער. כ'האָב מיך צו־געהערט צו זייערע פלוידערייען, און עס באַלד נאָכגעפלוידערט. כ'האָב מיך צוגעקוקט, ווי אַזוי זיי קראַצן אָפּ די ברעמען און מאַכן שוואַרצע רעדער אַרום די אויגן, ווי זיי שמירן די באַקן, די ליפּן, די נאָז און די גאָמבע. כ'האָב צוגעקוקט, ווי אַזוי עס ווערט איבערנאַכט פון אַ ברונעטקע — אַ „יאַסנע בלאָנדינקע", און פון אַ גאָלע — אַ „מיעדזשאַנע"... כ'האָב אויך געזען, ווי אַזוי אַ ניינציק־קילאָדיקע יידענע באַקומט די „ליניע", ווי אַזוי זי „פּייניקט" זיך איר ליַיב, וויפל זי פאַסט תעניתים, וויפל קעסט־לעך ציטרינען זי קוועטשט אויס, כדי צו זיין „שלאַנק"... כ'האָב אויך געפירט אַ גענויע קאָנטראָל אויף די מאָדערנע מענזשאַטקעס, סאַלאָן־דאַמען, וואָס באַמיען זיך צו האַלטן פון איין קינדער־סיסטעם...

נישט ווייניק צער האָב איך פאַרשאַפט די הייַנטיקע באָבעס, וואָס פאַרשמירן און פאַרפּודערן זיך די יאָרן. אָט די באָבעס, וואָס אַנשטאָט צו גיין אין מושב־זקנים, גייען זיי „דאָ לאָקאַלו", אָנ־שטאָט סטריגעווען אַ שקאַרפּעטקע, רויכערן זיי פּאַפּיראָסן און „וואַרפן אייגלעך". די דאָזיקע הייַנטיקע באָבעס האָב איך נעבעך פאַרשאַפט יסורים, ווען איך האָב זיי געפּאַקט ביי דער האַנט.

נישט געזשאַלעוועט האָב איך אָבער אויך אונזערע מענער, כ'האָב מיך מיט זיי באַגעגנט נאָך חצות, ווען זיי האָבן געזוכט תירוצים פאַר די ווייבער. איינער האָט געהאַט אַ תירוץ — אַ „פּאָשעדזעניע", דער צווייטער — האָט זיך „אָפּגערעכנט מיט אַ סוחר"... דער דריטער איז געווען „אינטערעסאָוונע". כ'האָב געזען, ווי אַזוי די נאַכט־פייגעלעך קומען אַהיים, גייען אויף די שפּיץ־פינגער, ווי אַזוי זיי דרייען צוריק דעם זייגער.

כ'האָב אויך געזען, ווי אַזוי אונזערע מענער זענען נעבעך זומער־צייט „פאַרשוואַרצט" געוואָרן אַלס „סלאָמיאַנע וודאָוו־

צעם" — דאָס אַלץ האָב איך געזען, געהערט, און שפּעטער אויס־געזאָגט סודות פון חדר.

יאָ, רבותי, צוואַנציק יאָר, צוואַנציק יאָר האָב איך געקי־ביצט, געצימבלט אַלע. קיינעם נישט אַדורכגעלאָזט. איצט איז גע־קומען די ריי אויף מיר אַליין. איך וועל אייך דערציילן אַ בינטל צרות פון אַ בעל־היובל. די געסט און אַנשיקענישן, וואָס דערגייען מיר די יאָרן.

דעם ערשטן ברוך־הבא האָב איך געהאַט פון אַ ייד מיט אַ טעקע:

— איר זענט אַבערזשאַנעק?

— יאָ. איך בין עס. וואָס פּאַרלאַנגט איר?

— איר זענט עס דער...

— יאָ, דער אייגענער.

— דער... שרייבער?

— יאָ, דער שרייבער.

— איר פּייערט עס איצט דעם יובילעאום?

— יאָ, דער אייגענער, איר זענט דען אויך אַ שרייבער?

— ניין, נישט קיין שרייבער. איך האָב ב"ה בעסערע גע־שעפטן.

— דהיינו?

— אַן אַגענט, אַן אַגענט פון אַסעקוראַציע. איך האָב גע־לייענט אין די צייטונגען, אַז איר פּייערט אַ צוואַנציק־יאָריקן יו־בילעאום, אויב אַזוי זענט איר דאָך שוין אַ מענטש אין די יאָרן. און אין די יאָרן דאַרף אַ מענטש שוין זאָרגן... כ'וויים... טאָמער... מ'איז דאָך נאָר אַ מענטש... אַ מענטש, זאָגט איר דאָך, איז גע־גליכן צו אַ יויך־טאָפּ: מה דאָך אַ יויך־טאָפּ קאָן אויסקאָכן, מכל שכן אַ מענטש!...

די היינטיקע וואָך, איך קום אַהיים, טרעף איך אַ גאַסט, אַ ווייטער קרוב פון ס... ווי נאָר איך בין געקומען איבער דער שוועל, רוקט ער מיר אַריין אַ ברייטן שלום־עליכם:

— מזל־טוב דיר, יצחקל!

— זייט מוחל, ר' קרוב. איך הייס נישט יצחק — נאָר יעקב.

— יעקב, זאָגסטו? דיר גלויב איך, אז דו זאָגסט יעקב, איז אזוי ווי דו זאָגסט, דו ווייסט בעסער.

— ווען וואָס זענט איר געקומען?

— כ'האָב געלייענט אין די גאַזעטן, אז דו ביזט מיט מזל געוואָרן א יובילער...

— זייט מוחל, פעטער, כ'בין קיינמאָל נישט געווען קיין יובילער, און וועל עס שוין מסתמא קיינמאָל נישט זיין.

— וואָס הייסט? כ'האָב דאָך אליין געלייענט אין די גאַזעטן. אָט נאָ, לייען. עס שטייט דאָ מיט גרויסע אותיות: „י. אָבערזשאַנעק — דער יובילער".

— יאָ, גוט, יובילער, יובילער, אָבער וואָס פארלאַנגט איר פון מיר?

— פארשטייסטו מיך, יצחקל, טפו... יעקבל, איך... איך גיי חתונה מאַכן א טאָכטער. קיין גרויסע „שאָנהייט" איז זי נישט. מ'דארף האָבן א נדן. און אזוי ווי דו ביזט מיט מזל געוואָרן אזא גרויסער יובילער, בין איך געקומען עקסטרע צו פאָרן קיין לאָדז, דו זאָלסט מיר געבן צושטייער עטלעכע הונדערט זלאָטעס. וואָס פאר א ראָלע שפילט ביי אזא גרויסן יובילער, ווי דו, א פאָר הונדערט זלאָטעס?!...

די טעג, זיצנדיק אין קאַפע, קומט צו מיר צו א מיידל. הגם נישט קיין זייער יונגע, דערפאַר א זייער סימפאַטישע, שטעלט זיך אליין פאָר:

— טשי פאַן אָבערזשאַנעק?

— טאַק יעסטעם.

רוקט זי מיר אריין איר ווייך שלאַבערדיק הענטל:

— שמינקעווונא יעסטעם.

— ס'איז מיר זייער באהבה. מיט וואָס קען איך אייך דינען, פאַננע שמינקעווונאַ?

— סלישאַלאַם, אז איר אָבכאָדזשעט די דוואַדזשעסטע ראָטשניצע פון אייער ליטעראַצקע דזיאַלאַלנאָשטש, בין איך אייך געקומען גראַטולירן. איך וויל אייך קאָמוניקויען, אז צוליב אייך, האָב איך מיך נאַאוטשעט לייענען, אי מוּוויטש זשאַרגאָן. יאָ סאָ-

מאַ יוזש טשיטאַם יעדן פּיאָנטעק אייערע קאַוואַלן. עס גייט שוין ביי מיר יאַק פּאָ מאַשליע.

אָט אַזוי, רבותי, גייען געסט. אַ קרוב קומט צום רייכן יובילער נאָך אַ נדן פאַר דער טאָכטער. דער אַגענט דערציילט מיר, אַז אַ מענטש איז געגליכן צו אַ יויך־טאָפּ. די פּאַננע האָט זיך ספּעציעל אויסגעלערנט „זשאַרגאָן״, כדי זי זאָל קענען לייענען מיינע „קאַוואַלן״. די טיר רוט נישט, ס׳גייען געסט, ס׳קומען קרובים, מ׳ציילט מיר די יאָרן, און דאָס אַלץ צוליב דעם, וואָס מ׳האָט מיך געמאַכט פאַר אַ — יובילאַר!...

אַ יידישיסט מיטן קנאַק!...

ס'קומט צו מיר אַריין אַ ייד מיט אַ פריילעך פנים. די אויגן האָבן ביי אים געשטראַלט פון שמחה. זעצט זיך אַוועק, הוסט זיך אויס. צוערשט מאַכט ער זיך צורעכט די ברילן און דערנאָך פרעגט ער מיך:

— איר זענט אַ יידישיסט, צי אַ העברעיסט?

— צו וואָס דאַרפט איר דאָס וויסן? — האָב איך דעם ייד געפרעגט.

— איך וויל וויסן, מיט וואָס איר שמעקט, כדי כ'זאָל וויסן, צי כ'זאָל אייך דערציילן די מעשה, — האָט דער ייד געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ מעשה?

— נו, די מעשה מיט מיין ווייבס לשון־קודש־רעדן.

— נו, אדרבא, דערציילט.

האָט זיך דער ייד ווידער אויסגעהוסט און גענומען דער־ציילן די מעשה פון זיין ווייבס לשון־קודש.

— ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך נישט קיין קענער פון לשון־קודש. ביי אונז אינדערהיים, האָט מען שבת גערעדט נאָר לשון־קודש. מיין טאַטע און די מאַמע האָבן אַ גאַנצן שבת נישט גערעדט קיין דברי חול. איך געדענק, שבת פאַרנאַכט איז עס גע־ווען. דער טאַטע און די מאַמע זענען געשטאַנען שמונה־עשרה. אין מיטן דערינען, האָט די מאַמע געזען, ווי די קאַץ עסט דאָס פלייש, גיט די מאַמע אַ צי דעם טאַטן פאַר דער פאָלע און זאָגט אויף „לשון־קודש":

— נו... „קץ כל בשר" (די קאַץ עסט אויף ס'גאַנצע פלייש).

— „קצתי בחיי" (קעץ דאַרפן אויך לעבן!) — האָט דער טאַטע געענטפערט.

ווי איר זעט, שטאַם איך פון אַ משפחה „העברעיסטן". און איך אַליין בין אויך נישט קיין שונא פון העברעיש. איך האַלט אָבער, אַז יידיש איז אונזער פאָלקס־שפּראַך, האָב איך טאַקע גרויס עגמת־נפש, וואָס מ'רודפט אַזוי אונזער יידיש אין ארץ־ישראל.

נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז מיין יידענע, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, איז אַ פאַרברענטע העברעיסטקע. זייט ס'איז געוואָרן אַ מאָדע העברעיש, איז ביי איר יידיש — טריף. ווען איר זאָלט זי באַגילדטן, וועט זי נישט רעדן קיין יידיש וואָרט, זינט ס'איז געוואָרן אַ מאָדע העברעיש, איז הימל און ערד און העברעיש: רעדט העברעיש, פלירטעוועט אויף העברעיש — אַלץ אויף העב־רעיש.

קום איך אהיים, ווי איך עפן נאָר די טיר, באַגעגנט זי מיך מיט אַ שמייכעלע:

— חיים, טען לי קעסעף (גיב געלט).

פרעג איך זי:

— ריווטשעלע, וואָס הערט זיך עפּעס מכוח אָבישל מיטאָג? ענטפערט זי מיר אויף לשון־קודש:

— איינכאַ כאָלע לבאַקאָט (ביזט נישט חולה צו וואַרטן).

קוים דערוואַרט מיך אויפן מיטאָג, נעם דעם ערשטן לעפל זופּ אין מויל אַריין, פרעג איך זי:

— ריווטשעלע, פעו! די זופּ איז דאָך אָנגעברענט?

— כאַפּעים לכאַ שיפכאַ טאָווא מימעני (שאַף דיר אַ בע־סערע דינסט פון מיר), — האָט זי געענטפערט.

פרעג איך זי:

— ריווטשעלע, וואָס גייסטו אום מיט אַ נאָז? וואָס האָב איך דיר געטון?

— מאַ יהיע אים אַדרעעט קאַיץ? (וואָס וועט זיין מיט אַ זו־מער־פּאַלטן?) — האָט זי מיט אַ זויערער מינע געפרעגט.

איך קום אהיים אין אָוונט, שטייט זי בײם שפּיגל, פאַרבט זיך די ליפּעלעך, קריידט זיך אָן די ברעמען, פרעג איך זי:

— ריוווטשעלע, צי מאַכסטו דיך איצט אויפן שפּאַציר?

ענטפערט זי מיר „ריין" העברעיש:

— אני ראָצע חאיאָם ללעכעט על האקאַלאַנאָא (איך וועל היינט גיין אין קינאָ).

קום איך אַנומלטן אהיים פאַרטאָג, כאַפּט זי זיך אויף מיט א ויצעקו:

— איפאָ האיטאַ קאָל האַלאַילאָ? (ווו האָסטו געהוליעט א גאַנצע נאַכט?).

נעם איך מיך פאַר איר פאַרענטפערן: דאָס, יענץ, חרוסת, לאָקשן, כ'האָב מיך געדאַרפט אָפּרעכענען מיט א סוחרטע.

ווערט זי אין כעס און שעלט מיך אויף לשון־קודש:

— לעיך לכאָל האשאָנים האשכאָראָט (גיי צו אַלדע שוואַרצע יאָר!).

און אפשר מיינט איר, אַז נאָר מיט מיר רעדט זי און שעלט אויף לשון־קודש? אַך! ווער ס'קומט איר אונטער דער האַנט, לייגט זי אים אַוועק א פּאָרציע העברעיש. וואָס דאַרפט איר מער? אפילו מיטן דאָקטאָר רעדט זי אויך „פּאָ העברייסקו".

מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז זי קראַנק געוואָרן, האָט באַקומען היץ, קומט צו איר דער דאָקטאָר. פרעגט ער זי:

— „צאָ סליכאַטש?"

ענטפערט זי אים דוקא אויף העברעיש:

— יעיש לי כאָם (כ'האָב היץ).

— „פּאַני מוווי פּאָ טורעצקו?" — האָט זי דער דאָקטאָר געפרעגט.

האָב איך דעם דאָקטאָר דערקלערט, אַז דאָס רעדט זי פון היץ. אַז ס'איז ביי איר א הויכע טעמפּעראַטור.

פרעגט זי ווייטער דער דאָקטאָר:

— „אילע פּאַני מאַ ליאַט"?

— ספאָר לעכאָ עט האשינייעם (ציילט אייך די ציין), — האָט זי דעם דאָקטאָר מיט כעס געענטפערט.

און מיט וועמען רעדט זי נישט העברעיש? — אפילו מיטן סעקוועסטראַטאָר: אַנומלטן קומט אַריין דער סעקוועסטראַטאָר מאַכן אַ זאַיענטשע פּאַר אַ ראַטע מאַיאָנטקאָווע... זאָגט ער צו איר:

— „מאַם פּאָלעצעניע".

— טוכאַל לעקאַכאַט עט האַצאַראַט שעלי (קאָנסט צונעמען מיינע צרות).

און מיטן קצב רעדט זי, מיינט איר, יידיש? ווי פּאַלט איר אויס? אין דער פרי גייט זי אין דער יאַטקע אַריין און זאָגט צום קצב:

— טען לי מאַנאַ יאַפּאַ באַתאַר בעלי אַצאַמאָט (גיט מיר אַ שיין חלק פלייש אָן ביינער).

ווי איר זעט, האַלט זי אין איין רעדן „לשון־קודש", יידיש איז ביי איר טריף, ווי חזיר. וויפל איך בעט מיך ביי איר:

— ריווטשעלע קרוין, טו מיר אַ טובה, רעד יידיש. דיר וועט עס לייכטער אָנקומען און איך וועל דיך בעסער פאַרשטיין. האָט זי זיך אָבער איינגעעקשנט: ניין און ניין. זי וויל נישט רעדן קיין איין יידיש וואָרט. אויב נישט העברעיש, איז פּויליש: „עברית או פולנית" — אָדער העברעיש, אָדער פּויליש.

נו, האָב איך עם אַביסל צרות פון איר „לשון־קודש". אַ סך מאָל מוז איך זי צען מאָל איבערפרעגן בייז און שטוים מיך אָן, וואָס זי וויל. איך רעד צו איר יידיש און זי ענטפערט—העברעיש. נאָר ווי זאָגט איר? אויף אַלעם קומט אַ צייט, און אויף מיין ריווטשעלען איז אויך געקומען אַ צייט. כ'האָב אין איר דערלעבט אַ נקמה. מיין ריווטשעלע האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגערעדט אַ יידיש וואָרט. הערט, ווי אַזוי דאָס איז געשען:

מיין ריווטשעלע איז געווען „אויף דער צייט". זי האָט זיך געריכט אין קינפעט. האָט זי פלוצים באַקומען „ווייען", צום ערשט שוואַכע און דערנאָך איז עס געגאַנגען אין די גדולות און גענומען מאַכן יעלות און דוקא אויף העברעיש:

— אוי, ראַ לי (אוי, ס'איז ביטער!).

האָט זי זיך געקאָרטשעט אין דרייען און ווייטער געמאַכט געוואַלטן:

— חיים, האַצילעינו (חיים, ראַטעווע מיך!).

בעט איך מיך ביי איר:

— ריווטשעלע קרוין, דערבאַרעם דיך, שריי אויף יידיש! וועסט זען, אַז דו וועסט קוויטשען אויף יידיש, וועסטו זיכער גע־האָלפן ווערן!...

הערט זי מיך, ווי דעם קאָטער און טוט זיך דאָס איריקע. זי שרייט ווייטער אויף „העברעיש״:

— אַני בעוואַדאַי אַמוט (איך וועל זיכער שטאַרבן!).

האָב איך באַקומען גרויס רחמנות אויף מיין העברעיסטקע, מיט טרערן אין די אויגן האָב איך זיך ביי איר געבעטן:

— ריווטשעלע מיין גאָלד, מיין אוצרל, מיין לעבן, האָב רחמנות אויף דיינע יונגע יאָר. זעסט דאָך, אַז דאָרט זיצט אַ בחור אַ יידישיסט, דו זעסט דאָך, ריווטשעלע, אַז ער פאַרשטייט נישט אַ וואָרט העברעיש, פאָלג מיך, שריי אויף יידיש, וועסט זען, אַז דער בחור וועט דיך פאַרשטיין, וועסט זען, אַז ווי נאָר ער וועט הערן אַ יידיש וואָרט, וועט ער אַרויס פון דער הויט.

האָט זי מיך ווידער אָנגעשאָלטן אויף העברעיש. די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים. און אַז ס'האָט שוין געהאַלטן ביי סכנת נפשות, האָט זי זיך אַ כאַפּ־אויף געגעבן און אַ געשריי געטון:

— גע—וואַלט, מאַ—מע—שי, העל—ף מי—ר!...

און דאָ איז אַ שפּרינג־אַרויס־געגעבן אַ יונגאַטש מיט אַ פּאָר רויטע פּיסקאַטשעס מיט אַ יעלה:

— אַ... אַ... אַ...

מזל־טוב, ס'איז געבוירן געוואָרן אַ יידישיסט!

אַזוי לאַנג, ווי זי האָט געמאַכט יעלות אויף העברעיש, האָט דער בחור זי נישט פאַרשטאַנען, ווי נאָר ער האָט געהערט אַ יידיש וואָרט, איז ער פון דער הויט אַרויס.

אַי, הערט איר, האָב איך געהאַט אַ נקמה אין מיין העב־רעיסטקע!...

יאַנטשע הויטשינדערס מפּלה...

איר ווייסט, ווער איך בין? ווי איך הייס? יאָ. איר האָט גע־טראָפן. דאָס בין איך טאַקע — יאַנטשע הויטשינדער. דעם נאָמען יאַנטשע הויטשינדער האָבן מיר געגעבן מיינע שונאים, ימח שמם! באשר איך האָב ליב צו נעמען נאָך אַ פּראָצענטל, נו, איז וואָס דערפון געדרונגען? דערפאַר דאַרף מען מיר ענדערן דעם נאָמען פון יאַנטשע קראַדניק אויף יאַנטשע הויטשינדער?

אַי, הערט איר, רבותי, אוים מסחר געוואָרן דאָס גאַנצע דיסקאָנטעריי! אוים מסחר געוואָרן — אַ שמעק טאַבאַק איז דאָס נישט ווערט! אמאָליקע צייטן. אַי, אמאָליקע צייטן! אין די צייטן, ווען דער גאַנצער מסחר איז געלעגן... אין פינגער. ווען פאַר פופ־ציק־גראָשנדיקע וועקסל־בלאַנקאָ האָט מען געקויפט אַ „פּעקל" „ווידזעווער" און דאָס פּעקל איז ביי אייך איבער נאַכט געוואַקסן ווי אויף הייוון... ווען אַלץ איז געגאַנגען אויפן וועקסל: געגעסן אויפן וועקסל, געטרונקען אויפן וועקסל, געשלאָפן אויפן וועקסל, חתונה געמאַכט אַ טאָכטער אויפן וועקסל, אַ ברית געמאַכט אויפן וועקסל, אייער ווייב האָט זיך „געבאַוויעט" אויפן וועקסל — הימל און ערד און וועקסל!...

און ווו זענען די אַלע וועקסלען אַריינגעפאַלן? פאַרשטייט זיך, אין מיין האַנט אַריין. איז צו מיר געקומען אַ ייד מיט אַ וועקסל, האָב איך אים געמאַכט אַ רעכענונג פון שלום־עליכמס בעל־אַכסניא: פאַר אינקאַסאָ — כך וכך, פּראָוויזיע — כך וכך, דאָמנאָ — כך וכך, און נאָכדעם, ווי איך האָב אויסגערעכנט די

חדשים, וואָכן, טעג און מינוטן, איז אויסגעקומען, אַז ער דאַרף מיר איבערלאָזן דאָס וועקסל מיט אַ פּאָר זלאָטעס לעצט־געלט...

דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל. אַמאָל, ווען פּאַזנאַנסקים „גאַט־קעס'' האָבן „געבערענט'' און שייבלערס לײלעכער האָט מען גע־ריסן פון די הענט, און אשר קאַנס „העמדער'' האָט מען פאַרצו־קערט, דעמאָלט איז דאָס דיסקאָנטעריי געווען אַ מסחר. היינט איז אוים — אוים מסחר דאָס דיסקאָנטעריי!

אַדרבא, זאָגט איר אַליין, איז נאָך היינט דאָ אַ ייד, וואָס מ'זאָל אים קענען „מאַכן'' אַ וועקסעלע? אַז צו וועמען איר קומט, האָט ער, אָדער אַ סינדיק, אָדער ס'איז פאַרשריבן אויפן ווייבס נאָמען. איר האָט עפּעס ליב צו האָבן עסקים מיט ווייבער?...

יאָ, אַז מיר רעדן שוין וועגן ווייבער, וויל איך אייך טאַקע דערציילן וועגן מיין לעצטער מפּלה, ווי אַזוי איך בין צוליב אַ יידענע אומגליקלעך געוואָרן. איר הערט? צוליב איין יידענע בין איך איצט אויף געהאַקטע צרות, איך קען מיך אין דער גאַס נישט ווייזן. און ווער ווייסט, צי איך וועל איבער דער יידענע נישט מוזן עוקר זיין — הערט אַ מעשה שהיה:

— ווי איר ווייסט שוין, בין איך אַ דיסקאָנטער, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין יידן שום געדאַכט, און סאַראַ פּנים די היינטיקע וועקסלען האָבן, דאַרף איך דאָך אייך נישט דער־ציילן: יעדער „קוכן'' קומט צוריק מיט אַ „פלאַכטע'' — מיט אַ פּראָטעסט — הייסט עס, און משה זוך מיך!...

די היינטיקע וואָך באַקום איך אויך פון רעיענט צוריקגע־שיקט אַזאַ „קוכן'', נעם איך דאָך זוכן „זכות אבות'' — די זשי־ראַנטן, הייסט עס. נעם איך זוכן דעם ערשטן זשיראַנט, טו אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע, פאַרקעם די באָרד, נעם מיין לעדערנע טע־קע — מעשה באַנקיר, און לאָז מיך אויפן אַדרעס פון דעם זשי־ראַנט.

כ'קום פאַרן טויער, ווו ס'איז אָנגעגעבן דעם זשיראַנטס אַדרעס, נעם איך אַרויס דעם פּראָטעסט איבערצולייענען דעם נאָמען.

— ווּעמען זוכט איר, פּעטערשי? — פרעגט מיך א „פּאַ־ניענקע״, וואָס איז גראָד געשטאַנען פאַרן טויער.

— זייט מוחל, — ענטפער איך, — ווייסן זי נישט אמאָל, ווּ ס׳וווינט דאָ דער און דער?

— „פּראָשעו באַרדזאָ״, — האָט די „פּאַניענקע״ מיט א שמייכעלע געענטפערט, — קומט, פּעטער, איך וועל אייך ווייזן.

— אוי־וואַ, — האָב איך מיר געטראַכט, — א גוטע נשמה מוז דאָס זיין...

— איר זענט א ווייב? א טאָכטער? — האָב איך די „פּאַ־ניענקע״ געפרעגט.

— איך בין ביידע, — האָט זי געלאַכט.

— וואָס הייסט דאָס? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען דעם ענטפער. — זאָגט־זשע מיר, זייט מוחל, אויף וועלכן שטאָק וווינט איר?

— ס׳איז אייך אודאי צו שווער, — האָט זי מיך גענומען אונטערן אָרעם, — אָט אזוי... איך וועל אייך פירן, וועט אייך זיין לייכטער...

— איי, איי, סאַראַ טייערן כאַראַקטער דאָס „קינד״ האָט, ווי זי איז דאָס מקיים „עזוב תעזוב״...

אזעלכע איידעלע עלטערן, וואָס גיבן זייער טאָכטער אזא דערציאונג, וועלן זיכער אויסקויפן א פּראָטעסט, — אזוי האָב איך מיר געטראַכט.

— ביטע, ביטע, — האָט זי ברייט אויפגעעפנט די טיר און איך בין אריין.

— ביטע, קומט ווייטער, — איז מיר אנטקעגנגעקומען א יידענע מיט א גלאַנציק פּנים, ווי מיט פּוטער אָנגעשמירט. פון ביידע אויערן האָבן געבימבלט לאַנגע, בלישטשענדיקע אויערינג־אויגן זענען מיר איבערגעגאַנגען, און עפּעס האָט זי מיך אָנגע־לעך, איינגעהילט אין עפּעס אזא מין מאָדנעם יצר־הרע־בגד, אז די קוקט מיט אזעלכע ווייכע רחמנות־אויגן, אז ס׳האָט מיך פאַרכאַפּט דער אָטעם... — ביטע, — האָט זי געזאָגט, — קומט ווייטער,

מאַכט אייך באַקוועם!... ווערט היימיש, דאָ קענט איר זיך פילן,
ווי ביי אייך אין דער היים...

און איידער וואָס, ווען, האָט מיר די בעל־הביתטע אַליין גע־
האָלפן אויסטון דעם פּאַלטן, די „פּאַניענקע" האָט מיר געהאָלפן
אַראָפּציען די קאַלאָשן.

— אוי־וואַ, — האָב איך מיר געטראַכט, — ס'איז נאָך
נישט אַזוי שלעכט, ווי מ'זאָגט. ווי פיין מען נעמט נאָך היינט אויף
אַ בעל־חוב, וואָס קומט מאָנען פאַר אַ פּראָטעסט. ס'זענען נאָך
דאָ איידעלע מענטשן אויף — ס'איז נישט אַזוי, ווי מ'זאָגט...

— ווו איז אייער מאַן? — האָב איך געפרעגט די גוט־
האַרציקע בעל־הביתטע.

— ווער מאַן? וואָס מאַן? — האָט זי געענטפערט מיט
אַ שמייכעלע.

— נאָר וואָס, איר אַליין דערליידיקט די זאַכן? — האָב איך
זי געפרעגט.

— אָבער נאָך ווי דערליידיקן! — האָט זי געענטפערט.

— איך האָב געהאַט נאָך עטלעכע זשיראַנטן, — האָב איך
איר געזאָגט, — נאָר איך האָב אויסגעקליבן אייך, איך האָב פאַר־
שטאַנען, אַז דאָ איז דער ריכטיקער אַדרעס.

— איר זענט באמת אַ חכם, — האָט זי זיך צוגעזעצט נענ־
טער צו מיר און מיך גענומען גלעטן פאַר דער באָרד.

— וואָס איז דאָס סאַרא דרייסטקייט? — האָב איך מיך
גענומען אָפּרוקן.

— מאַכט אייך היימיש, — האָט זי זיך ווידער צוגערוקט
צו מיר און מיך מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס.

— אַ יישר־כוח, — האָב איך געזאָגט,—איך רויכער נישט.

בין איך געגאַנגען צום פּאָרטפעל און געוואָלט אַרויסנעמען
דעם פּראָטעסט.

— איך בין אַ פאַרנומענער מענטש,—האָב איך געזאָגט,—
אַ שאָד צייט.

ווי איך האָב דאָס אַרויסגעזאָגט, האָבן זיך גענומען שיטן
„פּאַניענקעס" פון אַלע זייטן. אַלע זענען זיי געגאַנגען אין

א „הולך" — זאָלן דאָס שוין מיינע אויגן מער נישט זען. אַלע מיט פּאַפּיראָסן אין די מיילער, די פּנימער איינגעטונקט אין מעל און אין פאַרב. איינע האָט מיך גענומען ציען פאַר דער באָרד, א צווייטע פאַר דער גאָמבע און זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין שוים.

— גייט צו אַלדע שווארצע יאָר! — האָב איך גענומען שרייען. — וואָסער געציפּעכץ? וואָס סאַרא חוצפה צו א טאַטן פון קינדער?! איר באַצאָלט פאַר דעם פּראָטעסט, אַז נישט מאַך איך א קלויזולע — זאָבאַוועס גאָר אינמיטן דערינען!... וואָס איז דאָס סאַרא שוווּילטאָג אויף אייך, וואָס?

— שאַ, שאַ! — האָב איך פלוצלינג געהערט פון דער צווייטער שטוב א קול פון א מאַנספּערשוין. האָט איר דאָס געדאַרפט זען א „הדרת־פּנים". אַז איך האָב אויף אים א קוק געטון, איז אין מיר געזעצט געוואָרן דער מאַמעס מילך...

— ווער איז ער דאָס, דער וויטישער יאָלד? — האָט ער א זאָג געטון מיט א הייזעריקער שטימע.

— איך האָב... איך האָב... — האָב איך געציטערט, ווי א פיש אין וואַסער.

— וואָס האָט איר? בעבעט נישט. אַרויס מיט לשון! — האָט ער צו מיר געזאָגט, האַלטנדיק בעת־מעשה ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס.

— איך... איך... — האָט מיר געהאַקט א צאָן אין א צאָן.— איך... איך... איך האָב... איך האָב אייך געוואָלט פרעגן, ווי אַזוי קום איך פון דאַנען אַרויס א לעבעדיקער?...

הקיצור, איך בין קוים אַרויס א לעבעדיקער מיט געזונטע ביינער. אָבער נאָך נישט דאָס איז אַלץ. אַזוי ווי איך בין אַראָפּ א צעקאָכטער, א צעטראָגענער, מיטן היטל פאַרדרייט, האָט מיך פּונקט באַגעגנט א יידענע און, זעענדיק מיך אין אַזא „מעמד", האָט זי דריי מאָל אויסגעשפּיגן און מיר נאָכגעשריגן:

— אַזא אַלטער בעל־עברהניק — טפו זאָל ער ווערן!...

און אַז איין יידענע האָט מיך געזען, נו, איז א חידוש, אַז נאָך איידער איך בין אַהיימגעקומען, איז שוין מיין יידענע געלעגן אין חלשות? איז א וואונדער, וואָס נאָך דעם זעלבן טאָג האָט

מען מיר נאָכגעטײטלט אין דער גאַס מיט די פינגער — אָט גייט ער, דער שיינער ייד!... איז אַ וווּנדער, וואָס אין שטיבל, ווו איך דאַוון שוין דרייסיק יאָר, ווו איך בין גבאי, האָט מען מיך אָנגענומען פאַרן ווראַטניק און מיך אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּן?... אַז איין יידענע ווייסט, זאָל עס די גאַנצע שטאָט נישט ווּיסן?...

איך שריי: גזלנים, רוצחים, איך בין דאָך גאָט די נשמה שולדיק. איך בין דאָך נאָר געגאַנגען איינקאַסירן פאַר אַ פּראָטעסט און מער גאָרנישט!... דאָס איז דאָך אַ שטיקל אַרבעט פון שטן, ימח־שמו!...

איך רעד טערקיש און גרעקיש, און זיי ענטפערן: פעטער, מ׳קען אייך!...

וואָס איז איצט? איצט האַלט עס ביי אַ גט מיט מיין ווייב, און דאָס איז אַלץ צוליב מיין דיסקאָנטעריי...

ברוך און זרח...

איר זעט דאָס רויטע בענדל אויף מיין אָרבל? איר מיינט, אַז מ׳האָט מיר געשטעלט פּאָקן? דאָס האָט מיר מיין יידענע אָנגעטון, נישט צוליב קיין עין־הרע חלילה, נאָר — כדי זי זאָל מיך דערקענען, כדי זי זאָל קיין טעות נישט האָבן, זי זאָל נישט געשטרויכלט ווערן.

ווי אַזוי קומט דאָס? ווי אַזוי דערקענט עס נישט אַ פרוי איר אייגענעם ליבלעכן מאַן? טאָ הערט־זשע אויס אַ מעשה, ווי אַזוי איך האָב אָנגעלערנט אַ ווייב אַ מרשעת.

איך האָב אַ ווייבל, הייסט זי דבורה, איז זי דאָס אמתע שטיקל סחורה. פאַר דער חתונה איז זי געווען ווייך, ווי פּוטער, נאָר צו אַ מכה צוצולייגן. פאַר מיר איז איר גאָרנישט געווען צו טייער. ס׳טעלערל פון הימל האָט זי מיר געגעבן, האָט מיך געגלעט און געצערטלט, פלעגט מיר קוקן אין די אויגן און מיך אָפּהיטן, ווי אַ בן־יקיר, ווי אַן אתרוגל. פאַר דער חתונה איז זי געווען מיין מלאך, און נאָך דער חתונה — מיין מלאך־המות. ס׳שטייט אפילו „ערבעים יום קודם יצירת הולד״ — פערציק טעג, איידער דער מענטש ווערט באַשאַפן, רופט מען אויס אין הימל: „בת פלוני לבן פלוני״, נאָר איך בין טיף איבערצייגט, אַז דאַסמאָל איז אויבן, אין הימל, ביים אויסרופן די נעמען, געשען אַ טעות, אַ שרעקלעכער טעות. וואָרום מ׳האָט געשפּאַנט אַ קאַץ מיט אַן אינדיק. אַן אינדיק האַלט זיך אין איין בלאָזן. צוזאַמען מיטן קידושין־רינגל, האָט זי אויך אָנגעטון די הויזן און

ווייל זיי נישט אויסטון. זי גייט אין די הויזן, און איך בין איר פאראבעק. זי האלט די לייצן און איך גיי אין שפאן. א יידענע א קאזאק, און איך ציטער פאר איר בליק. איר ווארט איז א געזעץ, און איך מוז בלינדערהייט אויספירן די געזעצן. שוין איינמאל א סחורה — מיין ווייבל דבורה!...

האט מען דאך א גרויסן גאט, וואס האט א השגחה איבערן קלענסטן ווערעמל, האט ער דאס מאל אויך געוויזן א נס, און מיין דבורה איז פלוצים געווארן אוים קאזאק, זי האט אליין אויסגעטון די הויזן, זי ווייסט נישט, אויף וועלכער וועלט זי איז. איך בין געווארן אויסגעלייזט פון גלות, און אלץ צוליב א צופאל: צוליב מיין ברודער זרח.

ביי דער געלעגנהייט, וועל איך אייך פארשטעלן מיין ברודער זרח:

איך היים ברוך, און מיין ברודער — זרח. זענען מיר, ברוך און זרח, א צווילינג. ביידע זעען מיר אוים ענלעך, נישט צו דערקענען, ווער ס'איז ברוך און ווער זרח. איך בין א געלער און זרח איז אויך א געלער. איך האב א פנים מיט פיגנעס און זרח האט אויך א פנים מיט פיגנעס. איך האב א נאז ווי א שופר און מיין ברודער זרח האט אויך אזא סקיווקע. איך האב א שטיקל הויקער, און דאס נעמלעכע צו הערן פון מיין ברודער זרח. איך בין א שטאמלדיקער און מיין ברודער „זאוואדזשעט" זיך אויך ביים רעדן. ביידע זענען מיר איין הוקס, ביידע זעען מיר גלייך אוים — נישט צו דערקענען.

קליינערהייט, ווען מיר זענען געווען יינגלעך אין דערהיים, האט די מאמע פון אונז געהאט גרויסע צרות. בין איך געווען בייז אויף זרחן, האב איך אויפגעגעסן מיין מיטאג און באלד דערנאך געקומען נאך אמאל און אויפגעגעסן זרחס מיטאג. די מאמע האט נישט דערקענט, ווער ס'איז ברוך און ווער זרח. האט זרח געהאט צו מיר א ושאל, האט ער געטון דאס אייגענע. האט דער רבי געזען זרחן זיך גליטשן אויפן אייז, בין איך געווען דאס כפרה־הינדל, ווייל דער רבי האט נשט דערקענט, ווער ס'איז ברוך און ווער זרח.

איצט זעען מיר אויך בײדע גלײך אויס. נישט מעגלעך צו דערקענען, װער ס'איז ברוך און װער זרח.

װעט איר דאָך פֿרעגן, װאָס פֿאַר אַ סמיכת הפּרשות האָט מײן ברודער זרח צו מײן װײַבל דבורה? טאָ הערט־זשע אויס מיט קאָפּ:

דעם פֿאַרגאַנגענעם פּסח איז צו מיר געקומען צו פֿאָרן צו גאַסט מײן ברודער זרח. װי נאָר ער איז געקומען איבער דער שװעל, האָט אים מײן ײדענע באַגעגנט בײ דער טיר:

— ביזט שוין דאָ!... שלימזל!... לאַמאַנע!...

האָט מײן ברודער געשמײכלט:

— פּשעפּראַשאַם, איך בין נישט ברוך — נאָר זרח!...

האָט זיך מײן ײדענע פֿאַרשעמט און פֿאַרענטפֿערט זיך:

— פּשעפּראַשאַם נאַימאָצניעי, כ'האָב געהאַט אַ טעות. כ'האָב געמײנט, אַז דו ביזט ברוך...

האָט זי זיך שטאַרק דערפֿרײט מיט דעם גאַסט, אים געבעטן װײטער און האָט זיך נישט געקענט אָפּװוּנדערן, װי ענלעך ער איז צו מיר — „יאַק דװיע קראָפּלע װאָדי”...

דאָ הײבט זיך אָן די ריכטיקע מעשה. מיט מײן ברודער זרחס קומען צו מיר אין שטוב אַרײן, הײבט זיך אָן מײן דבורהס „טראַגעדיע”: זי דערקענט נישט, װער ס'איז ברוך און װער ס'איז זרח. װאָס ס'זאָל מיר זײן, איז אים, און װאָס ס'זאָל אים זײן, איז מיר, און ס'איז ליהודים!

איך קום אַהײם שפּעט בײנאַכט, באַגעגנט מיך מײן דבורהלע — װי תמיד אין אַזאַ פֿאַל — מיט דער קער־באַרשט אין דער האַנט. זעענדיק דאָס „כּלי־זײן”, זאָג איך מיט אַ שמײכעלע:

— האָסט אַ טעות, שװעגערין, איך בין נישט ברוך, נאָר זרח!...

האָט זי באַלד געלײגט דאָס געװער און זיך אַנטשולדיקט:

— פּשעפּראַשאַם נאַימאָצניעי, כ'האָב געמײנט, אַז דו ביזט ברוך!...

האָט זיך מײן ברודער צעלײגט אויף דער קאַנאַפּע, האָט זיך מײן דבורהלע צוגעכאַפּט צו זײנע הויזן אַ קוק טון, װאָס ס'הערט

זיך עפּעס אין בײַטעלע, האָט זיך מיין ברודער איבערגעוועקט און געזאָגט:

— דבורהלע, דאָס בין איך, זרח, דאָס זענען נישט ברוכס הויזן, נאָר מיינע...

האָט זיך דבורהלע פאַררויטלט און זיך אַנטשולדיקט:

— פּשעפּראַשאַם נאַימאָצניעי, כ'האָב געמיינט, אַז דאָס זע־נען ברוכס הויזן!...

די טעג באַגעגן איך אין גאַס אַ באַקאַנטע פּרוי, רעדט מען וועגן דאָס, יענץ וכדומה, און צום סוף זאָפּראַשע איך זי אין קינאָ. זיצן מיר ביידע אין אַ ווינקל און היות ווי אין זאַל איז גע־וועזן קיל, האָבן מיר זיך צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. פּלו־צים איז דער אַפּאַראַט קאַליע געוואָרן, אין זאַל ווערט ליכטיק, און הערט מיין אומגליק: נעבן מיר זיצט, טרעפט ווער? יאָ, זי, מיין דבורה. זי קוקט מיך אָן, און איך מאַך מיך נישט־זען. אירע אויגן שפּיזן מיך אַדורך, ס'וואַרפט מיך ווי אין קדחת, ס'האַקט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן. אַ היץ כאַפּט מיך אַרום, אַ שוויים שלאָגט מיר אַרויס; ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ יעמוד זי וועט מיר דאָ אויפ־שפּילן. מיין שכנטע פילט, אַז דאָ איז עפּעס געשען, פרעגט זי מיך:

— וואָס איז מיט אייך? איר פילט זיך נישט גוט?

נו גיי, דערצייל איר, וואָס ס'איז, אַז איך האָב פאַרלוירן ס'לשון. פּלוצים איז מיר אַדורכגעלאָפן אַ געדאַנק: מיין ברודער זרח!

איידער וואָס, ווען, איז זי שוין ביי מיר, קוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין. זי קוקט אויף מיר און איך אויף איר. דאָך האָט זי זיך „אַדוואַזשעט" און גיט מיך אַ פרעג:

— ב—ר—ו—ך?

— עי, — זאָג איך, — זרח!

האָט זי נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף מיר און האָט זיך אַנטשולדיקט:

— פּשעפּראַשאַם נאַימאָצניעי! כ'האָב געמיינט, אַז דו ביזט ברוך!

איך קום אהיים א מידער פון א גאנצן טאג ארומלויפן אין גאס, לייג איך מיך צו אביסל אפרוען אויף דער קאזעטקע. פלו־צים פיל איך, ווי א פרויען־הענטל גלעט מיר די האר, די גאמבע, טוליעט זיך צו מיר. איך גיב א קוק, — מיין דבורה.

— וואס איז דאס? עפעס איז דאס נישט איר טבע מיך צו גלעטן, אזוי טוליען זיך צו מיר. פארשטיי איך, אז דא איז עפעס א שטיקל טעות, זאג איך צו איר:

— דבורהלע, דאס בין איך, ברוך!

— טפו זאלסטו מיר ווערן!... כ'האב געמיינט, אז דו ביזט זרח!...

ווי נאר ס'האט א שיין־געטון די זון, איז איר — ווי תמיד אין דער צייט — געווארן „דושנע". זי האט געעפנט דאס פענ־סטער און זיך געלייגט נאסע האנטיכער צום קאפ. דאס איז א פארשפיל צו דער זומער־וווינונג... איך קום אהיים, ליגט זי אויף דער קאנאפע פארבונדן דעם קאפ און סטענקעט, פארשטיי איך דאך, מיט וואס דאס שמעקט, מאך איך מיך געפגרט, ווי נישט מיך מיינט מען. זי סטענקעט און איך זינג מיר אונטער א זמרל, ווערט זי אין כעס און גייט ארויס מיט לשון:

— א מאן, מ'שטיינסגעזאגט! אלע האבן שוין געדונגען ליעטניסקעס און ער רירט זיך נישט. איך קאן דעם „וואזדעך" נישט כאפן, און ער זינגט זיך לידלעך. וואס ארט אים, אז זיין ווייב ווערט דערשטיקט און דערווארגן...

האב איך דאך פארשטאנען, אז דאס מיינט זי מיך; אז דאס איז נאר בלויז א הקדמה, אז דאס איז נאר דאס שיטערע, און אז באלד וועט נאכקומען דאס געדיכטע, האב איך איבערגעריסן איר פארשפיל:

— אודאי איז אן עולה! פארוואס דינגט ער נישט קיין לעט־ניסקע?

קוקט זי מיך אן פון קאפ ביז פיס:

— ווער?

— נו, ער, ברוך!

— און ווער ביזטו?

— איך? זרח!...

האָט זי זיך אַנטשולדיקט:

— פשעפּראַשאַם נאַימאַצניעי, כ'האָב געמיינט, אַז דו ביזט ברוך!...

ווי נאָר זי האָט געהערט, אַז איך בין נישט ברוך, נאָר זרח, האָט זי בליץ־שנעל אַראָפּגעכאַפּט דאָס האַנטוך פון קאָפּ, האָט אויפגעהערט צו סטענקען, האָט צוריק פאַרמאַכט די פענסטער. ס'איז איר שוין נישט געווען „דושנע"... איך האָב אַנגעקוואָלן, בין געוואָרן דיק און ברייט, האָב געדאַנקט און געלויבט גאָט, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט מיין ברודער זרח, וואָס לייזט מיך אויס פון אַלע צרות און אומגליקן.

איצט זעט איר דאָס רויטע בענדל אויף מיין אַרבל? דאָס האָט מיר מיין יידענע אָנגעטון, כדי זי זאָל דערקענען — ווער ס'איז ברוך און ווער ס'איז זרח...

ווען איך בין ראָטשילד!...

דער ענגלישער עקס־קעניג עדוואַרד האָט גע־
וויזיט אין עסטרייך ביים באַראָן ראָטשילד.
(פון דער פרעסע)

כ׳זאָג אייך, יידן, די הויזן זאָל מען פאַרזעצן און א גביר זאָל מען זיין. א גביר איז א בר־מזל און אן אָרעמאַן א שלימזל. ביי א גביר ווערט פון בלאָטע — גאָלד, און ביי אן אָרעמאַן פון גאָלד — בלאָטע. א גביר איז א חכם, כאָטש ער איז א בהמה. א גביר איז א שיינער ייד, כאָטש ער איז א פאַרזעעניש. א גביר איז דער דעה־זאָגער, זיצט אויבנאָן אויף דער מזרח־וואַנט, איז גבאי אין שול, כל ולך אין דער קהלה. אין דער שוויץ ליגט ער אויסגעצויגן ווי א גראַף אויף דער אויבערשטער באַנק. א גביר דאַרף קיין קאָפּ נישט, געווּג, אַז ער האָט — א קעשענע. דער גביר איז אומעטום דאָס אויבערשטע פון שטייסל, ווייל... ווייל... כסף וזהב מטהר גבירים!...

א טייערע זאַך, זאָג איך אייך, איז צו זיין א גביר. זומער לייד׳ט ער אויף נירן און טרינקט „מים המאררים״. ווינטער ליידט ער אויף נערוון, און קלעטערט אויף די בערג אין זאַקאָפּאַנע. דער גביר קאָן זיך פאַרגינען צו האָבן א געשוואָלענע לעבער, א פאַר־גרעסערטע מילץ, שמאַלץ ביים האַרץ און אַנדערע „לוקסוסאָווע״ אַרטיקלען.

איין חסרון האָבן זיי, די גבירים, וואָס וויפל זיי האָבן,

האָבן זיי ווייניק; אפילו אזא ייד, ווי ראָטשילד, דאַכט זיך, א ייד א גביר און נישט סתם עפּעס אזוי א גביר ווי אנדערע גבירים, וואָס זענען „רייך״ אין פּראָטעסטן.

ראָטשילד איז דאָך אַן אמתער, אַן אָנגעשטאָפּטער, אַן אָנגע־פּראָפּטער גביר; די גאַנצע משפּחה גבירים, אדירים, מיליאָנטשי־קעס, און דאָך, און דאָך... דאָך זוכט ער גאָר סובלאָקאַטאָרן... און אפילו צו סובלאָקאַטאָרן האָבן זיי אויך מזל. אַז ראָטשילד זוכט א סובלאָקאַטאָר, פּאַקט ער אַזאַ העכטל, ווי דעם ענגלישן עדוואַרד.

אָט־אָ דאָס הייסט א מזל פון א גביר. איך אַליין האָב אויך א ליטישע וווינונג מיט ווײַגאָדעס, איך זוך אויך א סובלאָקאַטאָר, גיב איך אַנאָנסן אין דער צייטונג, יאָוועט זיך פאַרשידענע רעפּ־לעקטאַנטן: קומט א שיין, יונג מיידל, געפעלט עס נישט מיין ווייב, ס׳איז איר, זאָגט זי, נישט געזונט צום הויקער... קומט א ליטישער בחור מיט שוואַרצע אויגן, מיט א געדיכטער טשופּרי־נע, וואָלט שוין מיין ווייבל יאָ באַשטאַנען, האַלט איך נישט דער־פון, — צו וואָס נעמען אַן אומגליק אין שטוב אַריין!...

האָבן מיר געמאַכט א קאָמפּראָמיס, און אָנגענומען א יונג פּאָרפאָלק, א וואָך נאָך דער חתונה. האָט זי אין „מיאַדאָווע מיע־שאַנץ״ באַקומען „ווייען״, האָב איך אינמיטן דער נאַכט געמוזט לויפן נאָך דער הייוון, קויפן שיר המעלותן, געהאַט צו טון מיט א זכר, מיט א ברית. גאַנצע נעכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. דער נייער „סובלאָקאַטאָר״ האָט זיך געפילט היימיש און געקוויטשעט ווי א חזירל. אין בעסטן שלאָף האָט מיך מיין יידענע אויפגע־וועקט: „יאָסל, גיי אַריין צווויגן ס׳קינד״. די שטוב איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין א בוידעם: שנירן מיט ווינדעלעך, וויקעלעך, יאַקעלעך און העמדעלעך. נישט ווי, נישט וואָן, האָט מיך די סוב־לאָקאַטאָרקע אַריינגערופן:

— פּאַניע... וואָס פאַר א מענטש זענט איר! איר זעט, ס׳קינד רייסט, ס׳בייכל טוט אים ווי, מ׳דאַרף מאַכן א קריסטירל און אייך אַרט עס גאָרנישט!... איר נעמט דירה־געלט, טאָ גייט אַריין מאַכן דעם קינד א קריסטירל!...

אַ צווייט מאָל רופט מיך די סובלאָקאַטאָרקע אַריין צו זיך, זי דאַרף זיך מיט מיר עפּעס „פּאָראַדזשען".

— וואָס איז?

— איר זענט דאָך אַן אַלטער טאַטע, אייער ווייב איז דאָך אויך אַמאָל געווען אַ קינפּעטאָרין, דאַרפט איר זיך דאָך קענען אויף די זאַכן.

— אויף וואָס פאַר אַ זאַכן?

— ס'האָט זיך מיר געמאַכט אַ „זאַטוואַרדניעניע" אויף דער ברוסט... ס'קינד קען נישט זייגן. וואָס טוט מען דערצו?

בין איך דאָך געוואָרן אין כעס: „פון וואַנען וויים איך פון אַזעלכע זאַכן? איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזויגן קיין קינד, איך ווייס נישט פון קיין „זאַטוואַרדניעניעס" און לאָזט מיך צו־רו"!...

האָט זיך יענע אָנגעצונדן:

— איך צאָל אייך דירה־געלט, און אַז ס'מאַכט זיך מיר אַ „זאַטוואַרדניעניע", ווילט איר אַפילו קיין האַנט נישט צוטון!...

אַז איך האָב געזוכט אַ סובלאָקאַטאָר, האָב איך געטראָפן אויף אַ יונג פּאָרפאָלק נאָך דער חתונה, און איך האָב געהאַט צו טון מיט הייוונס, מיט „זאַטוואַרדניעניעס" און מיט ווינדלען, און אַז ראָטשילד זוכט אַ סובלאָקאַטאָר, ווערט עדוואַרד ברוגז מיט דער קרוין, צעקריגט זיך מיט דער מאַמען, כאַפּט זיין מרת סימפּ־סאָן און פליט קיין עסטרייך, און ווערט אַ סובלאָקאַטאָר ביי ראָט־שילדן...

אָט־אָ דאָס הייסט אַ סובלאָקאַטאָר. אָט־אָ דאָס הייסט אַ מזל פון אַ גביר. איך האָב דאָך אויך אַ ליטישע דירה מיט וויגאָ־דעס. וואָס, אַ שטייגער, וואָלט מיר געפעלט, ווען איך פּאַק אַזאַ סובלאָקאַטאָר? אמת טאַקע, ראָטשילד וועט אויך מסתמא בקרוב מוזן לויפן נאָך דער הייוון, מ'וועט אויך טריקענען ווינדעלעך, אָבער דאָס וועלן דאָך זיין אַנדערע ווינדעלעך, קעניגלעכע ווינדלען שמעקן אַנדערש... קעניגלעכע קריסטירלעך האָבן גאָר אַן אַנדערן טעם... און גלויבן זאָלט איר מיר, אַז צו אַ קעניגלעכער „טוואַרד־ניעניע" וואָלט איך יאָ צוגעטון אַ האַנט...

וואָלט איך געפּאַקט אַזאַ העכט, וואָלט דאָך מיר ווויל גע־ וועזן. ביי אַזאַ העכטל קען מען באַקומען פאַר א קוואַרטל ז' גורי, מ'האָט נישט מורא, אַז ער וועט אין א פּראָסטן מיטוואָך נעמען דעם טשייניק מיט דער קאָלדרע און גיין פּליטה... פאַרקערט, ביי אַזאַ סובלאָקאַטאָר קען מען נאָך אַמאָל כאַפּן א גמילת־חסדל אויך.

יאָ, רבותי! ס'איז גוט צו זיין א גביר, א גביר איז א בר־ מזל און אַן אָרעמאַן — א שלימזל. וואָלט איך געוועזן א גביר, וואָלט איך היינט געהאַט עדווארדן פאַר א סובלאָקאַטאָר, נישט יענע יידענע מיט דער „טוואַרדניעניע".

— ווען איך בין ראָטשילד!...

מיין פעקל צרות...

איר הערט, ר׳ ייד, אז איך לעב נאָך, בין איך פון אייזן. אז איך האַלט אוים מיין פעקל צרות, בין איך אַ ריז, אַ מחבל, אַ גבור בין איך!

ס׳רעדט זיך נאָר אזוי — אַ גבור. מיין גבורה, אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן. אז סך־הכל האָב איך אין קאָפּ אַ פייפער, וואָס פייפט. אויף וועמען ער פייפט, זאָל איך אזוי וויסן פון בייז. אין האַלז האָב איך אַ האָן, וואָס קרייט, און די לונגען האָבן קיינמאָל קיין צייט נישט — איביק זענען זיי „זאַיעגטע״... אַ חוץ דעם האָב איך פיס, וואָס זאָגן מיר אָן דעם וועטער. איין פוס „ווייסט״, ווען ס׳וועט קומען קעלט, און דער צווייטער — אויף רעגן. שוין אָפּגערעדט פון מיין עכט־יידישער חולאת, וואָס קומט פון זיצן...

און דאָך, און דאָך בין איך אַ ריז, אַ מחבל, אַ העלד, אַז איך האַלט אוים מיין פעקל צרות. און פון וועמען, מיינט איר, האָב איך די צרות? פון מיינע בנים און בנות.

זעצט אייך, ר׳ ייד, און איך וועל אייך איבערגעבן מיין פעקל צרות.

ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך בסך־הכל פיר קינדער; צוויי טעכטער און צוויי זין. איז דאָך שיין פון מיין זייט, נישט אזוי? האָב איך דאָך על פי שכל געדארפט דאַנקען און לויבן זיין הייליקן נאָמען פאַר דער מתנה? איז אָבער די צרה, וואָס די קינדער

זענען קיין קינדער נישט, דער טאַטע איז בײַ זיי קיין טאַטע נישט, די מאַמע קיין מאַמע נישט — זיי זענען „סאַמאָדזיעלנע".

זיי טוען, וואָס זיי ווילן, און איך האָב בײַ זיי קיין שום דעה נישט. פרעג איך בײַ זיי:

— קינדער, וואָס בין איך בײַ אײַך?

— אַ חבר, — ענטפערן זיי.

— און די מאַמע?

— אַ חברטע.

— אַ חבר? אַ חברטע? ווען נישט איך און ווען נישט די מאַמע, וואָלט איר דאָך אינגאַנצן נישט...

— אַ שיינעם דאַנק דיר, טאַטעשי, פאַר דער טובה... מיר וועלן דיר די טובה קיינמאָל נישט פאַרגעסן, — אַזוי ענטפערן זיי מיר.

איר הערט דבורים? איר זענט דאָך אויך אַמאָל געווען קינ־דער. נו, האָט איר אַזוי געענטפערט אײַערע טאַטע־מאַמע? אדרבא, זאָגט איר אַליין!

אויב מ'האַלט שוין אין רעדן, וועל איך טאַקע אין איין וועג דערציילן דעם „נחת", וואָס איך האָב פון מײַנע קינדער.

די עלטסטע טאָכטער מײַנע, פאַלטשעלע, שיין איז זי, ווי גאָלד. צוויי שווארצע אויגן, ווי צוויי בריליאַנטן, האָר, ווי סאַמעט, ציין — צוויי שנירן פערל, ליפּן, ווי פרישע קאַרשן, קלוג און גע־ראָטן.

נו, דאַרף מען נאָך בעסער? וועלכער טאַטע וואָלט זיך נישט געוווּנטשן אַזאַ קינד? איז איר אָבער אַרײַן אין קאָפּ אַ געדאַנק — פּאַלעסטינע! זי וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל „וואַלטשען" מיט די אַראַבער.

טענה איך מיט איר:

— נאַרעלע, קיין ארץ־ישראל מוז מען דאָך האָבן אַ שנאַל גאָלד!

לאַכט זי פון מיר:

— טאַטעשי, איך דאַרף נישט קיין געלט. איך וועל אַרײַנ־גיין אין אַ קיבוץ.

און פּאַרטיק!

די טעג, איך קום אַהיים, זיצט זי מיט לעדערנע הענטשקע־לעך אויף די הענט און שיילט קאַרטאָפל... פרעג איך זי:

— פּאַלטשעלע, וואָס שיילסטו עפּעס קאַרטאָפל? ראשית, קאָכט מען היינט אויף מיטאָג לאָקשן מיט יויך. והשנית, איז דאָך דאָ אַ דינסט צו שיילן קאַרטאָפל?

— טאַטעשי, איך „טשוויטשע" מיך! אין קיבוץ מוז מען אַלץ קענען.

צומאָרגנס, ווידער, טרעף איך זי פּוצן די שויבן מיט אַ זיידן קליידל, פרעג איך זי ווידער:

— פּאַלטשעלע, וואָס עפּעס אינמיטן דערינען?

— טאַטעשי, כ'„טשוויטשע" מיך! אין קיבוץ מוז מען אַלץ קענען.

די טעג זיצט זי ביי אַ פּאָר הויזן, רייסט אָפּ די קנעפּלעך און נייט צוריק אָן די קנעפּלעך. פרעג איך זי ווידער די אייגענע קשיה:

— פּאַלטשעלע, וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט?

— טאַטעשי, כ'„טשוויטשע" מיך. אין קיבוץ מוז מען וויסן, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין מיט הויזן אויך...

בין איך דאָך שוין געוואָרן אין כעס:

— פּאַלטשעלע, צו שיילן קאַרטאָפל אין הענטשקעס, פּוצן פענסטער מיט אַ זיידן קלייד און אויף אומצוגיין מיט הויזן, האָסטו געדאַרפט ענדיקן די שולע מיט מאַטורע? אָן מאַטורע וואָלסטו נישט געקענט נייען קנעפּלעך צו הויזן?

לאַכט זי פון מיר:

— טאַטעשי ווייסט נישט, טאַטעשי איז פון דער אַלטער דאַטע.

דאָס איז די עלטסטע. איצט האָב איך אַ צווייטע, סאַלטשע־לע, אויך אַ געראָטן קינד. שטיל, ווי אַ טויב, טשעפּעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט, — איז דאָך שוין ווידער גוט, האָ? טויג עס ערשט אויפּסניי נישט. האָט זי איין „חסרון":

די אָרדענונג געפעלט איר נישט. זי לײדט נישט. קײן עוולות, און זי האַלט אין אײן זוכן די גערעכטיקײט. טענה איך מיט איר:

— נאַרעלע, וואָס דו ביזט. די וועלט שטײט שוין אַזוי לאַנג, ווילסטו זי איבעראַנדערשן? וואָס נעמסטו זיך אָן קהלס קזשיוודע? פאָלג מיך און שלאָג דיר אַרױס פון קאָפּ די נאַרישקײטן.

לאַכט זי פון מיר:

— טאַטעשי פאַרשטײט נישט, טאַטעשי איז פון דער אַלטער דאַטע.

דאָס זענען מײנע טעכטער. איצט וועל איך אײך באַקענען מיט מײנע צוויי זין:

דער עלטסטער איז

אַ באָקסער.

מײנט איר דאָך, אַז ער איז עפּעס אַ העלדישער יונג, מיט ברײטע פּלײצעס, מיט מוסקולן? האָט איר במחילה אַ גרויסן טעות. הויט און בײן, קוים ער לעבט. הענט — צוויי בײטשן, פיס — צוויי דאַרע, אויסגעצויגענע שטעקעלעך.

איז אָט דער „מחבל" אַ באָקסער. יעדן טאָג נעמט ער די באָקסער־הענטשקעס און גײט אויפן טרענינג. נאָך יעדן „טרע־נינג", קומט ער אַהײם, אַמאָל מיט אַ קישן אונטער די אויגן, אַמאָל מיט אַן אויפגעשאַרצטע ליפּ, אַמאָל מיט אַ צוויי־דרײ באַק־צײן אין דער קעשענע, פון בײלן איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

וואָלט דאָס אַלץ שוין געווען צו דערלײדן, ווען נישט די מעשה מיט די וואָגן. מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט דער בחור אויפגעהערט צו עסן. פרעג איך אים:

— זונעלע, וואָס איז דאָס? וואָס ביזטו ברוגז געוואָרן מיט דער אכילה?

זאָגט ער צו מיר:

— טאַטעשי פאַרשטײט נישט, טאַטעשי איז פון דער אַלטער דאַטע. איך בין נישט ברוגז געוואָרן מיטן עסן, נאָר איך מוז פאַר־לירן פון דער וואָג.

— וואָס עפּעס אינמיטן דערינען? דו ביזט דאָך נישט קיין יידענע, וואָס דו דאַרפסט היטן די „ליניע״!...

— ס׳האַנדלט זיך נישט וועגן דער ליניע, נאָר וועגן עפּעס אַנדערש.

— וואָס, למשל?

— כ׳מוז האָבן אַ „וואַגע מושע״, אַ פליגן־וואָג. טאַטעשי האָט פאַרשטאַנען?

— אַהאַ, דו ווילסט האָבן די וואָג פון אַ פליג!... איצט פאַרשטיי איך שוין. אַז דו וועסט האָבן די וואָג פון אַ פליג, וועסטו בעסער קענען באָקסן!...

איצט, נאָך אַ חודש תעניתים, זעט מיין באָקסער אויס, ווי אַ סוכאָטניק. ער פאָכעט מיט דער נשמה. ער איז אָבער צופרידן— ער האָט שוין מיט מזל די „וואַגע מושע״...

איצט קומט דער פערטער, אַ יינגל, אַ צאַצקע. הויך, שיין, שוואַרץ, ווי אַ ציגיינער. יכולט אין די דראָבנע אותיות. ווען איך קוקט אים אָן, איז אָדער ער לעזט, אָדער ער זינגט.

איז דאָך שוין ווייטער גוט, האַ? טויג עס ווידער נישט. דהיינו? איין קליניקייט,

ער איז אַ קינסטלער.

ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ דראַמאַטישן קרייז, און פּראַוועט משוגענע קונצן. גאַנצע טעג זיצט ער ביים שפּיגל, עסט אין שפּיגל, טרינקט אין שפּיגל, לאַכט אין שפּיגל, מאַכט מורא־דיקע פּנימער, משוגענע העוויות — אַלץ אין שפּיגל. די היינטי־קע וואָך האָב איך מיט אים געהאַט אַזאַ מעשה:

ביים מיטאָג איז עס געווען. אַלע זענען געזעסן ביים טיש. פּלוצים גיט ער אַ שפּרינג אַרויף אויפן טיש, כאַפּט אַרויס אַ רע־וואָלווער און נעמט שרייען:

— אַהאַ!... כ׳האָב דיך געפּאַקט!... דו אויסגעלאַסענע!... איצט איז געקומען די מינוט פון מיין נקמה!... דערשיסן וועל איך דיך מיט דיין ליובאָווניק צוזאַמען!...

נו, שטעלט אייך פאָר, וואָס אין דער שטוב איז געוואָרן.

מיין יידענע איז אוועקגעפאלן אין חלשות. די קינדער האבן גע־שריגן געוואלט. ס'זענען זיך צוזאמענגעלאפן די שכנים. מ'האט שוין געוואלט טעלעפאנירן נאך דער פאגאטאווע. פלוצים לייגט ער אוועק דעם רעוואלווער און מיט א שמייכל פרעגט ער מיך:

— נו, טאטעשי, האב איך גוט אפגעשפילט די אייפערזוכט־סצענע?...

אט אזעלכע צרות האב איך פון מיינע קינדער. געראטענע קינדער, ווילע קינדער, און דאך נישט קיין קינדער. אז איך האלט דאס אויס, בין איך א ריז, א מחבל.

הכלל, כ'האב איבערגעגעבן מיין פעקל צרות און האלט עס איך געזונטערהייט.

האַרש בערס ווירטשאַפט...

האַרש בער איז אַ פאַרמלחמהדיקער פאַבריקאַנט מיט אַ ווייך יידיש האַרץ, וואָס האָט נישט געקענט צוזען, אַז יידישע אַרבע־טער זאָלן נעבעך פאַרשוואַרצט און פאַרפינסטערט ווערן אין דער פאַבריק, — גויים, האָט ער געזאָגט, זענען אויך נישט שוואַך צו אַרבעטן, — אַזאַ ווייך יידיש האַרץ האָט ר׳ האַרש בער געהאַט!...

איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן פאָניען מיטן פּראָס, און אוים ר׳ האַרש בער! ער איז דאָ, נאָר דער „מאַיאָנטעק" האָט באַקומען אַ גאַלאָפּ־שווינדזוכט.

אַז מ׳האָט אים לעצטנס געפרעגט: וואָס הערט מען, ר׳ האַרש בער? האָט ער געענטפערט:

— געלויבט השי״ת, די פאַבריק מיטן הויז האָט דער „סקאַרב", ס׳מעבל האָט דער קאָמאַרניק גענומען „נאַ פּשעכאָ־וואַניע" און נעכטן האָט דער מאַגיסטראַט צוגענומען דעם טיש מיט די שטולן. זיץ איך אויף דער פּאָדלאָגע מיט פאַרלייגטע פיס, זופּ טיי און רויכער אַן „אוואַנטי" — נו, בין איך נישט אַ „פּראָוו־דזשיוועו" כינעזער?...

פון דעמאָלט אָן רופט מען אים האַרש בער דער כינעזער.

אָבער נישט דאָס זענען מיר אויסן, מיר ווילן נאָר דערציילן, ווי אַזוי איך, האַרש בער, האָב איינגעאָרדנט מיין בעל־הבתיש־קייט לויטן מוסטער פון סאָוויעט־רוסלאַנד. מיין ווירטשאַפט איז טעטיק גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת אָן איבער־רייס.

האַרש בער האָט געלייענט אין דער צייטונג, אַז אין רוסלאַנד איז היינט נישטאָ קיין טאָג און קיין נאַכט. אַז אַלע פאַבריקן, וואַר־שטאַטן, טעאַטערן, רעסטאָראַנען זענען טעטיק פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. אַלץ אַרבעט מיט „זמיאַנעס". ס'איז נישטאָ קיין שבת, נישט קיין זונטיק, נישט קיין יום־טובים. מ'ווייסט נישט פון קיין „שוויענטעס" און פון קיין גאַלאָווקעס און פון קיין „אימיענינעס" — אַלץ מוז אַרבעטן אָן איבעררייס.

— אַ ווויִלע זאַך, — האָט זיך האַרש בער געטראַכט, — פאַרוואָס זאָל איך אויך נישט אַזוי איינאָרדענען מיין אייגענע ווירטשאַפט? ביי אַזאַ סיסטעם, וואָלט דאָך אַלץ געקענט זיין ווי אַמאָל, אין די גוטע צייטן, אויף אַ גאָר פשוטן אופן!...

ווי אַזוי?

אָט ווי אַזוי:

צו וואָס דאַרף מיין ווייב האָבן אַ פּאָר שיך, מיין עלטסטע טאָכטער אַ פּאָר שיך, אוןביידע ייִנגערע טעכטער אויך באַזונדע־רע שיך, אַז אויף אַזאַ אופן, איז דאָך גענוג איין פּאָר שיך. אין דער פרי וועט מיין ייִדענע גיין אין די שיך. פאַרמיטאָג די עלטסטע טאָכטער, נאָכמיטאָג די ייִנגערע טאָכטער, און אַזוי כסדר פיר און צוואַנציק שעה... דאָס אייגענע איז מיט זאָקן, קליידער, פּאַלטנס, הוטן א. אַ. וו.

געזאָגט און געטון: האַרש בער האָט פאַרווירקלעכט דעם פּלאַן, וועלכער האָט זיך גלענצנד איינגעגעבן.

הערט, ווי אַזוי:

האַרש בער האָט איין דאַמען־קאָמפּלעט און איין מענער־קאָמפּלעט. איין פּאָר דאַמען־שיך, איין פּאָר זיידענע זאָקן, איין דאַמען־פּאַלטן, איין קלייד, איין הוט, איין פּאָר הענטשקעס, איין סאַקעווקע. אין דער פרי גייט אַרויס דאָס ווייב אויפן שפּאַציר „וו' פּעלנים רישטונקו"; מיט די פאַנטאָפל, זיידענע זאָקן, פּאַלטן, אַ קלייד מיט אַ שלעפּ, וואָס קערט אויס די גאַס, מיט דער סאַ־קעווקע אין דער האַנט.

קומט אַהיים דאָס ווייב, טוט זי זיך אויס, און סאַלטשעלע

גייט אַרום אין גאַנצן שטאָט. סאַלטשעלע קומט אַהיים, גייט אַרויס פּעלע, פּעלע קומט אַהיים, גייט אַרויס זאָשע — אַזוי איז דער דאַמען־קאָמפּלעט טעטיק גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת אָן איבעררייס.

דאָס אייגענע איז מיטן מענער־קאָמפּלעט: האַרש בער און זיינע צוויי זין האָבן איין קאַפּעלוש, איין פּאָר הויזן, איין פּאָר שיך, איין קאָלנער און איין שניפּס. צוערשט גייט דער טאַטע, שפּעטער דער עלטסטער זון, דערנאָך דער ייִנגערער, און דער מענער־קאָמפּלעט איז אויך טעטיק פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, אָן איבעררייס.

דאָס אייגענע איז מיט אַלע אַנדערע זאַכן: איין טעפּל, איין טעלער, איין לעפל, איין גאָפּל, איין מעסער. צוערשט עסט דער טאַטע, דערנאָך די מאַמע, און דאַן גייט לויט דער ריי, אַזוי־נאָך איז דאָס טעפּל, דער טעלער, דער לעפל, דער גאָפּל און ס׳מעסער טעטיק גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, אָן איבעררייס...

דאָס זעלבע איז מיטן שלאָפן: ביז איצט האָט האַרש בער געהאַט אַ קלאָפּאָט, — וואָס טוט מען? פינף דערוואַקסענע קינדער, איך און מיין ווייב, און אַ סובלאָקאַטאָר דערצו — אַ געזינדל זאַלבעראַכט און בעטן נאָר צוויי — וואָסער עצה גיט מען זיך?

איצט איז די פראַגע געלעזט: „זמיאַנעס״. האַרש בער און דאָס ווייב — איין „זמיאַנע״, די טעכטער — אַ צווייטע „זמיאַנע״, די זין מיטן סובלאָקאַטאָר — אַ דריטע „זמיאַנע״. דריי „זמיאַנעס״ מיט אַן אַכט־שעהדיקער שלאָף־צייט... אַזוי־אַרום זענען די בעטן טעטיק פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, אָן איבעררייס...

ביז איצט האָט יעדע טאָכטער געהאַט אַ באַזונדערן חתן. פאַר יעדן חתן האָט מען געדאַרפט מאַכן באַזונדערע „פּשיעננטשעס״. איין חתן אַריין, אַן אַנדערער חתן אַרויס. איז איינע געווען „זאַזדראָסנע״ אויף דער צווייטער, האָט מען זיך געריסן ביי די נעז.

איצט האָט האַרש בער איין סובלאָקאַטאָר, „באַדינט" ער אַלע דריי טעכטער: אין דער פרי גייט ער מיט דער עלטסטער, פאַרמיטאָג מיט דער יינגערער, נאָכמיטאָג מיט דער יינגסטער און האָט נאָך צייט צו דער מחותנתטע אויך... אזוי־אַרום איז דער איינער חתן טעטיק גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, אָן איבעררייס...

איצט איז האַרש בערס גאַנצע ווירטשאַפט טעטיק גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, אָן איבעררייס.

מזל־טוב, די באָבע ווערט אַ כּלה!...

געוועזן איז עס שבת־צונאַכטס, קומט צו מיר אַריין אַ יידענע, וואָס לויט איר אויסזען, האָט מען געקענט מיינען, אַז זי איז אַ גבאיטע פון „הכנסת־כּלה״, אָדער אַ מאַכערין ביי די קינפּע־טאָרינס, מחמת זי האָט געהאַט אַן אוצר ווערצעלעך אויף דער נאָז און האָט געטראָגן אַ גרויסן האַנט־בייטל.

זאָגט זי: גוט וואָך.

ענטפער איך: אַ גוט יאָר.

פרעגט זי מיך: איר זענט דאָס דער, וואָס באַשרייבט דאָס אַלץ אַזוי „קומיטשנע״ אין די גאַזעטן?

— יאָ, דאָס בין איך, וואָס באַשרייב אַלץ אַזוי קומיטשנע אין די גאַזעטן.

— אויב אַזוי, האָב איך אייך געוואָלט דערציילן אַ מעשה, וואָס מ׳דאַרף זי טאַקע באַשרייבן, און טאַקע אויף אייער קומיטש־נעם שטייגער, און אַזוי ווי מ׳האָט מיך רעפאָרמירט (אינפאָר־מירט), אַז אין אייך קאָן מען אַריינרעדן, ווי אין אַ קבר אַריין, וועל איך אייך טאַקע די מעשה דערציילן פאָדראָבנע.

קודם־כּל וויל איך אייך זאָגן, אַז ווען איך וואָלט געוועזן דער וואָיעוואָדע, ווען איך האָב, הייסט עס, די דעה, וואָלט איך גע־נומען אַלע שדכנים און וואָלט זיי אַלע פאַרשיקט אין רעסטאָ־ראַציע־לאַגער (קאָנצענטראַציע־לאַגער), אָדער גאָר קיין סיביר.

וואָס איך האָב, פרעגט איר, צו די שדכנים? איר מיינט אפשר, אַז איך האָב טענות צו מיין שדכן, וואָס האָט מיר גע־

רעדט דעם שידוך מיט מיין מאַן? וואָס איך קען אַלץ איינפּאַלן! איך האָב גראָד גוט געטראָפן מיט מיין מאַן, הלואי זאָלן מיינע טעכטער אַזוי טרעפן, ווי איך האָב געטראָפן. אמת, קיין גרויסער גבור איז ער נישט, קיין קראַנקער, חלילה, אויך נישט. עס פּייפט בלויז ביי אים איין לונג, האָט אַביסל אַסטמע און אַ קאַפּיטשקעלע סקלעראָזע, און די ווארעם־פלאַש גייט אים פון בויך נישט אַראָפּ. קיין גרויסער פאַרדינער איז ער קיינמאָל נישט געווען, דערצו איז ער אַ שטיקל כעסן, אַ קרומער האָקן. נישט ווי, נישט ווען, קאָכט ער זיך אויף און גיט מיר ס'קאַלטע און ס'וואַרעמע, אָבער אַ חוץ דעם האָב איך גראָד יאָ געטראָפן — הלואי מיינע טעכטער נישט ערגער!...

אי, וואָס האָב איך ווידער צו די שדכנים? אז איך האָב אַזוי געטראָפן, דאַרף איך דאָך די שדכנים זיין דאַנקבאַר. פאַרוואָס קומט זיי צו פאַרשיקן קיין סיביר, פאַרוואָס?

אויב איר פרעגט מיך שוין יאָ אַזעלכע נאַרישע קשיות, וועל איך אייך דערציילן:

איך היים פּיטשע, נאָך מיין עלטער־באָבע פייגעלע, אַ ליכ־טיקן גן־עדן זאָל זי האָבן. אַ ווילע יידענע געווען, די באָבע פייגעלע, אַ כשרע יידענע, קלוג, ווי דער טאָג; עצות האָט מען זיך געקענט מיט איר האַלטן. איך בין טאַקע אינגאַנצן געראָטן אין איר, אין דער באָבע פייגעלע, הייסט עס.

יאָ, איך היים פּיטשע, דאַכט זיך, אַ שיינער נאָמען, האַ? אַ יידישער נאָמען, נישט ווי אַנדערע היינטיקע ווייבער רופן זיך: פעליציאַ, פלאָרידאַ, פלאַנדראַ. איז אָבער די צרה, וואָס מיינע אַ שכנטע הייסט אויך פּיטשע. איך האַלט אַ שניט־קרעמל, און מיין שכנטע, די צווייטע פּיטשע, האַלט אויך אַ שניט־קרעמל. מיך רופט מען: פּיטשע די שניט־קרעמערין, און די שכנטע רופט מען אויך: פּיטשע די שניט־קרעמערין. דער חילוק פון אונז ביידע איז דאָס, וואָס זי איז שוין מיט מזל אַן אלמנה און איך נאָך נישט!...

וואָס? איר איילט זיך? איר האָט קיין צייט נישט? מ'האָט דאָך מיך רעפּאָרמירט, אַז אין אייך קען מען אריינרעדן, ווי אין אַ קבר אריין!

יאָ, ווי האַלט איך? ביי פּיטשע די אַלמנה.

דעם היינטיקן חול־המועד קומט צו מיר אין דער קראָם אַריין א ייד, א געלער. איר האָט ליב געלע? איך האָב פיינט געלע, ווי חזיר, איר הערט — חזיר!... פרעג איך דעם חזיר... פשעפּראַשאַם, דעם געלן, מיין איך, — וואָס פאַרלאַנגט איר? א שטיקל שערצן־צייג? העמדער? און אפשר ווילט איר אויף א פּאָר הויזן?

— הי... הי... — האָט זיך דער געלער געיענקעט, — איך... איך בין נישט קיין סוחר.

— טאָ וואָס דען זענט איר?

— איך... איך... איך בין א שדכן. כ'האָב אייך געוואָלט אָנשלאָגן א שידוך.

האָב איך דאָך פאַרשטאַנען, אז דאָס איז ער געקומען אָנ־שלאָגן א שידוך מיין עלטסטער טאָכטער, נו, האָב איך דעם ייד געבעטן זיצן.

— זיצט ר' שדכן, דערציילט, וואָס פאר א שדוך האָט איר? וואָס איז דער חתן? עפּעס א לייטישער מענטש? א פּאַרדינער? פון א שיינער משפּחה?

— וואָס רעדט איר? — האָט דער געלער גענומען האַקן מיט זיין לעקער. — א צאַצקע, סאַמע שמאַלץ, שמן־זית, א פּאַר־דינער, א בן־תורה.

— איז ער כאָטש א סטאַטעק? — האָב איך אים געפרעגט.

— וואָס פרעגט איר? — א סטאַטעטשנע מענטש, א גע־זעצטער, — האָט ער געענטפערט.

— נישט ווי די היינטיקע?

— ווי פאַלט איר אוים? ווי קומט ער צו די היינטיקע? — אז מ'זאָגט אייך א הדר, אן אתרוג. זייד און אַטלאַס!

געהערט אזא גליק, אזא צאַצקע, סאַמע שמאַלץ, שמן־זית, א סטאַטעק, נישט פון די היינטיקע שטייפע שמינטיליגענטלעך, וואָס קנאַקן באַניקערן און ווייסן נישט, ווי אזוי א גילדן צו פאַר־דינען. כ'האָב געהערט פון אזא טייערן בחור, האָב איך פשוט געוואָלט טאַנצן פון שמחה, כ'האָב אים, דעם געלן, געוואָלט

אַרומכאַפּן און קושן, אַ קליניקייט, אַזאַ גליק־שידוך פאַר מיין רוזשקעלע!

יאָ, איז ווי האַלט איר? ביי מיין רוזשקעלע! זאָג איך צום געלן:

— ר׳ שדכן, אפשר וואָלט מען געקענט זען דעם חתן, אָדער דעם מחותן?

— בכבוד גדול! אָט ברענג איך אים באַלד אריין.

ס׳האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט און דער געלער פירט אריין אַן אַלטן, צעבראָכענעם ייד, מיט אַ ווייסער קאַלטענעוואַטער באָרד, הינקט צו אויף אַ פוס, מיט אַ רויטער פאַטשיילע אויפן האַלז און האַלט אין איין הוסטן.

נו, האָב איך דאָך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער מחותן, האָב איך אים אונטערגערוקט אַ בענקל און געבעטן זיצן:

— זיצט, רוט אייך אָפּ.

— אַ... אַ... אַ דאַנק אייך.

ביים זעצן זיך האָט ער געבעך אַזוי געסטענקעט, אַז מ׳האָט וויראַזשנע געזען, אַז ער ליידט געבעך אויף דער באַקאַנטער יידישער קרענק...

דער אַלטער האָט אָנגעטון די ברילן און האָט מיך גענומען באַקוקן פון קאָפּ ביז פיס. געקוקט און געסטענקעט, געקוקט און געסטענקעט.

מילא, האָב איך מיר געטראַכט, זאָל ער קוקן, מסתמא קוקט ער, צי איך שטיי אים אָן פאַר אַ מחותנתטע.

דער געלער האָט דעם אַלטן געהאַלטן אין איין שטופּן:

— ר׳ נטע, רעדט עפּעס! וואָס זיצט איר ווי אַ געליימטער!

האָט דער אַלטער גענומען שטאַמלען:

— איר... איר... זעט נאָך אויס אַ... אַ... אַ גאָר זשוואַווע יידענע...

— אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן! פאַרוואָס זאָל איך נישט זיין זשוואַווע? ווי אַלט בין איך דען אינגאַנצן? ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אינגאַנצן עלטער פון מיין טאָכטער מיט אַכצן יאָר. צו אַכצן יאָר בין איך שוין געלעגן אין קינפּעט.

— נו, נו, רעדט ווייטער, — האָט אים דער גלער ווײַ־טער געדזשובעט אין דער זייט.

— איר... איר... איר ווייסט, וועגן וואָס איך בין געקומען צו אייך?

— פאַרוואָס זאָל איך נישט ווייסן? וועגן אַ שידוך!

— כי... כי... — האָט דער אַלטער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און דערבײַ זיך אַזוי שטאַרק פאַרהוסט, אַז איך האָב געמיינט, אַז מ'וועט דאַרפן אַרויסרופן פּאַגאָטאָוויע. — יאָ... יאָ... טאַקע וועגן אַ שידוך, — האָט דער אַלטער געזאָגט, — ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אויך נאָך אַ זשוואַווע מאַנספּישוין. ווען איך זאָל נאָר וועלן, קען איך מיך נאָך „שטשיגעווען" מיט די היינטיקע יונגע־לײַטלעך... איך וויל נאָר נישט!...

האָב איך דאָך געזען, אַז כ'האָב צו טון מיט אַן אַלטן נאַר. צו וואָס דאַרף איך ווייסן, אַז ער איז נאָך „זשוואַווע", און אַז ער קען זיך נאָך „שטשיגעווען" מיט יונגעלײַט, האָב איך מיט אים גענומען רעדן צו דער זאַך:

— צו וואָס דאַרף מען רעדן וועגן אַנדערע זאַכן, לאָמיר צוטרעטן צו דער תוך־זאַך, צום עיקר, הייסט עס!

— כי... כי... כשר גערעכט! אודאי דאַרף מען רעדן צו דער תוך־זאַך, — האָט דער אַלטער זיך אויסגעהוסט, אויסגע־שנייצט די נאָז און גענומען פרעגן קשיות: — זאָגט מיר, יידענע, וויפל איז ווערט אייער קרעמל?

— די שאַצערס און מיינע שכנים זאָלן דאָס פאַרמאָגן, — האָב איך געענטפערט.

— אַזוי? — האָט דער אַלטער געצויגן מיט די אַקסלען, — און... און זאָגט־זשע מיר, יידענע, אייער מאַן, זכרונו לברכה, איז לאַנג קראַנק געווען?

— געווען? וואָס הייסט עפּעס — געווען? און איצט איז ער געזונט? זיין געזונט אויף אַלע אונזערע שונאים געזאָגט גע־וואָרן, טאַטע זיסער.

— וואָס... וואָס... וואָס האָט איר געזאָגט? אייער מאַן איז... — האָט דער אַלטער אינגאַנצן געציטערט.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? יאָ, יאָ, מיין מאַן איז געווען קראַנק און ביז איצט קען ער נעבעך נישט קומען צו זיך...

ווי דער אַלטער האָט דאָס געהערט, איז ער אַוועקגעפאַלן אין חלשות.

— וואָס? איר קוקט שוין ווידער אויפן זייגער? וואָס קענט איר נישט איינזיצן, וואָס? מ׳האָט דאָך מיר רעפּאָרמירט, אַז מ׳קען אין אייך אַריינרעדן, ווי אין אַ קבר אַריין!

איז ווי האַלט איך? יאָ, ביים חלשן. אַז כ׳האָב דעם אַלטן דערמינטערט, האָט ער מיך געפרעגט:

— איר... איר... זענט נישט קיין אַלמנה?

— אַהאַ. איר זענט עס אודאי דער חתן, און איך האָב עס געזאָלט זיין אייער כלה?

— יאָ, יאָ... — האָט געזאָגט דער געלער.

נו, פרעג איך אייך, וואָס וואָלט איר געטון אין אַזאַ פאַל? וואָס איך האָב געטון? איך האָב געכאַפּט דעם בעזעם און דעם געלן מקים־פּסק געווען און אים געשיקט צו אַלדע שוואַרצע יאָר מיט זיינע שידוכים צוזאַמען.

איר הערט, אַנשטאָט ער זאָל אַריינגיין צו פּייטשע די אַלמנה, קומט ער אַריין צו מיר, מאַכט מיך פאַר אַן אַלמנה און גייט מיר רעדן שידוכים!...

איר הערט, ווען איך בין וואָיעוואָדע, וואָלט איך אַלע שדכנים פאַרשיקט אין אַ רעסטאָראַציע־לאַגער אָדער גאָר קיין סיביר.

איר שרייבט דאָך די „קומיטשנע" מעשיות, פאָלגט מיך און באַשרייבט די מעשה אויך, און זאָלן יידן זען, וואָס פאַר אַ שדכנים מיר האָבן.

שרײַ אײנמאָל אַ הוּיקער!...

כ'האָב אײַך געוואָלט שטעלן אַ פראַגע, נאָר איך בעט אײַך, איר זאָלט זײַן אויפריכטיק, איר זאָלט מיר ענטפערן קלאָר און דײַטלעך. אָן דרײדלעך און פּשטלעך. איך האָב פֿײַנט, אַז מ'ענטפערט מיט רמזים און דרײדלעך, אַז מ'דרײט מיטן גראָבן פֿינגער. איך האָב ליב, אַז מ'ענטפערט פּשוט און פּראָסט, שכלדיק.

ווײסט איר, וואָס איך האָב אײַך געוואָלט פֿרעגן? כ'האָב אײַך געוואָלט פֿרעגן, צי איר האַלט פֿון דאָקטוירים.

איך בעט אײַך, ענטפערט מיר קורץ און דײַטלעך, יאָ אָדער ניין. ס'איז מיר זײער אינטערעסאַנט אײער מײנונג וועגן דעם.

איר שווײַגט? איר ענטפערט נישט? דאָס מאַכט נישט אויס. נישט גערעדט, איז אַמאָל מער, ווי גערעדט. אויב איר שווײַגט, איז אַ סימן, אַז איר האַלט נישט פֿון דאָקטוירים. וואָלט איר געהאַלטן פֿון דאָקטוירים, וואָלט איר געזאָגט אָפֿן, אַז יאָ, טאָמער ענטפערט איר נישט, הייסט עס, אַז איר האַלט נישט שטאַרק פֿון זײ; אַז איר האָט נישט, הייסט עס, קײן גרויסן צוטרוי צו די דאָקטוירים.

און איך, זעט איר, בין מיט אײַך נישט מסכים. איך האַלט יאָ פֿון דאָקטוירים.

און דאָקטוירים, דאַרפֿט איר ווײסן, זענען געגליכן להבדל צו מענטשן; ס'זענען פֿאַראַן גרויסע מענטשן און קלײנע מענטשן. מיט דאָקטוירים איז אויך אַזוי: ס'זענען פֿאַראַן גרויסע דאָקטוירים און קלײנע דאָקטוירים. גרויסע דאָקטוירים מוז מען משלמען

ביי זיך אין שטוב ז׳ גורי. איידער ער גייט אויף דער וויזיט. און באצאָלן מוז מען לויט דער טאַקסע, טאָמער נישט, זאָגט ער: „ניע פּאָיאַדע", און קליינע דאָקטוירים, וואָס קומען, ווען מ׳רופט זיי, אַפילו אינמיטן נאַכט, הייסן זיך נישט משלמען ז׳ גורי, און דער עיקר: עס גייט צו האַנדלען.

דאָקטוירים זענען פאַרשידענע: איין דאָקטאָר געפינט באַלד אַ קרענק, און אַ צווייטער זוכט, טאַפּט, האָרכט, הייסט מאַכן אַנאַליזן, „שעשוויעטלעניעס און צום סוף — שיקט ער אייך צו אַ ספּעציאַליסט...

אָקעגן וואָס זאָג איך דאָס? וואָס עפּעס דאָקטוירים אינ־מיטן דערינען? איר מיינט, אַז איך בין חלילה קראַנק? אַז איך דאָקטער מיך? חס־וחלילה! כ׳בין ב״ח געזונט, ווי אַ נוס. אַי, ווי פאַל איך אויס אייך צו פרעגן, צי איר האַלט פון דאָקטוירים? ווייל דאָס האָט אַ שייכות מיט מיר. צוליב אַ דאָקטאָר בין איך אומגליקלעך אויף מיין גאַנץ לעבן. אַ דאָקטאָר האָט מיר געמאַכט אַ הויקער, און איך טראָג מיין גאַנץ לעבן דאָס פּעקל אויף מיינע פּלייצעס.

וואָס? איר זעט נישט, זאָגט איר, ביי מיר קיין הויקער? איך האָב גלייכע פּלייצעס? אָט, אָט, וועגן דעם האַנדלט עס זיך טאַקע. איך האָב גלייכע פּלייצעס און דאָך, דאָך האָב איך — אַ הויקער!

הערט, יידן, מיינע צרות; הערט, ווי אַזוי דער דאָקטאָר האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט:

מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק. געווען בין איך אַ „פּשי־סטאָינע" בחור. געקליידט בין איך געגאַנגען „פּאָ וואַרשאַווסקו", מיט אָראָפּגעלאָזטע הויזן... איבער די שיך. געהאַט האָב איך אַ שוואַרצע טשופּרינע מיט אַ וויסן „פּזשעדזשאַל" אינדערמיט, דאָס יופּיצל „דאָ קאָלאָנאַ". דאָס היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ. יעדן טאָג אַ פרישן פּאַפּירענעם קאָלנער מיט ווייסע מאַנקעטן, מיט אַ שוואַרץ שניפּסל. די שיך האָבן געגלאַנצט, ווי אַ שפּיגל, די פּאות יעדן טאָג אָפּגעגלאַנצט מיט פּלוימען־יויך. דערצו בין איך געווען אַ „פּאָסטאַטש". הויך און בּרייט, גלייך, ווי אַ סאָסנע.

דערפאַר טאַקע האָב איך געהאַט כּמעט־שנע פּאָוואָד'זעניע ביי די מיידלעך. וועלכעס מיידל ס'האָט מיך געזען, האָט זי געזאָגט:

— נו, נו, אַ יונג, ווי אַ בוים!...

מאַמעס פון טעכטער האָבן מיך באַטראַכט פון אַלע זייטן: פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף. געשאָקלט מיט די קעפּ און געסמאַטשקעט מיט די ליפּן:

— מנע, אַ יונג, ווי אַ דונער!...

— צ'געזען אַ יינגל? אַ גאַנצער קייסער — נאָר אַ ברכה צו מאַכן!...

נו, בין איך טאַקע געשטאַנען אין גרויסן, בין געווען שטייף, ווי איך וואָלט געווען אַראָפּגעשלונגען אַ טעלעגראַף־סלופּ. משה׳ גרוים. שדכנים האָבן מיר די פּאַלעס אָפּגעריסן. מ'האָט מיר גע־ברענגט „אַזוינס און אַזעלכעס". איין „צוש" איז געווען גרעסער פון אַנדערן. יעדן טאָג האָב איך געהאַט אַן אַנדערע קאָלעקציע, סאַמע „שמן זית זך"... דאָס טעלערל פון הימל האָט מען מיר געברענגט, אָבער ווער האָט געוואָלט הערן דערפון, ווער?

— איך האַלט נישט ביי חתונה האָבן, — האָב איך געענט־פערט די שדכנים.

— איך האָב צייט, עס ברענט נישט ביי מיר...

און האָט אַ מיידל מיר גענומען דערציילן פון איר רייכן „וואַשעק" אין אַמעריקע, וואָס פאַר אַ גרויסע בעל־הביתטע זי איז, וואָס פאַר אַ „סקראָמנע פּאַניענקע" זי איז, האָב איך מיך געמאַכט געפגרט. ווי נישט מיך מיינט מען. טאָמער האָט אַ מיידל מיט מיר גענומען רעדן וועגן „תכלית", האָב איך איר באַלד גע־ענטפערט:

— פּאַניענקע, האַקן זי אָפּ!... לאָמיר רעדן וועגן פריילעכע־רע זאַכן!...

האָבן די שדכנים געהאַט פון מיר צו זינגען און צו זאָגן. אויף יעדער האָב איך געפונען אַן אַנדערן חסרון. און פאַרוואָס נישט? כ'בין דאָך אַ יונג, ווי אַ דונער. אַ בחור מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן... איבער די שיך. אַ בחור, וואָס קליידט זיך „פּאָ וואַרשאַוו־סקו". אַ קייסער, נאָר אַ ברכה צו מאַכן!...

איך וואָלט זיכער געווען באַקומען אַ „צוש שב׳צוש״, עפּעס „אַזוינס און אַזעלכעס״, אַז אַנטיטשנע „זאַכעלע״, האָט דער טייוול אָנגעטראָגן אַ דאָקטאָר, און האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט. הערט, וואָס עס איז געשען:

ליגנדיק אין בעט, האָב איך פּלוצים געפילט אַ ווייטיק אין רוקן. איך פּרוּוו מיך אויפצוהויבן, עס גייט נישט. ביי יעדן ריר — אַ שטאָך. ביי יעדער באַוועגונג — אַ ריס.

מסתמא אַ פאַרקילונג, — האָב איך געטראַכט. האָב איך באַשטעלט דעם פעלדשער, יענער האָט מיר אַרויפגעהאַקט זעכציק בּוסות, באַנקעס, הייסט עס. געגעבן צו שוויצן, האָב איך גע־שוויצט און די פּלייצעס האָבן געשטאָכן, ווי מיט נאָדלען.

געזען, אַז די כוסות האָבן נישט געהאָלפן, בין איך אַוועק צו אַ דאָקטאָר. האָט ער מיך געהייסן אויסטון אדם נאַקעט, ווי אין מרחץ להבדיל. האָט מיך אויסגעצויגן אויף אַ באַנק און גענו־מען טאַפּן, קלאַפּן, האָרכן, טיף אָטעמען און אינגאַנצן נישט אָטעמען. צוערשט האָט ער געקלאַפּט מיט די פינגער, שפּעטער האָט ער אַרויסגענומען אַ העמערל. געקלאַפּט און געקלאַפּט. נאָך יעדן קלאַפּ האָט ער געצייכנט מיט אַ בליי. מיט רויטע בליי, מיט בלויע בליי און גרינע בליי. אַ גאַנצע מאַפּע האָט ער אויסגע־מאָלעוועט אויף די פּלייצעס.

נאָך אַ שעה קלאַפּן און מאָלעווען, בין איך אַרויס פון די כלים, און היות ווי איך בין די גאַנצע צייט געלעגן במהילה מיטן פּנים אַראָפּ, האָב איך אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געפרעגט:

— פּאַניע דאָקטאָזשע, וואָס וועט זיין פון דעם קלאַפּן און מאָלעווען? ווען וועט עס נעמען אַ סוף?

דאַן האָט דער דאָקטאָר אַ זיפץ געטון:

— יאָ, אַזוי איז עס!...

— פּאַניע דאָקטאָזשע, וואָס איז עס?

האָט דער דאָקטאָר מיך אָנגעקוקט, ווי אַ צום טויט־פאַר־משפּטן, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, לײדער!...

— פּאַניע דאָקטאָזשע, וואָס לײדער?

— יונגערמאַן, — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט, — כ'וועל אייך מוזן זאָגן נישט קיין פּריילעכע בשורה.

— וואָס אַזוינס? — בין איך געבליבן זיצן, ווי מ'וואָלט מיך אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער.

— יונגערמאַן... איך מוז אייך זאָגן... אַז אייך וואַקסט אַ... הויקער!...

— אַ הויקער? מיר אַ הויקער? ניין, פּאַניע דאָקטאָזשע, דאָס איז נישט מעגלעך!... ווי פּאַלט איר דאָס אויס, פּאַניע דאָקטאָ־זשע?

— ס'טוט מיר זייער לייד, — האָט דער דאָקטאָר געענט־פערט, — אָבער עס איז אַ פאַקט. עס קרומט זיך אייך אויס דער רוקן־ביין. אין אַ יאָר אַרום וועט איר האָבן — אַ הויקער! נאָר נעמט אייך נישט איבער. דער באַרימטער פילאָזאָף מענדעלסאָן האָט אויך געהאַט אַ הויקער...

דעם דאָקטאָרס ווערטער האָבן מיך ווי אַ דונער געטראָפן. איך בין געוואָרן אויס מענטש, האָב נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, כ'בין אַרומגעגאַנגען, ווי אַ נעכטיקער, גאַנצע טעג האָב איך מיר געטאַפּט די פּלייצע, צי עס וואַקסט שוין... פאַר די אויגן איז מיר געשטאַנען איך, דער קריפּל, איך מיט אַ הויקער, און האָב איך באַגעגנט אין גאַס אַ הויקער, האָט מיך אַ קאַלטער שווייס באַ־גאָסן. ווער וועט זיך וועלן אויף מיר אומקוקן, וואָס וועט פון מיר ווערן, וועלכעס מיידל וועט עס וועלן אַ בחור — אַ הויקער? און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ הויקער איך וועל האָבן!?

דערווייל האָט די מיר נישט גערוט פון די שדכנים. מ'האָט מיר ווייטער געבּרענגט איין „צוגעזאָגן" אַנדערן. איך האָב שוין געוואָלט מסכים זיין, צוקלאַפּן, הייסט עס, צום ערשטן בעסטן שידוך, נאָר איך האָב מיך באַרעכנט:

געוואָלט געשריגן. ווי קען מען עס נעמען און פאַרפירן אַ מיידל! זי וועט זיין אַ גלייכע, אַ שיינע, אַ גראַציעזע, און איך — אַ הויקער, אַ קריפּל? זי וועט זיך דאָך שעמען מיט מיר. זי וועט קומען אין געזעלשאַפט, און איך, דער הויקער, וועל ליגן אין דער היים; זי וועט גיין אין טעאַטער, אויף בעלער, און איך, דער הוי־

קער, וועל כאַליען אין דער היים. און ווי וועל איך קענען פאַר־לאַנגען פון אַ גלייכער, שיינער פרוי, זי זאָל זיך באַווייזן מיט אַ מאַן — אַ הויקער!...

פּלוצים, ווי איך טראַכט אַזוי וועגן מיין ביטערן גורל, קומט צו מיר אַ שדכן:

— יונגערמאַן, איך האָב פאַר אייך אַ שידוך.

— וואָס פאַר אַ שידוך האָט איר?

— אַ באָמבע מיט געלט. דער פאָטער איז רייך, ווי קורח, אָנגעשטאָפּט און אָנגעפּראָפּט. וועגן נישט דאָס שטיקעלע חסרון...

— וואָס פאַר אַ חסרון האָט זי?

— זי האָט... פאַרשטייט איר מיך...

— וואָס האָט זי?

— אַ... אַ הויכע פּלייצע...

— אַ הויקער?

— עפּעס אַזוינס... קיין הויקער איז עס נישט... ס'איז עפּעס אַזאַ מין... הויקערל...

געהערט — אַ הויקער, איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. כ'האָב מאָמענטאַל דערפילט, אַז דאָס איז אַ זיווג מן השמים, אַז דאָס וועט זיין פאַר מיר געפּאַסט. אַ הויקער מיט אַ הויקער, — זי וועט זיך נישט שעמען מיט מיר, איך וועל מיך נישט שעמען מיט איר. מיר וועלן ביידע קענען גיין צוזאַמען אין געזעלשאַפט, אין טעאַטער. איך וועל גלעטן איר הויקער, און זי — מיין הויקער. עס וועט זיין אָגיל ואתמח. קיילעכדיק און שפּיציק!...

נאָך די זעלבע וואָך האָט מען געשריבן תנאים. אין אַ חודש אַרום איז מיט מזל געווען די חתונה. מיין ווייבל, דאָס הויקערל, האָט געשיינט פון נחת. אַלע גלייכע, שיינע מיידן האָבן געפּלאַצט פון קנאה און אייפערזוכט.

— זעט נאָר, אַ הויקער האָט מזל!... אַ הויקער האָט גע־קריגן אַזאַ לאַבטיקן יונג!...

דערווייל האָב איך געוואַרט — אויפן הויקער. יעדן טאָג האָב איך געטאַפּט די פּלייצע, צי סע וואַקסט שוין... טאַפּ היינט, טאַפּ מאָרגן, די פּלייצע רירט זיך נישט. ס'איז אַוועק אַ יאָר, די

פּלייצע איז די זעלבע פּלייצע, ווי געווען. ס'איז אַוועק נאָך אַ יאָר, מיין ווייבל איז שוין אַ מאַמע, זי האָט געבוירן אַ צווילינג, אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע, צוויי הויקערלעך. ביידע מיט אויסגעקרימטע פּלייצעלעך. און איך? איך האָב גלייכע פּלייצעס. עס רירט זיך נישט פון אָרט.

הקיצור, איר ווילט וויסן דעם סוף? דער סוף איז, אַז היינט פּייער איך די זילבערנע חתונה מיט מיין הויקער, דאָס הייסט, מיט מיין ווייב, דעם הויקער. איך בין ב"ה אַ מענטש מיט מענטשן גלייך.

ווי איר זעט, האָט דער דאָקטאָר געוווּסט, וואָס ער האָט געזאָגט:

— איר וועט האָבן אַ הויקער, — האָט ער געזאָגט, — און איך האָב טאַקע אַ הויקער!...

דער טאַטע מיט די נײַן בנים...

אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: קינדער! קינדער, זאָגט איר, איז נישט קיין קונץ צו האָבן, קינדער איז אַ קונץ צו דערציִען, געבן, וואָס זיי דאַרפן.

אַ סך קינדער, זאָגן די היינטיקע מאָדערנע „מענזשאַטקע־לעך", איז אַן אומגליק. גענוג איינס, העכסטנס צוויי. און טאָמער קומט אַ דריטס, איז הימל עפן זיך. אַמאָל האָט מען געריסן קברים, געפּאָרן צו „גוטע יידן", געדאָקטערט זיך — אַבי צו האָבן אַ קינד, אַ קדיש אויף איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר. היינט איז פאַרקערט: מ'דאָקטערט זיך, מ'נעמט־אָן „מיטלען", נישט צו האָבן. אַמאָליקע צייטן זענען די ווייבער געווען פאַרנומען מיט: טראָגן, האָבן, זייגן, וויגן, ניאַנטשען, מיט ווינדלען, מיט וויקלען, מיט איינשיטן, מיט פּאָקעלעך, מיט מאָזעלעך, מיט קריסטירלעך, מיט לויזע מעגעלעך, מיט שמירן בייכעלעך.

היינט זענען די ווייבער פאַרנומען מיט: מאָלן ליפּעלעך, שמירן ברעמעלעך, איינשיטן די נעזעלעך, אָפּלאַקירן די נעגעלעך, רויכערן פּאַפּיראָסעלעך, טרינקן גלעזעלעך, טאַשן קערטעלעך, שפּילן אין ליבעלעך, טאַנצן אויף פּייפּעלעך — און גיין איבער דעם מאַנס הויזן־טעשלעך... אָבער קינדער, טראָגן, האָבן, זויגן, ווינדלען? — אַך! אַז זיי האָבן קיין צייט נישט! זיי האָבן דאָך אַנדערע „געשעפטן", זיי מוזן דאָך היטן די „ליניע", זיי מוזן דאָך זיין שלאַנק, זיי מוזן דאָך האַלטן דעם פּאַסאָן. די פיגור, וואָס שמעלער, איז אַלץ שענער, וואָס דאַרער, איז אַלץ מאָדער־

נער; אַ שטעקן מיט אַ קליידל האָט „פּאָוואָדזעניע" — כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד!...

אַזוי טוען די היינטיקע, מאָדערנע ווייבעלעך. די היינטיקע „מענזשאַטקעלעך" ליגן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, זיי זאָלן נישט האָבן קיין קינד, און ביי מיר, זעט איר, איז גראָד דער היפּוך: ביי מיר, ביי מיין יידענע, הייסט עס, איז אַ קינד גאָר קיין באָוול נישט, פאַרקערט: וואָס מער איז בעסער. יעדעס קינד, זאָגט מיין יידענע, ברענגט זיך זיין מזל. זי ווייסט נישט פון קיין „סיסטעמען", פון קיין מאָדעס, פון די אַלע היינטיקע „משוגענע קונצן" — וויפל גאָט גיט!

נו, האָט מיר טאַקע גאָט געגעבן ניין שטיק, און אפשר מיינט איר, מיידן? אַך, ווי פאַלט איר דאָס אויס? — יונגען! ניין יונגען, ווי די בערן! אַ מחיה אויף זיי אַ קוק צו געבן. יונ־גאַטשעס מיט פּלייצעס, מיט מוסקולן. דער ייִנגסטער, אַז ער זעצט זיך אַוועק ביי אַ ברויטל, גיט ער שלום־עליכם דער קאַרט־קע מיט דער פירמע פון בעקער, און איינס־צוויי, געזעגנט ער זיך מיטן רעיפטל — אָט אַזאַ איינשיט האָבן ב"ה מיינע בנים!

מיינט איר, אַז איך האָב חלילה עגמת־נפש פון זיי? האָט איר במחילה אַ גרויסן טעות. נחת, איר הערט, יידן, נחת, גרויס נחת האָב איך פון מיינע בנים. בפרט די לעצטע צייט.

די לעצטע צייט האָב איך מיך ארומגעזען, אַז ס'איז נישט קיין תכלית דאָ צו זיצן אין גלות. עפּעס שאַפט זיך דאָרט, אין ארץ־ישראל, אַ ניי יידיש לעבן; דאָ גייט עס באַרג־אַראָפּ און דאָרט — באַרג־אַרויף. האָב איך באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז אי־בערצופּעקלען זיך מיט מיין בני־בית אַהין קיין ארץ־ישראל.

טאָ וואָס טוט מען, מ'זאָל קענען פאָרן קיין ארץ־ישראל? אַז קיין קאַפּיטאַל האָב איך נישט, קיין בעל־מלאכה בין איך אויך נישט. מיינע בנים, זאָלן געזונט און שטאַרק זיין, קענען נאָר איין פאַך: מאַכן מיט די פיסקלעך! איז געבליבן בהסכם, מיר זאָלן אדורכמאַכן די הכשרה. און אַזוי ווי איך האָב, אָן עין־הרע, ניין בנים, אַ וווינונג האָב איך אויך אַ באַקוועמע, האָב

איך מיר געמאַכט אַן אייגענעם „קיבוץ" און טאַקע אויף מיין אייגענעם נאָמען — „קיבוץ משה מרדכי".

נו, וואָלט איך אייך טאַקע געגינען, איר זאָלט באַזוכן מיין „קיבוץ משה מרדכי".

איינער איז אַ „טישלער", שטייט ער גאַנצע טעג און פאַר־נעמט זיך מיט „טישלעריי", בויערט לעכער אין די שענק, זעגט דעם קרעדענס און די וואַסער־באַנק, גייט אַרום מיטן היבל און היבעלט־אָפּ... די טירן, די פּאָדלאָגע, רייסט שטיקער פון טיש, דרייט אַרויס די פיס פון די בענקלעך און טוט זיי שפּעטער צו־ריק פאַרלאַמען. האַקט נעגל אין די ווענט, — דאָס טוט דער „טישלער"!...

דער צווייטער, דער „שלאָסער", רייסט אַרויס די זאַוויאַסעס פון די פענסטער, שרויפט אַראָפּ די שלעסער און זעצט זיי צו־ריק אַריין, דרייט אַרויס די קליאַמקעס און די קלאַפּ־שלעסער און צום סוף מוז מען רופן אַ שלאָסער, ער זאָל די קליאַמקעס מיט די קלאַפּ־שלעסער צוריק אַריינזעצן. ער גייט אַ גאַנצן טאָג אַרום מיט אַ פייל און פיילט, אַזוי האָט ער שוין אָפּגעפיילט: די בעטן, דעם שפּיגל, דעם זייגער, די הענט, די הויזן, און די קני־אַלץ איז ביי אים „אָפּגעפיילט"...

דער דריטער, דער „מאַלאַזש", גייט אַרום מיטן פענדזעל און מאַלעוועט, נישטאָ אַ ווינקעלע, עס זאָל נישט זיין איינגע־שמירט. היינט פאַרבט ער אָפּ ס'קיך־שענקל אויף געל, מאָרגן אויף גרין, איבערמאָרגן אויף בלוי. בעת ער פאַרבט גרין, איז די גאַנצע שטוב — גרין. די פּאָדלאָגעס זענען גרין, די טירן — גרין, ס'בעטגעוואַנט — גרין, ס'ברויט איז גרין, ס'פּנים איז גרין, די נאָז, די אויערן, די האָר — ס'איז מיר גרין פאַר די אויגן...

דאָס אייגענע איז מיט אַנדערע פאַרבן: פאַרבט ער געל, — איז אַלץ געל, פאַרבט ער בלוי, איז אַלץ — בלוי, לויט דער פאַרב.

דאָס ערגסטע איז אָבער מיט דער לייטער: גאַנצע טעג קריכט ער אַרום אויף דער לייטער, און נישט ווי, נישט ווען,

גיט ער אַ טראַמאַסק־אַראָפּ און די מאַמע ליגט קאָמפּרעסן — דאָס טוט דער „מאַלאַזש״!...

דער פּירטער, דער „עלעקטראָטעכניק״, וואָס טוט ער? ער פֿאַרנעמט זיך אויך מיט זיין „פֿאַך״, מיט עלעקטרי. דרייט אַריין די לעמפּלעך און דרייט צוריק אַרויס די לעמפּלעך. שרויפֿט אַרויס די שאַלטערס און שרויפֿט זיי צוריק אַריין. מייסטרעוועט ביים ליטשניק און נישט ווי, נישט ווען, פּלאַצט אַ קאָרעק און מיר בלייבן זיצן אין דער פֿינסטער. זיצט מען אַזוי לאַנג אין דער פֿינסטער, ביז... ביז מ׳רופֿט אַן עלעקטראָטעכניק, מ׳באַצאָלט אים עטלעכע זלאָטעס און מ׳זעצט אַריין אַנדערע קאָרקעס — דאָס טוט מיין „עלעקטראָטעכניק״!...

דער פֿינפֿטער איז אַ „זדון״. וואָס טוט ער, מיין „זדון״? ער אַרבעט ביי זיין פֿאַך: צעלייגט די קיך און שטעלט זי צוריק אויף. טאָמער צעלייגט ער זי, איז זי טאַקע צעלייגט. ליגט אַ פּו־לע שטוב מיט ציגל, ליים, קאַפּלעס, בלעכן, רערן, סאַדזעס — ס׳וואַליעט אַ רויך, נאָר דערשטיקט צו ווערן. מיינער שטייט איינגעשמירט, ווי אַ קוימענקערער, שווימט אַרום אין צוג, שמירט זיך אין די סאַדזעס, און דערנאָך נעמט ער זיך צוריק אויפֿשטעלן די קיך; קנעט ליים, לייגט ציגל, פּאַסט צו קאַפּליעס, וואַרפֿט צוריק איין, אַזוי לאַנג און אַזוי בריט, ביז... ביז מ׳רופֿט אַ זדון, מ׳באַצאָלט אים אַ פּאָר זלאָטעס און שטעלט צו־ריק אויף די קיך — דאָס טוט מיין „זדון״!...

דער זעקסטער איז אַ „זייגערמאַכער״, פֿאַרנעמט ער זיך אויך אויסשליסלעך מיט זיין „בראַנזשע״ — ער מאַכט „צו־רעכט״ די זייגערס: אין דער פֿרי נעמט ער אַראָפּ דעם גרויסן וואַנט־זייגער, צעשרויפֿט אים פֿון קאָפּ ביז פֿיס, נעמט אַרויס די ווייזערס, דעם ציפֿערבלאַט, שרויפֿט אַרויס די רעדלעך, צעלייגט אים אויף שטיקלעך, און דערנאָך, אַז ער איז שוין צעלייגט, נעמט ער אים צוריק צוזאַמענצושטעלן. נו, שטעלט ער אים צוזאַמען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף.

נאָכן וואַנט־זייגער נעמט ער זיך צום וועק־זייגער, צו די האַנט־זייגערלעך, און אַז איר קומט היינט אַריין צו מיר אין שטוב

אריין, שטייען אַלע זייגערס, ווי די פּגרים. זיי רירן זיך נישט פון אָרט — דאָס טוט מיין „זייגערמאַכער"!...

דער זיבעטער, דער „שניידער", רייסט אַראָפּ די קנעפּלעך פון די הויזן און נייט זיי צוריק אָן. רייסט ער צוזאַמען מיט די קנעפּלעך מיט שטיקער סחורה, און די קנעפּלעך נייט ער אָן פּונקט קאַפּויער: אין די הויזן נייט ער אָן גאַטקע־קנעפּלעך און אין פּאַלטן נייט ער אָן העמדער־קנעפּלעך—דאָס טוט מיין „שניידער"!

דער אַכטער איז אַ „טאַפּעצירער", שיילט ער אַראָפּ די צע־ראַטע פון דער קאַנאַפּע און זעצט זי צוריק אַרויף אויף דער לינ־קער זייט. רייסט אַראָפּ די גאַרדינען און קאָן זיי נישט מער צו־ריק אויפהענגען. טרענט אַראָפּ די סחורה פון די מאַטראַצן, שלעפּט אַרויס די שפּרינג־פעדערס, די בעבעכעס פון אינעווייניק און צום סוף דאַרף מען רופן אַ טאַפּעצירער, ער זאָל דאָס אַלץ צוריק ברענגען אין אָרדענונג — דאָס טוט מיין „טאַפּעצירער"!...

דער ניינטער איז אַן „אַגראָנאָם".

וואָס טוט דער אַגראָנאָם?

ער פאַרנעמט זיך מיט „אַגראָנאָמיע":

ברענגט אַהיים ערד, נעמט אַרויס, וויפל טעפּ ס'איז דאָ אין דער שטוב, שטופּט זיי אָן מיט ערד — און פאַרזייט. איין טאָפּ — מיט אַרבעס־שויטן, אַ טאָפּ — קערלעך פון ציטרין, אַ טאָפּ — פייגן, ברענגט פאַרשידענע קערנדעלעך, פלאַנצונ־גען; שטייט גאַנצע טעג און גיסט וואַסער; נישט ווי, נישט ווען, ווערט אַ פאַרפלייצונג, און איר זאָלט דאָס זען איין בלעטל וואַקסן אין די טעפּ — דאָס טוט מיין „אַגראָנאָם"!...

הכלל, ווי איר זעט, האָב איך מיר מיין אייגענעם „קיבוץ משה מרדכי". מיינע ניין בנים מאַכן אַדורך אַ „הכשרה", און נאָך אַ טאָג אַרבעט, אַז זיי גיבן זיך אַ זעץ אַוועק ביים טיש עסן, מאַכן זיי פאַרטיק אַ האַלבע פּיעקאַרניע...

די היינטיקע „מענזשאַטקעלעך" האַלטן נישט פון קינדער, און ביי מיר איז פאַרקערט: איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס איך בין אַ טאַטע פון ניין בנים. האָב איך מיין אייגענעם „קיבוץ משה מרדכי" — דאָס אמתע „מאַטעריאַל" פאַר ארץ־ישראל!...

סובלאָקאַטאָרן!...

אַ נייע מאָדע געוואָרן — סובלאָקאַטאָרן!

ווייסט איר, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ צרה? וואָס דאָס איז פֿאַר אַן אומגליק אין שטוב? טאָמער נעמט איר אַריין סובלאָקאַטאָרן, זענט איר אַן אומגליקלעכער אויף אייער גאַנץ לעבן. טאָמער לאָזט איר זיי איבער דער שוועל, זענט איר אויס בעל־הבית, אויס מאַן, אויס פֿאָטער. איר ווערט אַ לאָקיי, אַ סטרוזש, אַ דינסט, אַ שקלאַף. דער בעל־הבית איז ער, דער סובלאָקאַטאָר, נישט איר!

אָקעגן וואָס זאָג איך דאָס? טאַקע אָקעגן מיינע סובלאָקאַ־טאָרן.

— הערש בער, — האָט מיין יידענע אַנומלטן געזאָגט צו מיר, — פֿאַרוואָס טוען מיר נישט אַזוי ווי אַלע אַנדערע טוען?

— וואָס טוען אַנדערע? — האָב איך זי געפֿרעגט.

— אַנדערע מוטשען זיך נישט אין אַ שטוב מיט אַ קיך, אַזוי ווי דו. אַנדערע דינגען גרויסע דירות, דריי אָדער פֿיר שטובן מיט אַ קיך, מיט אַלע וויגאָדעס, און פֿאַרדינען נאָך ביים עסק.

— ווי אַזוי?

— גאָר פּשוט: מ'נעמט אַריין סובלאָקאַטאָרן, צאָלן זיי ס'דירה־געלט. וווינט מען אין אַ לייטישער דירה און מ'פֿאַרדינט נאָך דערביי... והשנית, האָבן מיר דאָך אַ דערוואַקסענע טאָכטער, און אַז מען האָט אַ טאָכטער, דאַרף מען אַריינגעמען אַ סובלאָ־קאַטאָר, אַז מ'האָט אַ סובלאָקאַטאָר, דאַרף די טאָכטער נישט לויפֿן אויף ראַנדקעס, דאַרף נישט זוכן קיין פּאָוואָדזעניע, דאַרף נישט פֿאַרשוואַרצט ווערן אויף פּיפֿן און אויף דאַנסינגגס, זי דאַרף נישט זוכן — זי האָט דאָך אַ פּאַרטיקן בחור אין דער היים!...

האָב איך געפאָלגט מיין יידענע, האָב געדונגען א גרויסע דירה פון פיר שטובן מיט א קיך, מיט צוויי איינגענג, מיט אַלע ווי־גאָדעס, האָב באַצאָלט פאַר א יאָר ז׳ גורי און מיין יידענע האָט גענומען זוכן סובלאָקטאָרן. זי האָט געשטעלט אין דער צייטונג אַנאָנסן מיט אַזאַ אינהאַלט:

,,אָפּצוגעבן צוויי עלעגאַנטע מעבלירטע צימערן
פאַר צוויי אינטעליגענטע יונגעלייט ביי אַן אינ־
טעליגענטער פאַמיליע׳׳.

פון דעמאָלט אָן האָב איך צו זינגען און צו זאָגן. איך בין געוואָרן אויס בעל־הבית אין מיין שטוב, איך בין א לאָקיי, א סטרוזש, א דינער, א שקלאַף. בעלי־הבתים זענען זיי, מיינע סובלאָקאַטאָרן, נישט איך. גאַנצע טעג שיטן זיך בחורים, יונגע און אַלטע. יעדן מוז איך אויסרעכענען די מעלות פון דער וווי־נונג. אַז זי איז ,,סלאָנעטשנע׳׳, טרוקן, ווי א ביין. נישט קיין ,,קרעמפּוּיאַנצע וועישטשע׳׳. די ,,וויגודקע׳׳ אונטער דער נאָז... אַז אין גאַנצן הויז איז נישטאָ קיין ראַדיאָ. אַז מיין טאָכטער שפּילט נישט קיין קלאַוויר. אַז מיין ווייב איז א שטילע טויב. אַז די ,,קאָמפּיעלוּווקע׳׳ איז ,,טשיננע׳׳. דאָס אַלץ דערצייל איך, הגם ס׳איז אַלץ גראַד קאַפּויער. נישט ס׳איז טרוקן, א גאַנצע נאַכט גרימפּלען די ראַדיאָס, נאָר משוגע צו ווערן. מיין טאָכטער ,,טשוויטשעט׳׳ זיך אויפן קלאַוויר, גרילצט עס אין די אויערן, די ,,קאָמפּיעלוּווקע׳׳ איז ,,אויף פּוּץ׳׳...

נו, פאַרשטייט איר דאָך שוין, אַז די סובלאָקאַטאָרן ,,כאָוועץ׳׳ זיך נישט ביי מיר. יעדער וווינט אָפּ א חודש און גייט פּליטה. יעדן חודש האָב איך אַנדערע פּנימער. יעדן חודש קומט אָן אַנדער נפש מיט זיין ,,באַגאַזש׳׳, וואָס באַשטייט פון: א קישן, א קאָלדרע, א טשייניק, א פודלע פון א קאַפּעלוש, א טשעמאָדאַן און א פּאָר ביכלעך. ווי ער קומט נאָר איבער דער שוועל, הייבט ער אָן קלינ־גען אויפן גלעקל:

— וואַסער צום וואַשן.

— א גלאָז טיי.

— איבערציען ס'בעטגעוואַנט.
— די דראָטן פון מאַטראַץ קריכן אַרויס, עס שטעכט אים.
— אַריינדרייען אַ זשאַרוווקע. ער קאָן נישט זיצן אין דער פינסטער.

אינמיטן נאַכט קריכט ער אַרום אין קאָרידאָר. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ס'האָט אים אַ ביס געטון... די צווייטע נאַכט כאַפּט אים אין בויך, גייט ער אין דער פינסטער זוכן די „וויגודקע", קריכט ער אַזוי לאַנג, ביז ער פאַרקריכט אין דער „סיפּיאַלניע" אַריין, זעט מיין ווייב אינמיטן נאַכט „אַ ווייסן מענטש", מאַכט זי אַ געוואַלט און פאַלט אַוועק אין חלשות.

וואָלטן זיי זיך כאָטש געהאַלטן ביי מיר, וואָלט נאָך געווען האַלבע צרות, וואָלטן זיי זיך „אַסוּאָיעט", וואָלט מען זיך צו זיי צוגעוווינט, איז אָבער די צרה, וואָס נאָך יעדן ערשטן, נעמט ער ס'קישן, די קאָלדרע, דעם שעניק, די פודלע פון קאַפּעלוש, מיט דעם טשעמאָדאַן — והילד איננו! ער קומט אַוועק אָן זייט געזונט.

האָב איך טאַקע יעדן חודש אַנדערע פּנימער. און וואָס פאַרא אינטעליגענטן האָב איך שוין נישט געהאַט: מוזיק־לערער, אַרטיסטן, פּאָעטן און סתם שלימזלען.

האָב איך געהאַט אַ מוזיק־לערער, האָט ער אָנגעגרימפּלט, נאָר משוגע צו ווערן.

האָב איך געהאַט אַרטיסטן, האָבן זיי אינמיטן נאַכט געמאַכט „פּראָבן", האָבן זיי אַזוי לאַנג „פּראָבירט", ביז דער ווירט איז אַרויפגעקומען מיטן סטרוזש און האָבן מיר געמאַכט שוואַרץ־שבת.

האָב איך געהאַט אַ פּאָעט, האָט ער געשריבן אין בעט, גערויכערט פּאַפּיראָסן און אויסגעברענט לעכער אין בעטגעוואַנט.

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ, גאָרנישט אַקעגן מיינע היינטיקע סובלאָקאַטאָרן; איצט האָב איך צוויי פאַרשוינען, וואָס פאַרקירצן מיר די יאָרן. איינער איז אַ דאָקטאָר און דער צווייטער — אַן אַדוואָקאַט, ד. ה. דער דאָקטאָר איז נאָך נישט קיין דאָקטאָר און דער אַדוואָקאַט איז נאָך נישט קיין אַדוואָקאַט. זיי לעקסירן ערשט. דער ערשטער לעקסירט אויף דאָקטאָריי און דער אַנדערער —

אויף אדוואקאטעריי. זיי האבן שוין געענדיקט. נאר איצט זוכן זיי פּראקטיק. איז די ערשטע „פּראקטיק" נעמען זיי ביי מיר, ביי מיין ווייב, ביי מיטן טאכטער, ביי דער דינסט, און ביי וועמען ס'לאזט זיך.

דער אדוואקאט דרייט זיך ארום גאנצע טעג אין שטוב און רעדט. רעדט פאר פייער און וואסער. רעדט צו דער וואנט, צו דער שאנק, צום שפּיגל, צום שרייב־טיש און צום לאמפּ. נישט ווי, נישט ווען, שטעלט ער זיך אוועק און האלט א רעדע, פּארטיידיקט זיין קליענט. מאכט ער אזעלכע געוואלטן, אז אלע שכנים לויפן זיך צוזאמען אויף זיינע בייזע ווונדער. אמאל בין איך זיין קליענט, אמאל מיין ווייב, אמאל מיין טאכטער און אמאל מיין דינסט. רעדט מיט פּאטאס, מיט היץ. צעקאכט זיך, שיט מיט פּאראגראפן, און איך מוז דאס אלץ אויסהערן, ווארום... ווארום ער איז דאך מיין סובלאקאטאר! ווען איך וואלט נישט געוווסט, אז דאס זענען זיינע אדוואקאטן־ווייען, וואלט איך אים זיכער אוועקגעשיקט אין א משוגעים־הויז.

און דער דאקטאר? פון אים האב איך גאר געברענטע צרות. היות ווי ער האט נישט קיין פּראקטיק, האט ער זיך גענומען פּראק־טיצירן אויף מיר און אויף מיין הויזגעזינד.

טאמער האט ער נישט מיך, נעמט ער זיך צו מיינע טעכטער; ער האלט זיי אין איין „זבאדען". איינער הייסט ער אינגאנצן נישט עסן. דער צווייטער הייסט ער אויסשניידן די מאנדלען. דער דריי־טער הייסט ער נעמען זאלץ־בעדער. נאך איין מזל האבן מיר, וואס מיר הערן אים, ווי דעם קאטער; ווען נישט, ווען מיר וואלטן טאקע אזוי געטון, ווי ער הייסט, וואלט געווען זייער ביטער.

אי, פאר וואס צי איך מיך יעדן טאג אים אויף דער קאנאפּע און לאז מיך פון אים קלאפּן און הארכן? פאר וואס לאז זיך מיי־נע טעכטער פון אים „זבאדען"? דערפאר איז ער דאך א סובלא־קאטאר. און פון א סובלאקאטאר מוז מען לײַדן!

איר הערט? ווען איך וואלט געוווסט, ווער עס האט אויסגע־טראכט סובלאקאטארן, וואלט איך אים געהייסן דערשיסן. און טא־מער איז ער שוין טויט, זאל ער קיינמאל פון גהינום נישט ארויס...

אוי, געוואַלט, אַ גנבֿ!...

(צרות פון אַן אסעקורירטן)

איך זאָג אייך, יידן, אַז אַן ענדעקישער סטודענט קאָן דאָס נישט טון, וואָס מ׳טוט זיך אַליין. גענומען בידים און אַליין אויף זיך גענומען אַ פּעקל צרות.

אַלץ הייסט צרות? אַלץ הייסט אַן אומגליק? נישט איך עס, נישט איך שלאָף, נישט איך האָב געדולד צו דער אַרבעט. כ׳גיי ווינטער אַרום אין אַ זומער־כאַלאַט, כ׳הוסט און ניס, כ׳ציטער פון קעלט, ס׳האַקט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן, און איצט די וועזוואַניעס? וועזוואַניעס אַהין און וועזוואַניעס אַהער. יעדן טאָג אַנדערע וועזוואַניעס. דער קאָפּ פּלאַצט מיר שוין פון די „געסט" — און אין אַלעם בין איך אַליין שולדיק.

הערט, יידן, אַ מעשה, און נעמט אייך אַראָפּ אַ מוסר־השכל, זיך צו היטן פון אַגענטן, צו אַנטלויפן פון אַסעקוראַציעס.

אַנומלטן זיץ איך מיר אַזוי מיט מיין בני־בית, פּלוצים עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ יידל מיט אַ צוגעשוירן בערדל, ווי אַ קמצל, מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם.

— גוט מאָרגן.

— אַ גוט יאָר, וואָס ווינטשט איר?

— דאָ וווינט ה׳ חיים יאַנקעלזאָן?

— יאָ. וואָס האָט איר געוואָלט? איר זענט אַ משולח פון אַ ישיבה?

— עי, ווי פאַלט איר אויס?

— אַ מחבר?

— אַך.

— אַן אינקאַסענט פון „הכנסת־כּלה״?

— ניין. נישט דאָס און נישט יענץ, איך בין געקומען אייך פאַרזאָרגן אויפן גאַנצן לעבן.

— איר מיך פאַרזאָרגן?

— יאָ, איך, נישט קיין אַנדערער.

— טשעקאַווע צו וויסן. נו, לאָמיר הערן.

האָט דאָס יידל זיך אויסגעהוסט, אַ גלעט־געטון דאָס קמצל, פאַררוקערט אַ פּאַפּיראָסל, אַרויסגעבלאָזן דעם רויך דורך דער נאָז און גענומען געבן לשון:

— הערט מיך אויס, פּאַניע חיים יאַנקעלזאָן. איר ווייסט דאָך, אין וואָס פאַר אַ צייט מיר לעבן: מ׳פליט מיט אַעראָפּלאַנען, מ׳פאָרט משוגענערווייז מיט טאָרפּעדאָ־צוגן. אויטאָס פליען אַרום איבער דער שטאָט, ווי שדים, און וואָס איז דען מ׳שטיינס געזאָגט אַ מענטש? אַ מענטש איז געגליכן צו אַ טשייניק: ער קאָכט אַזוי לאַנג, ביז ער קאָכט אויס... אַ מענטש איז געגליכן צו אַ בייגל־בעקער: אַ בייגל־בעקער איז שטערבלעך, מכּל שכּן נאָך אַ מענטש!...

— אָבער אַקעגן וואָס זאָגט איר דאָס? איר האָט דאָך מיך גאָר געזאָלט פאַרזאָרגן אויף מיין גאַנץ לעבן, און איר רעדט גאָר פון טויט?

— אָט, אָט, בין איך טאַקע אייך געקומען פאַרזאָרגן, אַסעקורירן אייך.

— אַהאַ, איר זענט אַן אַגענט?

— יאָ, אַן אַגענט פון דער באַוווּסטער ענגלישער אַסעקוראַציע־געזעלשאַפט „יקום־פורקן״, נו, בין איך געקומען אַסעקורירן אייך אויפן לעבן.

— ר׳ ייד, אַ שאָד אייער מי, איך וועל מיך נישט אַסעקורירן, ווייל איך רעכן צו לעבן הונדערט יאָר.

— אַזוי? הונדערט יאָר? מיט וואָס זענט איר עס אַזוי זיכער?

— ווייל כ'עם נישט אין קיין רעסטאָראַנען און כ'קוריר מיך נישט ביי קיין דאָקטוירים.

— אויב אַזוי, טאָ אַסעקורירט אייך קעגן פייער.

— ס'וועט נישט ווערן דערפון.

— פאַרוואָס?

— ווייל אין מיין הויז וווינט נישט קיין פאַבריקאַנט, און איך מאַך „הבדלה" פון איין שבת־צו־נאַכטס צום צווייטן, אָן אַן אַסעקוראַציע־פּאָליס...

— האָב איך פאַר אייך אַן אַנדערן פּלאַן: אַסעקורירט אייך קעגן גנבה. צו וואָס זאָלט איר לעבן אין שרעק, אַז איר קענט האָבן אַ לאַכטיק לעבן. איר זיצט אייך אין טעאַטער און אין דער היים מאַכט מען אייך דערווייל „חתונה". איר קומט אַהיים און ס'ווערט אייך „לאַכטיק" אין די אויגן. די גנבים אַרבעטן, און איר נעמט אָפּ די „גראַצערס".

— יאָ, דאָס, זעט איר, איז אַן ענין. קעגן גנבה דאַרף מען זיך טאַקע אַסעקורירן.

און איידער איך האָב זיך אומגעקוקט, האָט ער מיר אונטערגערוקט אַ פּאָליס. איך האָב אונטערגעשריבן און אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ.

איצט בין איך אַ פרייער פויגל. כ'וועל נישט מורא האָבן פאַר מיין פעלץ, פאַר די מלבושים. איך וועל האָבן אַ רואיקן קאָפּ. וואָרום איך בין דאָך אַסעקורירט!

דאָ הייבט זיך אָן דאָס פעקל צרות:

באַלד אויף צומאָרגנס קומט אַריין אַ פאַרשוין ווידער מיט אַ טעקע, פרעגט ער:

— דאָ וווינט ה' חיים יאַנקעלזאָן?

— יאָ, דאָ וווינט חיים יאַנקעלזאָן. ווער זענט איר?

— איך בין אַ קאָנטראָלער פון דער ענגלישער אַסעקוראַציע־פירמע „יקום־פורקן", איך בין געקומען נאָכקוקן, צי אייער וווי־נונג איז גענוג פאַרזיכערט.

נו, האָט ער גענומען בודק זיין די טיר, פּרובירט דעם „זאַ־

טשאַסק", געמאַסטן די דיק פון די ווענט, באַטראַכט דעם סופיט, געמאַסטן די פּאָדלאָגע, „זבאַדעט" די פענסטער.

נאָך דער ערשטער בדיקה האָט ער גענומען אונטערזוכן די שאַנק. באַטראַכט זי פון אַלע זייטן. נאָך דער שאַנק האָט ער זיך גענומען צו דער קרעדענץ. באַטאַפּט און באַקוועטשט די טירלעך, געפּרוּווט די שלעסלעך.

נאָך דער קאָנטראָלע האָט ער אַרויסגעגעבן פּאַראָרדענונגען:

— אין דער טיר אַריינזעצן אַן אַמעריקאַנער קלאַפּ־שלאָס מיט אַ געהיים־שויץ. אַ חוץ דעם קלאַפּ־שלאָס מיט דעם געהיים־שויץ — פעסטע, אייזערנע ריגלען, דערצו פעסטע, אייזערנע פרענטן. די טיר פון דרויסן פאַרפּאַנצערן מיט אַן אייזערנער דעק, ס׳וואָלט נישט געשאַדט צו פאַרלייגן אַן אַלאַרם־גלאָק. דעם סופיט און די ווענט איבערוואַרפן מיט בעטאָן, לייגן אַ טאָפּלטע שטיינערנע פּאָד־לאָגע, ביי די פענסטער אייזערנע לאָדנס, און אויב מ׳גייט אַוועק פון דער שטוב, דאַרף מען הייסן די שכנטע אַכטונג געבן, מ׳זאָל, חלילה, נישט באַגנבענען...

— גוט, — האָב איך געזאָגט, — איך וועל אַלץ מאַכן. אָבער דערקלערט מיר, פאַניע קאָנטראָלעזשע פון דער געזעלשאַפט „יקום־פורקן", וויבאַלד איך וועל מאַכן אַ פעסטונג, טאָ אויף וועלכע כפרות דאַרף איך די אַסעקוראַציע? לויט אייערע „פשע־פּיסן" וועלן די גנבים מוזן שיסן מיט האַרמאַטן?

— „טרודנאָ, פשעפּיסי!" — האָט ער געענטפערט.

— מילא, אַז פשעפּיסן, העלפט דאָך נישט, האָב איך טאַקע אַלץ געמאַכט לויט די פשעפּיסן פון דער „טאָוואַזשיסטוואָ יקום־פורקן" — אַבי איך בין אַסעקורירט.

איז אַוועק אַ חודש, אַ קוואַרטל, אַ האַלב יאָר, אַ יאָר, צוויי יאָר, איך לייען כסדר אין די צייטונגען:

„איינבראָך־גנבה אין אַ וווינונג, צוגענומען מלבושים און ווערט־זאַכן".

„דרייסטע גנבה אין מיטן העלן טאָג. די גנבים האָבן גע־אַרבעט מיט די נייעסטע מכשירים".

טאָג־טעגלעך הער איך פון אַן אַנדערע גנבה. מ׳באַגנבעט

איין שכן, אַ צווייטן שכן, מיך אַרט דאָס נישט, פאַרקערט, איך בין צופרידן, זאָלן זיי קומען, זאָלן זיי ברעכן. איך בין דאָך אַסעקורירט!

נו, מיינט איר, אַז די גנבים האָבן זיך דערשראָקן פאַר מיין אייזערנער טיר? חס־וחלילה! זיי האָבן מיך „חתונה־געמאַכט" מיט דער אייזערנער טיר, מיט די אייזערנע פּרענטן, און געמאַכט האָבן זיי דאָס גאָר „בעל־מלאכיש".

איך קום אַהיים, אַ בראָך! די טיר צעטראַסקעט. ווער מיר שלאָס, וואָס מיר ריגלען? גענומען האָבן זיי די „גרעבערע" זאַכן: מיין פּעלץ, מלבושים, ווערט־זאַכן; די „דראָבנאָסטקעס" האָבן זיי נישט גערירט.

דאָ הייבט זיך אָן די ריכטיקע מעשה:

ווי נאָר מ'האָט זיך דערוווּסט פון דער מעשה, האָט מען מיך קודם־כל „זאַפּראָשעט" און מיך גענומען אויפן פאַרהער:

— וואָס פעלט אייך?

— דאָס, יענץ וכדומה.

— זענט איר קיינמאָל נישט געווען „קאַראַנע"?

— יאָ, איינמאָל בין איך געגאַנגען קרום אַדורך די גאַס.

— האָט איר גוט פאַרשלאָסן די טיר?

— יאָ.

— אויפן קלאַפּ־שלאָס מיטן געהיים־שויץ?

— יאָ.

— ווייסט איר דאָס אויף זיכער?

— אויף זיכער...

— טאָ ווי אַזוי האָבן די גנבים געקענט אַריינקומען?

— איך בין אַ קנאַפּער „פאַכמאַן" אין די זאַכן.

— האָט איר די שכנטע געהייסן אַכטונג געבן, ווען איר זענט אַוועקגעגאַנגען?

— געהייסן.

— איז נישט אַמאָל אייער שכנטע אַ טויבע?

בין איך שוין געוואָרן אין כעס און אַ זאָג געטון:

— מיינע ווּיסטע חלומות צו מיינע שונאימס קעפּ! וואָס

דרייט איר מיר א ספּאָדעק, וואָס? מ׳האָט מיך באַגנבעט? מ׳האָט מיר צעטרייבערט די טיר? מ׳האָט מיר צוגענומען דעם פּעלץ? טאָ גיט אַהער די גראַצערס און פּאַרטיק!

— וואָס? גראַצערס? די „טאָוואַזשיסטוואָ יקום־פּורקן" גיט נישט אַזוי שנעל קיין גראַצערס, מ׳דאַרף נאָך מאַכן אַ „שלעדז־טווע"!

נו, האָב איך עס אַביסל צרות. יעדן טאָג אַנדערע „וועזוואַ־ניעס", יעדן טאָג די זעלבע קלאָץ־קשיות:

— גוט פאַרשלאָסן?

— אויפן קלאַפּ־שלאָס מיטן געהיים־שויץ?

— ווייסט איר אויף זיכער?

— ווי אַזוי האָבן זיך אַריינגעקריגן די גנבים?

— איז נישט די שכנטע אַ טויבע?

יעדן טאָג ענטפער איך דאָס זעלבע, יעדן טאָג שריי איך:

— גיט מיר די גראַצערס. איך ווער געפּרווירן. כ׳גיי אין אַ זומערדיק כאַלאַטל. כ׳ציטער פון קעלט.

איך שריי און זיי ענטפערן:

— שאַט, איילט אייך נישט. ס׳ברענט נישט. די „טאָוואַזשי־סטוואָ יקום־פּורקן" איז נישט קיין כאַפּערין: — זי „כאַפּט" נישט באַלד אַרויס קיין געלט...

די היינטיקע וואָך באַקום איך אַ „זאַוויאַדאָמיעניע", מיינט איר אפשר, אַז כ׳זאָל קומען אָפּנעמען ס׳געלט? אַך, ווי פאַלט איר אויס? אַז... מ׳האָט געכאַפּט די גנבים.

לויף איך דאָך באַלד אַוועק אין דער „טאָוואַזשיסטוואָ יקום־פּורקן", פרעג איך:

— פּאַנאָוויע, פון וואַנען ווייסט איר, אַז דאָס זענען טאַקע די אמתע מחותנים?

ענטפערט מען מיר: „פּשיפּושטשאַלניע".

הקיצור, איר ווילט וויסן דעם סוף? דער סוף איז, אַז איך גיי אַרום ווינטער אין לייכטן זומער־כאַלאַטל, כ׳הוסט און ניס, ס׳קדחת וואַרפט מיך פון קעלט. די גנבים האָבן דעם פּעלץ און איך האָב... דעם פּאַלים.

איצט איז מיר איינגעפאַלן אַ געניאַלער פּלאַן. ווייסט איר וואָס? איך גיי מיר מאַכן אַן אייגן אַסעקוראַציעלע, כ׳וועל מיר דינגען אַ שטוב, כ׳וועל אַוועקשטעלן אַ טיש מיט אַ טינטער, כ׳וועל אַרויסהענגען אַ שילד ,,טאָוואַזשיסטווא כינעוועכיסדע״, איך וועל מיר האָבן אַן אייגענע אַסעקוראַציע און מאַכן פּאָליסעס.

יידן, אפשר ווילט איר זיך אַסעקורירן אין מיין נייער טאָוואַזשיסטווע ,,כינעוועכיסדע״?

חתונה־געהאַט מיט... אַ סערטיפיקאַט

אַ פּאַסקודנע פּאָלק, זאָג איך איהן, זענען די מענער. אַז אַ זיבעציק־יעריקער איז נאָך אַ האָן און קריט נאָך...

איך זאָג עס אייך אָקעגן מיין צרה, וואָס איך האָב אַליין איבערגעלעבט, און איך וואָרן אייך, מיידלעך, גלויבט נישט די מענער, אַפילו זיבעציק־יעריקע און האָט נישט חתונה אויף קיין געלעכטער.

הערט, מיידלעך, וואָס ס'האָט מיט מיר פּאַסירט:

ווי איר ווייסט, איז געוואָרן אַ מאָדע — פּאַלעסטינע. אַלע מיידלעך, וואָס „פּראַגניען" חתונה צו האָבן, לויפן קיין פּאַלעסטינע, און וואָס, איך בעט אייך, איז דען דער וואונדער? אַז דאָ, אין פּוילן, זענען די כלאָפּצעס געוואָרן „ניע דאָסטעמפּנע". ווער קען עס היינטיקע צייטן צוקומען צו אַ פּאָר הויזן? גאַנצע יחסנים זענען זיי געוואָרן, די מענער און גייען מיטן קורס: גייט דער דאָלאַר „דאָ גורי" — גייען זיי מיטן דאָלאַר. פאַלט דער דאָלאַר — גייען זיי מיטן זלאָטי. אַזוי זענען זיי ווייך, ווי פּוטער, רעדן זיסע ריידעלעך, קוצעניו־מוצעניו, און אַז ס'קומט צו „פּראַקטיטשנע" זאַכן, ווייזן זיי אַרוים ס'חזיר־פּיסל און פרעגן: „וויעלע מאַש"? אַזעלכע פּאַסקודניאַקעס זענען זיי, די מענער!...

נו, איז אַ וואונדער, וואָס די מיידלעך האָבן גענומען לויפן קיין פּאַלעסטינע, אין דעם הייליקן לאַנד, ווו מען קאָן נאָך כאַפּן אַ חתן „ז' מילאָשטשי"?...

איז טאַקע געוואָרן אַ געלויף קיין פּאַלעסטינע. הימל און ערד און פּאַלעסטינע. איידער צו מאַכן אַ וויפּראַווע, דינגען אַ דירה, קויפן מעבל און שפּעטער זאָל עס דער סעקוועסטראַטאָר צונעמען, סטאַרעט מען זיך וועגן אַ סערטיפיקאַט.

און אַז אַלע מיידלעך לויפן, טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט לויפן? וואָס, מ׳שטיינסגעזאָגט, וועל איך סקאַזשישטשען פון די היגע בלאָפּצעס, וואָס? האָב איך נישט לאַנג געטראַכט און איינגעגעבן אויף אַ סערטיפיקאַט.

איז אַוועק אַ חודש, אַ יאָר — נישטאָ קיין סערטיפיקאַטן! בין איך דאָך געוואָרן אין כעס און בין אַוועק אין פּאַלעסטינע־אַמט, האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך מוז חתונה האָבן.

— וואָס הייסט, איך זאָל חתונה האָבן? ווען איך וואָלט געקענט חתונה האָבן, וואָלט איך דאָך נישט געדאַרפט קיין סערטיפיקאַט! נאָך וואָס פאָר איך דען קיין פּאַלעסטינע? — חתונה האָבן!

דאָ האָט מען מיר ערשט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך אַליין קען נישט באַקומען קיין סערטיפיקאַט; איך דאַרף זיך דערוויסן פון אַ בחור, וואָס האָט אַ סערטיפיקאַט און יענער זאָל מאַכן אַ „פיקציגע שלוב" — חתונה האָבן אויף אַ געלעכטער, הייסט עס. יענער זאָל מיך פאַרשרייבן אַלס זיין ווייב און אַזוי־אַרום וועל איך קומען קיין פּאַלעסטינע.

— וואָס הייסט עס עפּעס חתונה האָבן אויף אַ געלעכטער? און וואָס וועל איך טון, אַז יענער וועט נישט פאַרשטיין קיין געלעכטער?

און אַזוי ווי איך שטיי און טראַכט וועגן חתונה אויף אַ געלעכטער, וואַקסט מיר אויס אַן עלטערער פּאַצעט מיט אַ גלאַנציקער ליסינע, וואָס האָט געשיינט, ווי די לבנה האַלב־חודש, מיט קנייטשן אויפן שטערן און פאַלדן אויף די באַקן. טוט אָן די ברילן אויף דער שפּיץ נאָז און גיט מיך אַ פרעג:

— איר... איר... זענט נאָך אַ פּיניענקע?

— וועגן וואָס דאַרפט איר דאָס וויסן, סטאַרושקו? — האָב איך אים געפרעגט.

— איך... איך... האָב אַ סערטיפיקאַט, האָב איך, — האָט דער אַלטער קוים אַרויסגעטשאַמלט.

— נו, איז וואָס?

— ווער איך... וועל איך... מיט אײַך חתונה האָבן אויף אַ געלעכטער...

אַז איך האָב אַ קוק געטון אויף דעם „לאַנדשאַפט” מיטן אָפּגעשאָסענעם גרינעם פראַק, מיט דער גלאַנציקער, ווי מיט פּו־טער אויסגעשמירטער, ליסינע, האָב איך מיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— כאַ... כאַ... איר געדענקט נאָך אודאי די פּאָווסטאַניע אין פּוילן? איר ווילט מיט מיר חתונה האָבן?

— הע... הע... אויף אַ... געלעכטער... בלויז אויפן פּאַפּיר... נישט מער, ווי אויפן פּאַפּיר — אַ מאַן אויפן פּאַפּיר... און ווײַ־טער גאָרנישט — איר פאַרשטייט?

און וואָס טוט נישט אַ מיידל צוליב אַ סערטיפיקאַט? האָב איך נישט לאַנג געטראַכט און מיט דעם „פּאַצעט” חתונה געהאַט אויפן פּאַפּיר.

נו, האָב איך עס געהאַט אַ „מאַן אויפן פּאַפּיר”! האָב איך עס געהאַט אַביסל צרות פון דער חתונה אויף אַ געלעכטער. הערט מיך אויס, מיידלעך, און וויסט, וואָסערע פּאַסקודניאַקעס מענער זענען:

באַלד נאָך דער חופּה זאָגט ער צו מיר:

— סאַלטשעלע, לאָמיר אַרײַנגיין אין יחוד־שטיבל. נאָך דער חופּה גייען חתן־כלה אַריין אויף יחוד.

— וואָס הייסט? וואָסערע חתן־כלה? וואָסער יחוד? מיר האָבן דאָך חתונה געהאַט אויף אַ געלעכטער?!...

— געלעכטער, שמ'לעכטער, — האָט ער געענטפערט.

אין אָוונט פרעגט ער מיך:

— סאַלטשעלע, ווען טו מיך אייביק ליבן?

— אנטשולדיקט! וואָסער ליבן? מיר האָבן דאָך חתונה גע־האַט אויף אַ גלעכטער...

צומאָרגנס קומט ער צו מיר מיט אַ טענה:

— סאַלטשעלע, ווער איז דער בחור מיט דער שוואַרצער טשופרינע, וואָס האָט אויף דיר געקוקט מיט אַזעלכע ממזרישע אייגעלעך? פאַרגעס נישט, אַז דו ביזט אַן אשת איש, אַ פאַרהייראַ־טע פרוי!...

— וואָס מיר פאַרהייראַט און ווער מיר פאַרהייראַט? מיר האָבן דאָך חתונה געהאַט אויף אַ גלעכטער!...

אַ צווייט מאָל זאָגט ער צו מיר:

— דו ווייסט, סאַלטשעלע, אַז דו וועסט האָבן אַ יינגעלע, וועט מען עס אַ נאָמען געבן נאָך מיין זיידן, אַ טייערער ייד גע־ווען, מיין זיידע — אינגאַנצן געראָטן אין מיר...

— מיין ווייסטער חלום צו מיינע שונאימס קעפּ! וואָסער יינ־געלע? וואָס מיר נאָמען? ווי אַזוי וועל איך האָבן אַ קינד? איך בין דאָך אַ מיידל?!...

אָבער דאָס ערגסטע איז געשען אויף דער שיף. די ערשטע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין, זאָגט ער צו מיר:

— סאַלטשעלע, ס'איז שפּעט, אַלע גייען שוין שלאָפן.

— נו, ווער האַלט אייך דען צו? גייט אַריין צו די מענער און איך וועל אַריינגיין צו די פרויען.

— וואָס? וואָס הייסט דאָס? פאַרהייראַטע גייען נישט באַ־זונדער, — האָט ער געענטפערט.

— הערט אייך איין, פעטער, — האָב איך אים אויפמערקזאַם געמאַכט, — אַרבעט נישט די משוגענע קונץ און גייט אייך אין אייער רו אַריין.

— סאַלטשעלע,—האָט ער מיר איינגערוימט אויפן אויער,— אין דער תורה שטייט, אַז אפילו אַ גוי טאָר מען אויך נישט גע־נאַרן!...

— אָבער, מיר האָבן דאָך חתונה געהאַט נאָר אויפן פּאַפּיר!

* *
*

איר ווילט וויסן דעם סוף? דער סוף איז געווען אַ טרויערי־קער: איר זעט דעם שוואַרצן מזיק? דאָס איז מיין זונעלע, וואָס כ'האָב געהאַט פון דער... חתונה אויפן פּאַפּיר...

איר הערט, מיידלעך, גלויבט נישט די מענער, האָט נישט חתונה אויף קיין געלעכטער, אפילו מיט אַ זיבעציק־יעריקן, — ער האָט חתונה אויפן פּאַפּיר, און דערנאָך זאָגט ער, אַז ער פאַרשטייט נישט קיין געלעכטער...

דער מלאך מיט שטײפּע װאָנסעס!...

איר שפּילט אויף דער לאָטעריע? אַ שאלה, צי איר שפּילט. װעלכער ייד שפּילט עס נישט אויף דער לאָטעריע? בפרט אין די צײַטן, װען מען קייכט פּאַר אַ גראָשן און פּרנסה האָבן נאָר יחידי סגולה, — קאָמאַרניקעס, רעיענטן און סעקװעסטראַטאָרן; אין דער צײַט פאַרזעצט מען דעם חנוכה־לײַכטער אָדער די בשמים־ביקס און מ׳קויפט אַ „פּערטעלע" און מ׳זוכט... דעם מיליאָן!...

יעדער אײנער זוכט דעם מיליאָן: מענער און װײַבער, גרויס און קליין, אַלט און יונג, — אַלץ שפּילט. אַלע שטייען בײַ דער „טאַבעלע פּשעגראַנע" און זוכן: די ערשטע טעג זוכט מען בײַ די „פעטע" נומערן און װאָס װײַטער, לאָזט מען זיך אַראָפּ נידעריקער — צו די „מאָגערערע" נומערן — צום קרן... מ׳װיל זיך שוין צוריק זען מיט די פּאָר גראָשן.

נו, האַלט איך טאַקע נישט פון דער לאָטעריע. פון אַזױפיל מיליאָנען שפּילער װעל איך פּונקט זײַן דער גליקלעכער האָז? און זאָל איך אַרײַנצימבלען פּאַר אַנדערע, האָב איך קײן חשק נישט. פּאַרװאָס, איך בעט אײַך, זאָל איך געבן געלט פּאַר װילד־פרעמדע מענטשן, װאָס איך קען זײ אַפילו נישט? איך האַלט נישט פון שפּילן — און גענוג!...

אָבער װאָס טוט מען פּאָרט? אַז קײן פּרנסה איז נישטאָ. די טעכטער װאַקסן אונטער, און דאָ גײט אַ װינטער אין לאַנד אַרײַן: אײנע דאַרף לאַקערקעלעך, די צװײטע דאַרף אַ קאָסטיום, די דרי־

טע א „וויעטשאָראָווע" קליידל, די פערטע דאַרף א „מאַזשגע" צו פאַרדעקן די צרות... די פינפטע וויל גליטשערס און דאָס ווייב יאָדעט: וואָס וועט דיין שוואַרצער סוף זיין, מאָטל? פאַר־וואָס טוען זיך אַנדערע ווייבער „אָוזשיען" און איך ווייס נישט מער, ווי צוויי זאַכן: טראָגן און האָבן?!

און הלמאי זאָל איך לייקענען? זי איז דען נישט כשר גע־רעכט? פאַרוואָס זאָלן אַנדערע ווייבער „אָוזשיען" און מיין פּע־סעלע נישט? באשר זי האָט א מאַן מאָטל, א שלימזל, א טוי־געניכטס?

אָבער וואָס טוט מען פאַרט? האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן צו אים, זאָל לעבן, צום רבין, הייסט עס, אַן עצה האַלטן, אָראָפּ־רעדן זיך, אויסגיסן מיין ביטער האַרץ.

האָב איך אָנגעשריבן א קוויטל, דער רבי האָט מיך אויס־געהערט, האָט ער א שווערן זיפץ געטון און צום סוף זאָגט צו מיר דער רבי:

— פאָר אַהיים, מאָטל, קויף א צעטעלע אויף דער לאָ־טעריע און דו וועסט מצליח זיין. נאָר געדענק, אַז דער נומער פון צעטעלע זאָל זיין כמנין „טוב" אָדער כמנין „מזל".

בין איך אַוועק פון רבין א גליקלעכער, כ'האָב געפילט, אַז ס'איז מיר לייכטער געוואָרן, בין באַלד אַוועק צו א קאָלעקטאָר און גענומען זוכן דעם כמנין „טוב" אָדער „מזל", האָב איך געזוכט און געזוכט און האָב טאַקע געפּאַקט א צעטעלע מיט א נומער 156212, וואָס צוזאַמען באַטרעפט ער 17 (כמנין טוב).

איצט, האָב איך מיר געטראַכט, האָב איך דעם מיליאָן אויף דער האַנט, אַז דער רבי, זאָל לעבן, האָט געזאָגט: שפּיל אויף כמנין „מזל" און דו וועסט מצליח זיין. און אָט האָב איך דעם „טוב" אין דער קעשענע.

איך בין גלייך אַוועק צו דער באַן, און פאָרנדיק, האָב איך גענומען טראַכטן: וואָס וועל איך טון מיט א מיליאָן? וואָס הייבט מען אָן צו טון מיט א מיליאָן? גיי, ווייס, היינטיקע צייטן? קויפן דאָלאַרן? ווייס איך וואָס. אַז דער דאָלאַר האָט היינט אַזאַ פּנים, ווי אַן אַלטע מויד: מיט יעדן טאָג איז ער ווייניקער ווערט...

הייזער? גיי, האָב אַן עסק מיט לאָקאַטאָרן, מיט סאָנדעס, מיט עקסמיסיעס — ס'איז נישט פאַר מיר.

עפּענען אַ געשעפט? האַנדלען מיט מאַנופאַקטור? — ס'איז אויך אַ געשעפט פאַר אַ טויטן! הייבט זיך אָן אַ מעשה מיט פּאַטענטן, מיט אַבראַטאָווע, מיט ביכער, מיט „קאַסע כאָ־רע", מיט „זופּ" און „פּופּ" און מיט אַנדערע שלעק — כ'האָלט נישט דערפון!...

ווערן אַ דיסקאָנטער? דיסקאָנטירן וועקסלען און נעמען צינזן? צו דעם דאַרף מען זיין אַ נשמה־כאַפּער, דאַרף מען האָבן אַן אויסגעברענט האַרץ. און דאָס האָב איך נישט.

און אַזוי טראַכטנדיק וועגן דעם מיליאָן, עפנט זיך די טיר פון וואַגאָן און עס קומט אַריין אַ הויכער גוי מיט וואָנסעס, מיט אַ פּאָר געלע שטיוול, מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע, מיט עט־לעכע געשאָסענע האָזן ביי דער זייט, און זעצט זיך מיר אַוועק פּנים אל פּנים.

דערזעענדיק דעם „מחבל" מיט די שטייפע וואָנסעס, מיט דעם „משחית", מיט דעם שיסער אויף דער פּלייצע, האָבן מיר גענומען לויפן פונקען פאַר די אויגן — אַ קשיה אויף אַ מעשה. מאַלע וואָס ס'קען זיך היינטיקע צייטן טרעפן? אַ ייד אַליין אין אַ וואַגאָן מיט אַזאַ פּאַרשווינדל — ער שלינגט דאָך איין צען אַזעלכע מאָטלס מיט איין שניף... נו, וואָס איז אַ ווונדער, וואָס ס'זענען מיר געלאָפן שוואַרצע רעדער פאַר די אויגן. אַז איך האָב אַ קוק געטון אויף די לאַנגע, שטייפע וואָנסעס, מיט דער ביקס, מיט די געשאָסענע האָזן, איז מיר געוואָרן קאַלט און וואַרעם...

אינמיטן דערינען איז מיר געקומען אַ געדאַנק: אפשר איז דאָס אַ מלאך? דער רבי האָט געזאָגט: פאָר, מאָטל, און דו וועסט מצליח זיין!

אַי, ווי קומט עס אַ מלאך מיט שטייפע וואָנסעס? ווי קומט צו אַ מלאך אַ ביקס מיט געשאָסענע האָזן? ווייניק מלאכים האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר אורחים, פאַר וואַנדערער, פאַר פּויערים, נו, האָט ער זיך איצט פאַרשטעלט פאַר אַ פּריץ מיט

א ביקס... און ווי איך טראַכט אַזוי, טוט ער, דער פּריץ מיט די שטייפע וואָנסעס מיך אַ פרעג:

— „סקאָנד, זשידקו"?

האָט מיר גענומען ציטערן די אויבערשטע ליפּ, און איך האָב גענומען שטאַמלען:

— „יאַ... יאַ... יאַ... אָד ניעגאָ, ניעך זשיע" (פון אים, זאָל לעבן).

— „אָד ניעגאָ? אָד קאָגאָ"? — האָט ער מיט אַ שמייכל איבערגעפרעגט.

— נו... נו, „אָד ניעגאָ", — האָב איך געענטפערט, און ס'האָט מיר געהאַקט אַ צאָן אין אַ צאָן.

— „יאַ ניע ראָזומיעם, מוווּ פּאַן וויראַזשניע — אָד קאָגאָ"? — האָט דער פּריץ זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין און בעת־מעשה זיך געדרייט די שטייפע וואָנסעס.

— „פּאַן פּריץ ניע ראָזומי", — האָב איך געזאָגט, — „אָד ניעגאָ, ניעך זשיע" — „אָד רעבע יאַ יאַדע".

— „אַהאַ! אָד רעבעגאָ!" — האָט דער פּריץ גענומען שמייכלען. — „אָד רעבעגאָ". — „אַ פּאָצאָ פּאַן ביל או רעבע־גאָ"? — האָט ער ווייטער מיך געצויגן פאַר דער צונג.

— „באָ מאַם שעשטש צורעק, ניע דליאַ פּאַנאַ פּאָוויע־דזשאַוושי" (ווייל איך האָב זעקס טעכטער, נישט פאַר איך גע־דאַכט).

דאָ בין איך שוין געוואָרן אַביסל דרייסטער און דערציילט פּאַדראָבנע, אַז איך בין אויף גרויסע און געהאַקטע צרות, אַז איך האָב זעקס טעכטער אונטער דער חופּה צו פירן, און אַז דער רבי האָט מיך געהייסן שפּילן אויף דער לאָטעריע אויף אַ נו־מער כמנין „טוב" אָדער „מזל" און דאָ האָב איך שוין טאַקע דאָס לאָטעריע־צעטעלע און אַז אויף דעם צעטעלע וועל איך זי־כער געווינען דעם מיליאָן, און האָב מיך טאַקע מיט אים גענו־מען „ראַדזשען", וואָס איך זאָל טון מיטן מיליאָן...

ווי דער פּריץ האָט דערהערט די מעשה, האָבן ביי אים גע־

גומען פינקלען די אויגן. ער האָט כסדר געהאַלטן אין איין דרייען די וואָנסעס, און צום סוף גיט ער צו מיר א זאָג:

— „יאַ כצען קופּיטש טען לאָס", — און דערבײַ האָט ער מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז גרייט זיך מיט מיר צו טוישן: ער וועט מיר געבן זיין צעטעלע און איך זאָל אים געבן מיין צעטעלע מיטן כמנין „טוב", און דערבײַ גיט ער מיר גאַנ־צע טויזנט זלאָטעס.

— טויזנט זלאָטעס איז אַביסל וויניק, — און איך האָב גענומען האַנדלען.

דער שפּיץ איז געווען, אַז מיר האָבן זיך געטוישט מיט די צעטעלעך און ער האָט מיר צוגעצאָלט גאַנצע דריי טויזנט זלאָטעס.

וואָס איז געווען דער סוף, ווילט איר וויסן? דער סוף איז געווען, אַז געווינען האָב איך, טאַקע אויפן פּריצס צעטעלע גאַנ־צע עשרת אלפים — אַ צענערל, הייסט עס; דעם רבינס ווערטער זענען מקוים געוואָרן: איך האָב מצליח געווען, נישט אויפן כמנין „טוב", נאָר אויפן פּריצס צעטעלע.

איצט קלער איך: ווער איז געווען דער פּריץ? איז דאָס נישט אַמאָל געווען אַ מלאך? אַי, ווי קומט אַ מלאך צו אַ ביקס מיט געשאָסענע האָזן? — איר זעט דאָך!...

מירן שוידגער בײַט צו די זעלנער!...

אין צײַט פון מלחמה װעלן מאָביליזירט
װערן פרויען פון נײַנצן ביז פערציק יאָר.
(פון דער פרעסע)

אײ, האָב איך דערלעבט אַ נקמה אין די װײַבער! אױ איז דאָס אַ טײַערע זאַך! ס'איז שױן באמת די העכסטע צײַט, מ'זאָל די װײַבער אַרײַנרוקן אין די סאָלדאַטסקע הױזן!

מילא, אַמאָל, אַז די װײַבער זענען געװען — װײַבער, אַז זײ האָבן זיך פאַרנומען מיט בעל־הבתישקײט, אַז זײ זענען געװען מאַמעס און האָבן געהאַט צו טון מיט טראָגן, האָבן און זײגן, האָט מען נישט געקענט פון זײ פאַרלאַנגען, זײ זאָלן דערפילן בירגערלעכע פליכטן. אָבער הײַנט? הײַנט זענען זײ דאָך אױס װײַבער געװאָרן! נישט זײ קינדלען, נישט זײ טראָגן, נישט זײ זײגן. האָבן זײ שױן אײנס, איז עס מיט „ניסים", װאָרום ס'איז דאָך געװאָרן אַ צײַט פון אַ „סיסטעם", אײן־קינד־סיסטעם, העכסטנס צװײ, — װײַטער גײט עס נישט בײַ זײ!...

נישט זײ רױמען, נישט זײ קאָכן, נישט זײ באַקן, נישט זײ צערעװען אַ שקאַרפעטקע, נישט זײ נײען אָן אַ קנעפּל — גאָרנישט!

אַז זײ זענען אױס װײַבער געװאָרן... זײ טוען דאָס אײגענע, װאָס מיר, מאַנסבילן טוען: שערן זיך די האָר און גאָליען זיך דעם קאַרק; רױכערן פּאַפּיראָסן און לאָזן אַרױס דעם רױך דורך

דער נאָז; טרינקען שנאַפּס און שפּילן גאַנצע נעכט אין קאָרטן. ביינאַכט הוליען זיי און ביי טאָג — גענעצן זיי, פּונקט אַזוי ווי מיר, מענער.

נו, אויב אַזוי, אויב זיי זענען אויס ווייבער געוואָרן; אויב זיי טוען דאָס איינענע, וואָס די מענער, טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי אויך נישט גיין, צוגלייך מיט די מענער — אין די סאָלדאַטסקע הויזן, פאַרוואָס? פאַרוואָס זאָלן זיי נישט ליגן צוזאַמען מיט אונז, מענער, אין די אָקאָפּעס? פאַרוואָס זאָלן זיי נישט גיין צו די זעלנער?

הערנדיק די ידיעה, אַז ווייבער וועלן גיין צו די זעלנער, האָב איך גענומען טאַנצן פון שמחה; די מעשה האָט מיר שטאַרק אַ הנאה געטון, און פון גרויס שמחה האָב איך איינגע־דרימלט, און הערט, וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט:

ס'איז מאָביליזאַציע. אויף די גאַסן זענען אויסקלעפּט פּלאַ־קאַטן מיט גרויסע אותיות:

„ס'ווערן גערופן צו הילף־דינסט אַלע מענשטשיזנעס אין עלטער פון פערצן ביז זעכציק יאָר און קאָביעטעס פון ניינצן ביז פערציק יאָר".

ביי מיר אין שטוב זענען אַלע זעלנער: איך, מיין ווייב, די זין, די טעכטער, אַפילו די שוויגער (וועלכע יידענע ווערט דען עלטער פון פערציק יאָר?!). ס'טוט זיך אויף טישן און אויף בענק. אַלע גייען מיר אין סאָלדאַטסקע הויזן. איך בין אַ געוויינ־לעכער שערעגאָוויעץ, מיין ווייב איז אַ קאַוואַלעריסטקע, די שווי־גער גייט אויף טשוויטשעניעס. די טעכטער זענען אַוועק אין די קאַשאַרן זיך לאָזן „זבאַדען" פון דער קאָמיסיע, צי זיי זענען זדאָלנע צו דער סלוזשבע.

פאַר די מיליטערישע קאָמיסיעס שטייען די רעקרוטקעס; מ'רופט אויס איינע נאָך דער אַנדערער:

— נאַזוויסקאָ?

— פּודערגוונאַ.

— אימיע?

— ראָמאַ.
— ליאַט?
— הם... הם... נאַשטשע.
— זדראָוואַ?
— טאַק סאָביע.
— צאָ פּאַני בראַקויע?
— פּאָוואָדזעניע.
אַ צווייטע:
— נאַזוויסקאָ?
— שמינקאָוואַ.
— אימיע?
— בעלאַ.
— ליאַט?
— הם... הם... נאַשטשע.
— זדראָוואַ?
— טראָכע טאַק, טראָכע ניע.
— צאָ זנאַטשי?
— באָ... באָ...
— באָ צאָ?
— באָ... באָ... יעסטעם וו' דזשעוויאָנטים....
— אהאַ. ראָזומיעם — אָדראָטשעניע!...

אין גאַס איז ליהודים. ס'שפּאַצירן זעלנערקעס אין הויזן. אין די צוקערניעס זיצן אָפיצירקעס און קאַפּראַלקעס, שערע־גאָוונישטשקעס און פּלוטאָנאָוונישטשקעס. אָט מאַרשירט אַ דאַמסקע וואָיסקאָווע אָרקעסטער מיט אָפּגעפּאַרבטע ליפּעלעך און פּודעריר־טע נעזלעך. גייט אַדורך אַן אָפיציר, וואַרפן זיי אייגעלעך און שרייען: „באַטשנאָשטש!"

ביי מיר אין שטוב איז לעבעדיק און לוסטיק: אַלע גרייטן זיך צו די טשוויטשעניעס: די זעלנער פון „שיינעם געשלעכט" שטייען ביים שפּיגל און אַרבעטן; איינע ביי דער נאָז, די צוויי־טע — ביי די ברעמען, די דריטע — ביים „יענזיטשעק" פון

דער אויבערשטער ליפּ, און אַז אַלע זענען געווען פּאַרטיק מיטן וואַיסקאָווע רעמאָנט, האָבן זיי זיך גענומען איינפּאַקן אין די ראַנצעס די נויטיקע זאַכן, ווי: צוויין־בערשטלעך, פּודערניטשקעס, שמינקע־שטיפטלעך, ברעמען ־ שטעגנגעלעך, מאַניקור ־ קעסטלעך און אַנדערע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. מיין ווייב, די טעכ־טער און די שוויגער זענען אַוועק אין די דאַמסקע קאַשאַרן און איך מיט מיינע זין — אין די מענסקע קאַשאַרן.

זעענדיק דעם גאַנצן קלאַפּ אין די סאָלדאַטסקע הויזן, האָב איך געטאַנצט פון שמחה. איצט בין איך אַ גליקלעכער מענטש, אַן אויסגעזאָרגטער; כ׳וועל נישט מורא האָבן פאַרן ווירט, וואָ־רום ער איז אויך, פונקט ווי איך, אַ זעלנער; כ׳וועל נישט מורא האָבן פאַרן סעקוועסטראַטאָר, וואָרום ער גייט אויך אין די סאָל־דאַטסקע הויזן; כ׳וועל נישט ציטערן פאַרן קאָמאָרניק, ער וועט מיך נישט אַרויסוואַרפן פון דער דירה, וואָרום ער איז דאָך צו־גלייך מיט מיר אין די קאַשאַרן.

איצט בין איך באַפרייט געוואָרן פון מיין ווייבס לידל: „מאָזשע מאַש?״ כ׳דאַרף נישט זאָרגן וועגן קיין ווינטער־מאַנטל פאַרן ווייב, וועגן קליידער און היטן און באָטן פאַר די טעכטער. צו וואָס דאַרפן זיי מאַנטלען, קליידער, שיך און זיידענע זאָקן— זיי גייען דאָך אין הויזן!

איצט וועגן נדנים. ווער דאַרף זאָרגן וועגן נדנים, ווער? זיי זענען דאָך אין סלוזשבע, און אין די קאָשאַרן, אַז זיי וועלן מאַכן „טשוויטשעניעס״ צוזאַמען מיט כלאָפּצעס, וועלן זיי זיך גיכער „דאָראָביען״ צו אַ חתן.

און איך אַליין?

מיר איז ווויל, ווי די וועלט. איך בין אין אַן אַנדער פּולק, איך בין ביי פּיעכאָטע און מיין ווייב ביי קאַוואַלעריע. ביז איצט האָט זי געהאַט אַ פערד אויף צוויי פיס, און איצט האָט זי אַ פערד אויף פיר פיס. איך זע זי נישט און זי זעט מיך נישט. ס׳איז מיר ווויל, ווי די וועלט. וואָס פעלט מיר, וואָס? איך בין אַ פרייער מענטש. פריי פון ווייב, פריי פון די טעכטער, פריי פון

ווירט, פריי פון קאַמאַרניק און פון סעקוועסטראַטאָר. פריי פון די בעלי־חובות און כ'העך נישט מיין ווייבס לידלעך און מיין שוויגערס קללות — כ'בין אַ גליקלעכער מענטש!

אַי, האָב איך דערלעבט אַ נקמה אין די ווייבער! זענען זיי געוואָרן אויס ווייבער, טוען זיי דאָס אייגענע, וואָס מיר, מענער, טוען, טאָ זאָלן זיי אויך גיין צו די זעלנער!

נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ חלום, אַ שיינער חלום, אָבער לאָמיר האָפן, אַז דער חלום וועט סוף־כל־סוף מקוים ווערן!

אַ מאַן אַ באָקסער

פאַלט צו מיר אַריין אַ יידענע אַ צעשויבערטע, אַ דענער־ווירטע, מיט ביילן אויפן קאָפּ, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און בלויע צייכנס אויפן פּנים. די יידענע וויינט מיט ביטערע טרערן:

— ליבע מענטשן, ראַטעוועט מיין מאַן! מיין מאַן איז משוגע געוואָרן!

— משוגע געוואָרן? געווען געזונט און פריש און פּלוצ־לינג משוגע געוואָרן? ווי אַזוי איז דאָס געשען?

— הערט אויס, ליבע מענטשן, מיין אומגליק:

— געווען געזונט, ווי אַלע געזונטע, געגעסן, געטרינקען, גע־שלאָפן, גערעדט צו דער זאַך, געווען ביים פולן פאַרשטאַנד, און פּלוצים...

— וואָס איז געשען?

— פּלוצים פאַלט ער די היינטיקע וואָך אַריין אין דער שטוב מיט אַ צייטונג אין דער האַנט, טאַנצט פון שמחה:

— מזל טוב! מזל טוב!

פרעג איך אים:

— לייזערל, וואָס פאַר אַ מזל טוב? ס'איז דיר עפּעס אַרויס?

— וואָס אַרויס? ווען אַרויס? מיר האָבן אָנועקגעלייגט דעם דייטש.

— העט? וואָס רעדסטו? אים אַליין? ער האָט אַ שוואַרצן סוף איינגענומען?

— עי, — האָט ער געענטפערט, — נישט ער אַליין, אָבער אַזוי גוט, ווי ער. אונזערם אַ יאַטל ראָטהאָלץ האָט דעם דייטש אוועקגעלייגט, ווי אַ געקוילעטן אָקס...

פרעג איך אים:

— טאָ וואָס איז אויף דיר די שמחה? זאָל זיך ראָטהאָלץ פרייען!

צעלאַכט ער זיך:

— גיי רעד מיט אַ יידענע. וואָס ווייסטו, וואָס פאַרא נצחון דאָס יידישע פאָלק האָט אָפּגעהאַלטן איבער אונזערע שונאים! דאָס איז דאָך אַ נס מן השמים. ס'איז דאָך פונקט די אייגענע מעשה פון דוד מיט גלית; דער קליינער דודל האָט אוועקגע־לייגט דעם מחבל, גלית — דו פאַרשטייסט?

— נו, דאָס הייסט ביי אייך משוגע? ער רעדט דאָך גאָר צו דער זאַך?! אודאי איז דאָס אַ יידישער נצחון!

— וואַרט, וואַרט אַ מינוט און איך וועל אייך דערציילן ווייטער:

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט קומט ער אהיים אַ צעקאָכטער, וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם פאַלטן, טוט אויס, כ'בעט אייך איבער אייער כבוד, די הויזן, און טוט זיך אָן אַ פּאָר קורצע מייטקעלעך, אויף די הענט טוט ער אָן אַ פּאָר גרויסע לעדערנע הענטשקעס, שטעלט זיך אַוועק פאַרן שפּיגל, נעמט שפרינגען און האָפּסן, ווי אַ יונגע קאָזע.

פרעג איך אים:

— לייזערל, וואָס איז דאָס?

ענטפערט ער מיר:

— גאָלדע פּעסע, איך ווער אַ באָקסער!

— ביזט משוגע, צי חסר דעה? וואָס הייסט, דו ווערסט אַ באָקסער? דו פאַרגעסט, אַז דו ביזט אַ קראַנקער, צעבראָכענער מענטש, קוים וואָס דו האָסט די נשמה אין דיר. דו האָסט גאָר פאַרגעסן, אַז דו האָסט לונגען, וואָס פייפן, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו,

און אַ מאָגן, וואָס קאָן נישט לעבן אָן אַ וואָרעם-פּלאַש? דו, אַזאַ צעבראָכענער שאַרבן, וואָס האַלט זיך קוים אויף די האָלצערנע גאָלערס, גייסט ווערן אַ באָקסער? אַ באָקסער דאַרף דאָך זיין אַ יונג מיט געזונטע ידים, און דו האָסט צוויי לולבים!

לאַכט ער זיך אויס:

— נאַרישע יידענע! איך האָב דאָך אַלץ, וואָס אַ באָקסער דאַרף האָבן:

אַ באָקסער דאַרף האָבן אַ ווייכע נאָז און איך האָב אַ נאָז, ווי פּוטער.

אַ באָקסער דאַרף האָבן אַ האַרטן בויך און איך האָב טאַקע שטיינער אויף די נירן. אַז דער דייטש וועט מיר געבן אַ זעץ אין בויך אַריין, וועט ער אָנטרעפן אויף אַ שטיין, און די האַנט וועט אים ספּרוכניעט ווערן, ווי אַ באַלעם...

אַ באָקסער דאַרף האָבן דאַרע פינגער, און איך האָב טאַקע פינגער, ווי זאַפּלקעס...

אַ באָקסער טאָר נישט האָבן צו טון מיט ווייבער און איך האָב טאַקע נישט צו טון מיט ווייבער... זיי האָבן מיט מיר צו טון...

אַ באָקסער מוז היטן די ציין, מ'זאָל זיי אים נישט אויסהאַקן, איך האָב דערפאַר קיין מורא נישט, פאַרן מעטש וועל איך מיר אַרויסנעמען ביידע גימענס און באַסטאַ!...

— לייזערל, — האָב איך צו אים געזאָגט, — מאַך דיך נישט נאַריש. ביזט אַ טאַטע פון קינדער; ביזט אַ מאַן פון אַ ווייב. זע בעסער, זאָלסט האָבן פּרנסה. אויף אַ קוואַרטל דירה-געלט.

נו, איז ער עס געוואָרן אין כעס:

— פּרנסה, זאָגסטו? אַ קוואַרטל דירה-געלט? אַז איך וועל אם ירצה השם זיין אַ באָקסער, וועט מען דאָך שאַרן געלט מיט לאָפּעטעס. וואָס פעלט מיין פּשיאַטשעל מאַקס בער? ער האָט אָנומלט דעם דייטש שמעלינג געגעבן איין טרימאַסק אין די ציין אַריין, און ער איז שוין פאַרזאָרגט מיט פּרנסה.

און וואָס פעלט קאַרנעראָן און שאַרקעין? דעמפּסעין און

קאַרפּאַנטיעיען? דעם מינדסטן פון זיי איז ווײַלער פון דעם גרעסטן פאַבריקאַנט; פאַבריקאַנטן גיבן סחורה און באַקומען וועקסלען, און זיי, אַז זיי דערלאַנגען „סחורה", באַקומען זיי כסף, כסף ממש — מיליאָנען פאַרדינען זיי דאָך מיט דעם ביסל ציין־האַקערײַ...

היינט, שטעל דיר פאָר, אַז איך וועל ווערן דער „מייסטער פון פּוילן", וואָס דאָ וועט זיך אָפּטון. די צייטונגען וועלן זיין פול, מ'וועט דרוקן מיינע פאָטאָגראַפיעס, דו וועסט דיר זיצן אין קינאָ און וועסט מיך זען אויפן לײַלעך, ווי אַזוי איך וואַלטשע מיט אַ דייטש, מיט אַן ענגלענדער, מיט אַ פראַנצויז און אפשר מיט אַ נעגער.

ווו איך וועל קומען, וועט מען מיר מאַכן אַ וואַרע:

— דאָ גייט דער יידישער גבור.

— דאָס איז דער באַרימטער יידישער באָקס־מייסטער, לייזערל.

אַלע וועלן מיר אָפּגעבן כבוד; אין דער שול וועל איך באַקומען די פעטסטע עליות, מפטיר און שישי, און אויפרופן צום ספר וועט מען מיך:

„יעמוד מורנו ר' אליעזר באָקס - מייסטער בישראל — מפטיר!"

דו וועסט זיצן אין דער ווייבער־שול, דו וועסט צעגיין פון נחת, און די אַנדערע ווייבער וועלן צעפּלאַצט און צעשפּרונגען ווערן פון זאַזדראָשטש.

היינט, אַז מ'וועט אונזער פערעלען קומען רעדן אַ שידוך, וועט מען פאָרשטעלן די מחותנים:

— איר ווייסט, ווער ס'איז דער פאָטער פון דער כלה? דער באַרימטער באָקס־מייסטער לייזערל!

און שטעל דיר פאָר, אַז דער חתן און דער מחתן וועלן הערן דעם נאָמען לייזערל באָקסער! ס'וועלן זיך שיטן חתנים, ווי מיסט... אַ קלייניקייט, לייזערל באָקס־מייסטער פאַר אַ מחותן!...
פון דעמאָלט אָן האָב איך אַ גהינום אין דער שטוב. ס'איז

אים אַריין אַ באָקס־משוגעת אין קאָפּ אַריין. גאַנצע טעג לויפט ער אַרום אין דער שטוב אין קורצע הייזלעך מיט לעדערנע הענטשקעס אויף די הענט... און באָקסט, און וועמען, מיינט איר, באָקסט ער? די ערשטע כפרה בין איך: נישט ווי, נישט ווען, גיט ער צו מיר אַ געשריי:

— גאָלדע פּעסע, דו ביזט איצט שמעלינג!

און טאָמער זאָגט ער: דו ביזט שמעלינג, מוז איך מיך אַוועקשטעלן קעגנאיבער אים און ער נעמט שפּרינגען און האַפּסן, ווי אַ קאַזע און פּליט מיר גלייך אין די אויגן אַריין, אין די ציין אַריין, אין בויך. ער צעבאַכניעט מיר די זייטן, אַז איך האָב שוין נישט קיין כוח צו לעבן.

איר זעט, פּאַנאָוויע, מיינע אונטערגעהאַקטע אויגן? איר זעט די ביילן אויפן קאָפּ און די בלויע צייכנס אויפן שטערן? — דאָס איז אַלץ פון די לעצטע פּאָר טעג נאָך ראַטהאַלצס נצחון.

און אַז איך בעט מיך ביי אים:

— לייזערל, וואָס ווילסטו פון מיינע יאָרן? וואָס האַקסטו אין מיינע שוואַכעביינער אַריין?

ענטפערט ער:

— דאָס איז „טרענינג"! ער מוז זיך האָבן, אין וואָס צו טרענירן. נו, האָט ער מיך אויסגעקליבן און טרענירט זיך אויף מיין קאָפּ, אויף מיין בויך און אין מיין גאָמבע. טאָמער זאָל ער זיך נאָך איין וואָך אַזוי „טרענירן", וועל איך יונגערהייט גיין פון דער וועלט...

און אפשר מיינט איר, אַז בלויז אין מיר טרענירט ער זיך? האָט איר אַ טעות! טאָמער בין איך נישט דאָ אין דער היים און עס באַפאַלט אים דער טרעניר־חשק, לאָזט ער אוים דעם כעס צום יום־טובדיקן ביטעל ווישניק, צום געפּעס, צום לאָמפּ, און צו וואָס ס'לאָזט זיך...

כ'שווער אייך, אַז איר געפינט שוין נישט ביי מיר אין שטוב קיין איין גאַנצן טעלער, קיין איין גאַנצע פלאַש. קיין איין גאַנץ טעפּל. אַלץ איז צעבראָכן און צעטראַמאַסקעט. נאָר־וואָס

האָט ער דעם שפּיגל פֿון דער גאַרדעראָבע־שאַנק אַוועקגעלייגט מיט אַ „נאָק־אויט", און די געבעטע שטולן ליגט ער אויף „פּונקטן"; יעדן טאָג געפֿינט מען אַן אַנדערע צעבראָכענע שטול אויף אַן אַנדערן פּונקט...

כ'בעט אייך, ליבע מענטשן, גיט מיר אַן עצה, ראַטעוועט מיין מאַן — ער איז נעבעך משוגע געוואָרן!...

דרייבער, גייט נישט מיט די מענער!...

(וואָל-מאָנאָלאָג פון אַ יידענע)

ווער יאַך בין? ווי יאַך הייס? זלאַטע קווימש הייס יאַך! אַ פּאַסטעמפּאַווע יידענע בין יאַך. אַ יידענע מיטן קנאַק, לאָז מיר נישט בלאָזן אין דער פּאַה אריין, יאַך בין אַ סאַמאָדזשעלנע, יאַך גיי, ווו יאַך וויל, יאַך טו, וואָס יאַך וויל, יאַך ליטשע מיך נישט מיט דער אָפּיניע, יאַך לאַך פון די מענער און באַסמאַ!...

גאַנצע קנאַקערס זענען זיי, די מענער, ווייל זיי גייען אין הויזן? און אַז מ'גייט שוין אין הויזן, איז וואָס? דערפאַר דאַרפן מיר, ווייבער, זיך לאָזן פון זיי פירן פאַר די נעז?

אומעטום זענען זיי ס'אויבערשטע פון שטייסל, אומעטום זענען זיי די מיחוסים. ווען מען רופט מען אויף צום ספר? — זיי, די מענער! ווער באַקומט מפטיר און שישי? — די מענער! ווער דאַוונט פאַרן עמוד? — די מענער! ווער בלאָזט שופר? — די מע-נער! ווער לייענט די מגילה? — די מענער! ווער מאַכט קידוש און הבדלה? — די מענער! ווער זיצט אין דער סוכה און ווער ריכט אָפּ דעם סדר? — די מענער! ווער פאָרט צום רבין? — די מענער! ווער זיצט אין דער גמינע? — זיי, די מענער!

אַלץ זיי, די מענער! חזנים, שמשים, בדחנים, דינים, אַפילו מוהלים — אַלץ זיי, די מענער!

איך פרעג אייך, פאַרוואָס זאָלן מיר, ווייבער, נישט באַקו-מען קיין מפטיר און שישי? פאַרוואָס זאָלן מיר נישט בלאָזן קיין שופר? פאַרוואָס זאָלן מיר נישט מאַכן קידוש און הבדלה? פאַר-

וואָס זאָלן מיר נישט זיין קיין גבאיטעס, שמשים, בדחנטעס, דינ־טעס און קיין מוהלטעס?! אַלץ דערפאַר, ווייל מיר גייען אין קלייד־לעך, און זיי — אין הויזן? דערפאַר דאַרפן מיר זיך לאָזן עקס־פּלאָאַטירן פון דעם מענער־געשלעכט?

ניין, און טויזנט מאָל ניין! אין אַ צייט, ווען אַלץ גייט „דאָ גורי נאַגאַמי", אין אַזאַ צייט מוזן מיר, ווייבער, ווייזן דער וועלט, אַז אַ חוץ: קאָכן, באַקן, צערעוועון שקאַרפּעטקעס, אַ חוץ טראָגן, האָבן, זייגן און וואַשן ווינדלען, קענען מיר נאָך עפּעס — זיצן אין דער ראַדע מיעיסקע און האַקן אַ טשייניק גלייך מיט זיי, מיט די מענער...

אַלזאָ, חרבטעס פרויען, ווייבער און יידענעס פון ווייבלעכן געשלעכט! איצט איז געקומען די צייט, אַז מיר זאָלן אַ סוף מאַכן צו דער מענערישער הערשאַפט, מיר מוזן צונעמען די ממשלה ביי די מענער. גענוג האָבן מיר זיך ביז איצט געלאָזט פאַרפירן פון זייערע זיסע ריידעלעך, פון זייערע צוקערדיקע הבטחות. מיר קע־נען זיי גוט, די בלאָפערס! זיי ליגן זיך, ווי די לעמעלעך און שטייען אויף ווי די לייבעלעך. דאַרפן זיי אונזער לאַסקע, זענען זיי ווייך, ווי קאָקוס־פּוטער, און אַ שעה דערנאָך ווערן זיי טיש־לער און מאַכן פּיס...

חברטעס פרויען, ווייבער און יידענעס פון אַלע שיכטן און קלאַסן! ס'איז שוין די העכסטע צייט, איר זאָלט פאַרשטיין, אַז מיר, ווייבער, האָבן אונזערע אייגענע ווייבערישע אינטערעסן, וואָס מוזן פון אונז אַליין פאַרטיידיקט ווערן. מיר מוזן אַליין אויס־קעמפן אונזערע רעכט, און קאַמפּס־מיטלען האָבן מיר בעסערע פון די מענער. די מענער — מיט פויסטן און מיר — מיט אונזערע ניין מאָס רייד. און טאָמער וועלן מיר אין שטאָט־ראַט לאָזן אונ־זערע פּיסקלעך וו' רוכו, וועלן זיי, די מענער, אַנטלויפן, ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, און אַז זיי וועלן אַנטלויפן, וועלן מיר, ווייבער, מאַכן, וואָס מיר ווילן... און טאָמער וועלן זיי זיין עקשנים, וועלן מיר זיך נעמען צו אונזער אַלטן, אויסגעפּרוּווטן געווער: צו טרערן, צו ספּאַזמען... וועט דאָס אַלץ נישט העלפן, וועלן מיר זיך נעמען צו אונזערע בעסטע מעטאָדן: מיר וועלן מאַכן חנדלעך,

וואַרפֿן אייגלעך, שיסן מיט קאָמפּלימענטלעך און אונזער נצחון איז אַ געזיכערטער...

אַרויסגייענדיק פֿון דעם שטאַנדפּונקט, רופֿ איך אייך, חבר־טעס ווייבער פֿון אַלע קלאַסן און שיכטן, זיך אָפּצורייסן פֿון די מענער און גיין צו די וואַלן צום שטאָט־ראַט זעלבסטשטענדיק, מיט אַ ריין־ווייבערישער ליסטע, מיט ריין־ווייבערישע קאַנדידאַטקעס, מיט אַ ריין־ווייבערישן פּראָגראַם, מיט אַ ריין־ווייבערישער פּלאַט־פֿאָרם, און דער עיקר, אַז אויפֿן ערשטן פּלאַץ פֿון דער ריין־ווײַ־בערישער ליסטע זאָל פֿיגורירן מיין נאָמען — זלאַטע קוויטש.

אַז יאָך, זלאַטע קוויטש, וועל געוויילט ווערן אַלס „ראַטווייב״ פֿון שטאָט־ראַט, וועט איינגעפֿירט ווערן אַן אַנדער פֿאַזשאַנדעק. אין שטאָט־ראַט וועל איך אָרגאַניזירן אַ ווייבערישע קאָלאָ, און מיר וועלן קעמפֿן ביז אַן ענטגילטיקן נצחון פֿאַר דער ווייבערישער מענטשהייט.

די ווייבערישע קאָלאָ אין שטאָט־ראַט וועט אַ סוף מאַכן צו דער מענערישער הערשאַפֿט און וועט איינפֿירן נייע ווייבערישע רע־פֿאָרמען. די ווייבערישע רעפֿאָרמען וועלן מיר איינפֿירן אויף אַלע געביטן.

פּשעדוושיסטקיעם, וועלן מיר זיך אַ נעם טון צום שפּיטאָל־וועזן: מיר וועלן סקאַסירן אַלע שפּיטאָלן און קליניקעס, בלייבן וועלן נאָר די קינפּערטאָרין־קליניקעס.

מיר וועלן פֿאַרשטאַרקן די סאַניטאַרע אויפֿזיכט. אונזערע סאַניטאַרקעס וועלן אַדורכפֿירן סאַניטאַרע רעוויזיעס... ביי די שכנ־טעס אין די טעפּלעך. מיר וועלן קאָנטראָלירן אַלע פֿאַרבאָרגענע ווינקעלעך, וווּ מיר, ווייבער, האָבן ביז איצט נישט געהאַט קיין דאָסטעמפּ.

אויפֿן קולטורעלן געביט וועלן מיר באַזייטיקן אַלע שולעס. מיר האָבן שוין גענוג אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים. איבערלאָזן וועלן מיר נאָר... די טאַנץ־שולן, ווו אונזערע טעכטער קענען אַמאָל כאַפּן פֿרייערס ז׳ מילאָשטשי...

כדי איינצופֿירן שפּאָרזאַמקייט, וועט אונזער ווייבערישע קאָ־לאָ באַזייטיקן אַלע טעאַטערן, שפּילן וועט מען נאָר: ברידזש, פּאַ־

קער און מאַדזשאָנג. מ׳וועט אויך מעגן שפּילן: אין ליבע, פלירט, אויף די נערוון און אַנדערע שפּילערייען.

אין די קינאָס וועט אייביק דיזשורירן אַ באַאַמטער פון ציוויל-אַמט-שטאַנד און אַ מיטגליד פון ראַבינאַט. טאָמער וועלן זיי באַמערקן עפּעס „אויסערן פּראָגראַם״, זאָל מען באַלד קענען געבן חופּה-וקדושין.

אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט וועט די ווייבערישע קאַלאַ באַקעמפן אַלע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. די איינציקע אינסטיטוציעס, וואָס וועלן ווייטער עקזיסטירן, וועלן זיין: הכנסת-חתנים, הכנסת-כלה און די קאָרטן-קלובן.

וואָס שייך דער אַנטוויקלונג פון דער באַפעלקערונג, וועלן מיר אויסאַרבעטן אַ צוואַנג-געזעץ וועגן חתונה-האָבן, און יעדנאָטשעשניע וועלן מיר פעסטשטעלן מאַקסימאַלע פּרייזן פאַר בחורים, אַלמנים און גרושים. דער „צעננניק״ וועט פעסטגעשטעלט ווערן דורך אַ ספּעציעלן נדנים-קאָמיסאַר, און די בחורים, וואָס וועלן שפּעקולירן, אָדער פּרוּוון נעמען ליכווע-פּרייזן, וועלן צוגעצויגן ווערן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט; די דאָזיקע שפּעקולאַנטן וועלן אונטער אַ שטרענגער וואַך גלייך געפירט ווערן... אונטער די חופּה-דרענגלעך. דערמיט וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף געמאַכט ווערן צו דער ווסטרענטנער נדנים-שפּעקולאַציע אויף דער יידישער גאַס.

די ווייבערישע קאַלאַ וועט זיך באַמיען צו פאַרשענערן די שטאָט. ביי יעדן הויז וועט זיך מוזן געפינען אַ שפּיגל, ווו מ׳זאָל זיך קענען צורעכט מאַכן די פריזור. אויף די ראָגעס וועלן אוועקגעשטעלט ווערן ספּעציעלע אויטאָמאַטן, ווו דאָס ווייבלעכע געשלעכט וועט, פאַר אַ פּאָר גראָשן, באַקומען: פּודער, שמינקע, ליפּנפּאָמאַדע און אַנדערע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך.

הקיצור, אויב מיר, ווייבער, וועלן באַקומען די וואַלן אין שטאָט-ראַט, וועלן מיר איינפירן נייע פאַזשאַנדקעס און אַ גאַנצע ריי ווייבערישע רעפאָרמען. מיר, ווייבער, וועלן אַ חוץ: טראָגן, האָבן, זייגן און וואַשן ווינדלען — האָבן אַ דעה אין דער שטאָט.

אַלזאָ, הערט, וואָס זלאַטע קוויטש זאָגט אײַך: רײַסט אײַך אָפּ פֿון די מענער, גייט זעלבסטשטענדיק צו די וואַלן מיט אַ ריין־ווײַבערישער ליסטע, מיט ריין־ווײַבערישע קאַנדידאַטקעס, מיט אַ ריין־ווײַבערישן פּראָגראַם, מיט אַ ריין־ווײַבערישער פּלאַטפֿאָרם.

ווײַבער, גייט נישט מיט די מענער.

אַ רעדנער־בּיוראָ!...

(וואָל־מאָנאָלאָג)

נו, בּין איך גערעכט, וואָס איך זאָג, אַז אַ ייד מוז האָבּן בּטחון? אַ ייד מיט בּטחון, טאָמער האָט ער נישט צו עסן, שלינגט ער שפּייעכץ און מאַכט אַ „שהכל“... אָבּער זיי, די היינטוועלטיקע, טאָמער פעלט איינעם אויס „איינצושטעלן“ אָדער עפּעס אַ „ליובּ־קע“, קויפט ער אַ שיסער און פּיף־פּאַף און ער ליגט אויסגעצויגן, ווי אַ גראַף... איך, למשל, ווען איך האָבּ איצט אַ רעוואָלווער, וואָס, מיינט איר, וואָלט איך געטון? אַ נו, טרעפט! איך וואָלט אים פאַרקויפט און וואָלט געגעבּן מיין יידענע, וואָלט זי אָנגעגרייט אַ שבּת — ווער מיר גוטס גינט... אָט אַזאַ מענטש בּין איך. איך בּין נישט, ווי די היינטוועלטיקע, איך בּין אַ ייד מיט בּטחון!

אַקעגן וואָס זאָג איך דאָס? איך זאָג דאָס קעגן מיר אַליין. די לעצטע טעג בּין איך אַרומגעגאַנגען אַ צעדרייטער: גוואַלט, ווו נעמט מען פּרנסה? וואָס טוט מען? וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך?

זיץ איך אַזוי און קלער: וואָס וועט זיין דער סוף? צו וואָס נעמט מען זיך? בּין איך דאָך אָבּער אַ ייד מיט בּטחון, איז מיר טאַקע איינגעפאַלן אַ גאָניאַלער געדאַנק, אַ געדאַנק, בּיי וואָס מ׳קאָן כאַפּן די אמתע מאַטניאַ, און אויבּ ס׳זאָל מיר געלונגען, וועל איך נאָך נתעשר ווערן.

ווייסט איר, רבּותי, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? איך וועל מיר עפענען אַ וואָל־בּיוראָ, אַן אייגענע וואָל־בּיוראָ. וואָס דאָס וועט זיין פאַר אַ בּיוראָ? טאָ הערט־זשע מיך אויס מיט קאָפּ:

היות, ווי ס'גייט צו וואַלן, וועלן די פּאַרטייען זוכן רעדנער מיט ליכט. נישט בלויז רעדנער, נאָר אָפּאָנענטן, בראַוואָ־פּאַטשערס און פּרעטש־שרייערס, אַריינרייסערס, אויפרייסערס און אַראָפּרייסערס, צווישנרוף־מאַכערס און סקאַנדאַלן־מאַכערס, הענט־הייבערס און לאַטע־לייגערס, אַפּישן־קלעבערס און אַפּישן־רייסערס.

נו, און הויף־רעדנערס, טשייניק־האַקערס, רעזאָלוציע־שרייבערס, פּלאַטפאָרמע־רעדאַגירערס, אַנאָנסן־שרייבערס, בענקל־קלאַפּערס און זייטן־ברעכערס, טיר־שטייערס און טראַנספּאַרענטן־טרעגערס, איצט: פּרעזידיום־זיצערס, שמחה־באַשיינערס, גלעקל־קלינגערס, שטימען־ציילערס און דראָזשקע־פֿאָרערס.

זיץ איך אַזוי און קלער: פּאַרוואָס זענען דאָ ביוראָס, וואָס שאַפן דינסט־מיידלעך; ביוראָס, וואָס שאַפן נאַכט־סטרוזשעס און אַנדערע פּאַרמיטלונגס־ביוראָס, — פּאַרוואָס זאָל מען נישט שאַפן אַ ביוראָ, וואָס זאָל צושטעלן די נויטיקע וואַל־סחורה? ווען ס'זאָל געשאַפן ווערן אַזאַ ביוראָ, וועלן זיך דאַך די אַלע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך, די בלאָקן און בלאָקלעך זיך אָנכאַפּן דערין, ווי אין אַ געבראָטנס... זיי וועלן נישט דאַרפן זוכן קיין רעדנער, קיין פּלאַטפּאָרמע־מאַכערס, קיין טיש־זיצערס, קיין פּרעזידיום־באַשיינערס, קיין בענקל־כאַפּערס און זייטן־ברעכערס, קיין טיר־שטייערס און קיין גלעקל־קלינגערס, קיין שטימען־ציילערס און קיין נומערלעך־טיילערס — מ'וועט אַ קלינג טון אין דער ביוראָ:

— האַלאָ, די רעדנער־ביוראָ? דאָ רעדט די פּאַרטיי... שיקט אונז תיכף צו צו אונזער מיטינג פופציק געזונטע זייטן־ברעכערס!

— האַלאָ, די רעדנער־ביוראָ? דאָ רעדט דער בלאָק פון בענקל־כאַפּערס. שיקט אונז צו צו אונזער היינטיקן מיטינג אַ צווייַדריי שיינע יידן, גראָב־בייכקיע, מיט צעקעמטע בערד, מיט גאָלדענע ציין. ס'איז געווינטשן — מיט ברילן.

— האַלאָ, די רעדנער־ביוראָ? דאָ רעדט דער פּאַריין פון לעבעדיקע געפליגל. שיקט אונז צו צו אונזער מיטינג אַ פּיפּיקן רעזאָלוציע־שרייבער, אַ יינגל מיט אַן אויערינגל...

— האַלאָ, דער רעדנער־פּאַריין? מיר ברויכן צו אונזער היינטיקן מיטינג עטלעכע פייערדיקע רעדנער מיט שאַרפע צינגלעך,

וואָס זאָלן קענען די קעגנער אריינזאָגן, ס'זאָל זיי פינסטער ווערן פאַר די אויגן.

— האַלאָ, דער רעדנער־פּאַריין? דאָ רעדט די געזעלשאַפט „פּה לשתות". שיקט אונז צו צו אונזער מיטינג אַ זאַוואָדאָווע אָפּאָנענט, אַז וואָס אַ רעדנער וועט זאָגן, זאָל ער זאָגן פּונקט מיטן קאָפּ אַראָפּ.

— האַלאָ, דער רעדנער־פּאַריין? דאָ רעדט דער פּאַרייניקטער בלאָק פון די קליינע בלאָקלעך. שיקט אונז צו אַ גוטן מגיד, וואָס זאָל אונזער שפּיץ־קאַנדידאַט לויבן ביזן טאָג אַריין. דער מגיד דאַרף נישט זיין קיין גרויסער רעדנער, ער דאַרף נאָר זיין אַ גרויסער... נאַכאַלניק; וואָס מער גראַנדאָוניק, אַלץ בעסער.

אַזוי ווי דער דאָזיקער געניאַלער געדאַנק איז מיר איינגעפאַלן, האָב איך נישט לאַנג געטראַכט, האָב געגעבן אַן אַנאָנס אין דער צייטונג, אַז ס'עפנט זיך אַזאַ ביוראָ, און נאָך דעם זעלבן טאָג האָבן זיך גענומען שיטן בעלנים.

דער ערשטער האָט זיך געמאָלדן אַ יידל מיט אַ פאַרשווירן שפּיציק בערדל, מיט גאָלדענע ציין. אַריינקומענדיק צו מיר, זאָגט ער:

— פּ־אַ־נ־י־ע, אַ־י־ר ה־אָ־ט ג־י־ע־פנט אַ...

זע איך דאָך, אַז איך האָב צו טון מיט אַ שטאַמלער, האָב איך אים אַרויסגעהאָלפן:

— אַ רעדנער־ביוראָ?

— י־אָ, אַ... אַ...

— טאָ וואָס וואָלט איר געוואָלט טון אין מיין ביוראָ?

— אַ ר־ע־ד־נ־ע־ר...

— אהאַ, איר ווילט ווערן אַ רעדנער, אַרויסטרעטן אויף וואַל־מיטינגען, איר וועט די קעגנער „אַריינזאָגן" אין ט... ט... אַריין?

— י־אָ, י־אָ, אַ־י־ן ט־אַ־ט־נ־ס ט־אַ־ט־ן אַ־ר־יי־ן...

— זייער גוט, — האָב איך געזאָגט און האָב אים פאַרשריבן אַלס רעדנער...

דער צווייטער האָט זיך געמאָלדן אַ יידל אַ דאַרס, הויט און

בײַן, קוים ער האָט די נשמה אין זיך. נאָך יעדן וואָרט — א הוסט, און בײַ יעדן הוסט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין טיש. פרעג איך דעם „גבור":

— וואָס וואָלט איר געוואָלט טון אין מײַן ביוראָ?

— א זײַטן־ברעכער! שלאָגן מכות־רצח!

— אהאָ, איר ווילט זײַן דער „שטאַרקער", די קעגנער זאָלן פאַר אײַך ציטערן!

— יאָ, ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך „אײַזן"; אַז איך גיב מיך א נעם... — דאָ האָט זיך דער „גבור" פאַרקייכט און נישט געקענט ענדיקן.

שפּעטער איז צו מיר געקומען א יונגערמאַן, א הינקעדיקער אויף א פוס, פרעג איך אים:

— און וואָס ווילט איר טון אין מײַן ביוראָ?

— א לויפער! לויפן פון אײן מיטינג צום אַנדערן, אויס־קלעבן אַפישן, אַרומלויפן מיט טראַנספּאַרענטן. ווי איר קוקט מיך אָן, פלי איך נאָר אַזוי...

די טעג האָט זיך צו מיר געוואָנדן א „יונגערמאַנטשיק" פון א יאָר עטלעכע און זעכציק, מיט א קוואַדראַטאָווע ליסינע, קרומע פיס, אָן אײן צאָן אין מויל. בעת ער רעדט, — גאַנוועט ער, ווי א קינד, וואָס גייען ציינדלעך... ס'פּנים באַלייגט מיט זומער־שפּרענקעלעך, פרעג איך אים:

— פעטער, וואָס ווילט איר טון אין מײַן ביוראָ?

— איך קען „אָנציען" די ווײַבער... די ווײַבער, אַז זײ זעען מיך — חלשן זײ. איך וועל גיין אויף פרויען־מיטינגען און וועל זײ „נאַביערען".

האָב איך אָנגעקוקט די „פּאָדסטאַווע", וואָס פאַנגט פרויען־הערצער, און האָב אים פאַרשריבן אין מײַן נאָטיץ־ביכל.

ווי איר זעט, רבותי, דאַרף מען נאָר האָבן בטחון. כ'האָב די גאַנצע צײַט געקלערט: פון וואַנען נעמט מען פרנסה? איצט בין איך שוין אויסגעזאָרגט; האָב מיר געעפנט א רעדנער־ביוראָ און וועל האָבן פרנסה בריווח.

יאָ, רבותי, א ייד דאַרף האָבן בטחון!

דער בן־יחיד אין שטעטל...

(דערציילט פון אַ פּראָווינצער ייד)

די הײנטיקע וואָך קומט צו מיר אַ ייד. לויט זײַן הילך, איז געווען שווער פעסטצושטעלן, וואָס ער איז. צי איז ער אַ „דייטש", צי אַ חסיד. מחמת געטראָגן האָט ער אַ לאַנגע, שוואַרצע באָרד, ברילן אויף דער שפּיץ־נאָז און אַ שוואַרצן ווייכן קאַפּעלוש איבער די אויגן. צוקוקנדיק זיך נענטער, האָט מען געקענט באַמערקן, אַז דער קאַפּעלוש איז — אַ „רעפּרעזענטאַנץ־קאַפּעלוש", ד. ה., אַז אינדערהיים, אין שטעטל, טראָגט ער אַ היטל, נאָר אַז ער פאָרט אַרויס „אין דער וועלט", טוט ער אָן דעם קאַפּעלוש; דאָס האָט מען געקענט באַמערקן פון דעם, וואָס דער קאַפּעלוש האָט זיך נישט געקענט געפינען קיין תיקון אויף דעם יידס קאָפּ. ער האָט אים געהאַלטן אין איין ציען, פּונקט אַזוי ווי דער בעל־הקאַפּעלוש, דער ייד, הייסט עס, האָט קיין תיקון נישט אויף גאָטס וועלט. ביי־דע, אי דער ייד, אי דער קאַפּעלוש, קאָנען זיך נעבעך קיין אָרט נישט געפינען.

געקומען איז דער ייד צו מיר זיך אָן עצה־האַלטן. איבער־רעדן מיט אַ ציטונגס־מענטש וועגן זײַן גורל.

— אין מיין שטעטל ט. — דערציילט דער ייד, — האָבן אַמאָל געוווינט צוויי מנינים יידן, דערונטער אַ רב, אַ שוחט, אַ חזן, אַ מוהל און אַנדערע כלי־קודש. פאַרשטייט זיך, אַז די יידן זענען געווען איינגעטיילט אין פאַרשידענע פּאַרטייען: ציו־ניסטן, מזרחיסטן, אָרטאָדאָקסן, פאָלקיסטן און אַנדערע פּאַרטייען.

די יוגנט, ווידער, איז אויך געווען איינגעטיילט אין פּאַרטייען: בונדיסטן, פּועלי־ציוניסטן, רעוויזיאָניסטן א. א. וו. די ציוניסטן האָבן געקעמפּט מיט די אָרטאָדאָקסן, די בונדיסטן מיט די רע־וויזיאָניסטן, די מזרחיסטן מיט די פּועלי־ציוניסטן. יעדן שבת איז אין דער שול געווען ליהודים. מ'האָט געקעמפּט ווי די לייבן...

א חוץ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, זענען אין שטעטל אויך געווען דריי סוחרים־פּאַריינען, דריי האַנטווערקער־קלובן און פיר ספּאָרט־פּאַריינען.

— ווי איר זעט, איז אונזער שטעטל ט. געווען א שטאָט מיט שטעט צוגלייך.

— פון וואָס די יידן אין שטעטל האָבן געלעבט? פון דעם אייגענעם, וואָס אַלע אַנדערע יידן לעבן — פון לופט!... אַביסל פון האַנדל, אַביסל פון מלאכה, פון מעקלעריי, פון שדכנות; ווײַ־בער האָבן געלעבט פון — פּליאָטקעס; מיידלעך האָבן געלעבט... מיט דער האָפענונג, צו כאַפּן א חתן. אין אַלגעמיין איז מען זיבן מאָל אין טאָג געשטאָרבן פון הונגער און געמאַכט א לעבן...

אַזוי איז עס געגאַנגען, ביז ס'איז אויסגעבראָכן דער „פּאָלקס־צאָרן", ביז מ'האָט זיך אַרומגעזען, אַז די יידן „פּאַר־כאַפּן דעם פּוילישן האַנדל", און זייט אונזערע „גוטע פרײַנט" האָבן גענומען זוכן אַז „אַפּזאַץ־מאַרק" פאַר די יידן, האָט מען אויך בײַ אונז, אין אונזער שטעטל, גענומען „רוימען". מ'האָט זיך אַרומגעזען, אַז אין מײַן שטעטל ט. זענען דאָ צופיל יידן... פּלוצים האָט זיך באַוויזן א נײַע צײַטונג, וואָס האָט גענומען שיטן פּעך און שוועבל אויף די ט.'ער יידן. ס'האָט זיך געמאַכט דאָס, וואָס אין אַנדערע שטעט: באָיקאָט, פּיקעטן און אַנדערע גוטע זאַכן. מיט יעדן טאָג איז די צאָל יידן געוואָרן קלענער, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז... ביז איך בין געבליבן איינער אַליין. איין איינציקער ייד אין שטעטל. איך בין רב, שוחט, חזן און מוהל, איך פּסקן מיר אַליין שאלות, כ'שעכט מיר אַליין די עופות, שבת דאַוון איך אַליין פאַרן עמוד, און א מוהל בין איך אויך פאַרן אייגענעם געברויך...

מיינט איר דאָך אפשר, אַז ס'איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די אַנ־

טיסעמיטישע אקציע? אך, ווי פאַלט איר דאָס אויס! יעדן טאָג שטייט אַ פּיקעטע פאַר מיין טיר. יעדן טאָג אַנדערע פּנימער מיט גרינע לאַמפּאַסן אויף די אַרבל. שרייען: „גיע קופּוי או זשידאָ!"... אויף די פאַרקאַנעס פּלאַקאַטן מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות: „סוואָי דאָ סוועגאָ!" די אַנטיסעמיטישע צייטונג איז יעדן טאָג פול מיט העץ־אַרטיקלען קעגן די זשידעס פון שטעטל ט. עס קו־מען אַראָפּ רעפערענטן, „יידן־קענער" האַלטן דרשות, אויפקלערן די מאַסן וועגן דער יידישער געפאַר, וואָס באַדראָט דער נישט־יידישער באַפעלקערונג פון שטעטל ט.

זיץ איך מיר אַזוי די טעג אין מיין קרעמל מיט די ליידיקע פּאָליצעס, באַטראַכט דעם פּיקעטניק מיטן גרינעם לאַמפּאַס, די באָיקאָט־פּלאַקאַטן און העץ־אַרטיקלען אין דער צייטונג, האָב איך מיך גענומען באַטראַכטן:

— רש"ע, וואָס טוט זיך דאָ? פאַר וועמען דאַרפן זיי די פּיקעטניקעס? קעגן וועמען זענען די באָיקאָט־פּלאַקאַטן? קעגן וועמען זענען די העץ־אַרטיקלען אין דער צייטונג? פאַר וועמען רעדן די „זנאַוועצ טאַלמודו"? דאָס אַלץ צוליב מיר? צוליב מיר האַלט מען אויס אַ שטאַב פּיקעטניקעס? צוליב מיר דרוקט מען אַזעלכע גרויסע פּלאַקאַטן? צוליב מיר האַלט מען אויס אַ צייטונג, מיט מאַ־שינען, מיט אַ זעצעריי, אַ דרוקעריי, מ'מאַכט קאַליע אַזויפיל פּאַ־פּיר און טינט? צוליב מיר זיצט אַ רעדאַקטאָר און מיטאַרבעטער, ברעכן זיך די רעדאַקטאָרסקע קעפּ (אַנטשולדיקט פאַרן אויסדרוק: קעפּ!...), דאָס אַלץ ווערט געטון צוליב מיר? ניין, ס'איז נישט כדאי, ס'איז באמת אַן עולה גדולה. אַז צוליב מיר אַליין, זאָל אַזויפיל געלט גיין אין דר'ערד אַריין...

אַזוי האָב איך געזאָגט צו מיר אַליין, און אַזוי טראַכטנדיק, בין איך גלייך אַוועק צו אַ באַקאַנטן קריסטלעכן בעל־עגלה:

— פּאַניע יאַניע, — האָב איך געזאָגט, — וויפל וועסטו וועלן פאַר אָפּפירן מיינע זאַכן צו דער באַן?

האָט ר' יאַן אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגן:

— „אַ באָ צאָ?"

— איך צי מיך אַוועק פון דאַנען.

— „צאַ זנאַצי?“ — האָט יאַן מיך אָנגעקוקט מיט אַ בייזן בליק.

— יאָ, יאַן, איך האָב באַשלאָסן!... איך קען נישט צוזען, ווי די שטאָט מאַטערט זיך צוליב מיר... אויב איך זאָל ווייטער פאַרבלייבן אין שטעטל, וועט די שטאָט באַנקראָטירן... און דאָס אַלץ צוליב מיר. איך בין דאָ אין דעם שטעטל געבוירן און געצויגן, איך בין געטריי דער שטאָט, און עס וואָלט געווען פון מיר אַ גרויס אומרעכט, ווען די שטאָט זאָל צוליב מיר ליידן. יאַנעקל קרוין, נעם די זאַכן און אַדיאַזד!...

נו, האָט זיך געמאַכט אַ בהלה אין שטעטל. דעם זעלבן טאָג איז פאַרגעקומען אַ „וויעץ“, ס'איז באַטראַכט געוואָרן די נייע „געשאַפענע לאַגע“. דער רעדאַקטאָר האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ נייע „יידישע קאָמבינאַציע“; אַז דערמיט זענען די יידן אויסן צו פאַרשטאַרקן די אַרבעטסלאָזיקייט ביי דער נישט־יידישער באַפעלקערונג פון שטעטל ט. אויב מ'זאָל דאָס דערלאָזן, וועלן די פיקעטניקעס בלייבן אָן אַ שטאָך אַרבעט... די אַגיטאַ־טאָרן וועלן קענען רעדן צו דער וואַנט. די רעדאַקציע וועט זיך מוזן פאַרמאַכן. דער רעדאַקטאָר, די שרייבער, זעצער און דרוקער וועלן פאַרלירן ס'ברויט און — אויב מ'וועט דעם ייד אַרויסלאָזן, וועט זיין פאַסקודנע... זייער פאַסקודנע!

און ווייסט איר, וואָס זיי האָבן באַשלאָסן? זיי האָבן באַשלאָסן, אַז איין ייד אין שטעטל מוז בלייבן. פאַר קיין פרייז מיך נישט אַרויסצולאָזן, און טאָמער ווען איך וועלן מיך אַרויסכאַפּן בגנבה, זאָל מען מיך מיט געוואַלט איינהאַלטן.

איצט שטייט אַ שמירה פאַר מיין טיר, אַ נייע פּיקעטע. נישט וועגן נישט צולאָזן קיין קונים, נאָר — נישט אַרויסצולאָזן די זאַכן. מ'היט מיך אויף שריט און טריט, קיין אויג לאָזט מען נישט אַראָפּ פון מיר.

און וואָס טוען די אַנטיסעמיטן? זיי האַלטן אָפּ וויעצן, רופן צו באָיקאָט, נייע פּלאַקאַטן מיט קידוש־לבנה־אותיות: „ניע קו־פּוי או זשידאָ!“ „סוואָי דאָ סוועגאָ!“ די אַנטיסעמיטישע צייטונג דערשיינט נאָרמאַל. שיט פעך און שוועבל אויף די זשידעס, וואָס

האָבן פאַרפּלייצט דאָס שטעטל ט. די אַקציע גייט מיט נאָך מער ברען, ווי פריער.

— נו, בין איך געקומען אהער צו אייך אַן עצה האָלטן מיט קלוגע מענטשן...

— גיט מיר אַן עצה, ווי אַזוי קומט מען אַרויס פון דעם שטעטל ט.? איך קען דאָך נישט צוזען, ווי צוליב מיר אַליין גייט אַזויפיל געלט אין דר'ערד אַריין... פאַרוואָס זאָל אַ שטאָט ליידן צוליב מיר אַליין? גיט אַן עצה!...

איר, ווערט מען שמייסן!...*)

וואָס זאָגט איר, רבותי, צו אונזערע חכמים? איך מיין עס אונזערע סיים- און סענאַט-חכמים. איך ווייס נישט, ווי איר, איך האָב גרויס דרך-ארץ פאַר אַ פאַרלאַמענטאַריער. ווייסן זאָלט איר, אַז טאָמער ווילט מען איינעם אויס פאַר אַ דעפּוטאַט אָדער פאַר אַ סענאַטאָר, האָט ער עפּעס. ער האָט עפּעס אַזעלכעס, וואָס מיר, פּראָסטע, דורכשניטלעכע מענטשן האָבן נישט. טאָמער ווילט מען איינעם אויס פאַר אַ שליח-ציבור, מוז ער טאַקע זיין געניאַל.

אַקעגן וואָס זאָג איך דאָס? איך זאָג עס אַקעגן דעם חכם פון סענאַט, דעם שמייסער.

דאָס איז דאָך באמת אַ גאונישער איינפאַל — שמייסן! צו וואָס, איך בעט אייך, דאַרף מען אויסהאַלטן תפיסות, אַרעסט-הייזער, אויפזעער, קלוטשניקעס און אַנדערע באַאַמטע, — אַז עס וועט איינגעפירט ווערן די שמייס-שטראָף, וועלן די תפיסות זיין איננאַנצן איבעריק. טאָמער וועט זיך איינער פאַרזינדיקן, וועט ער, אַנשטאָט צען טעג תפיסה, באַשטראָפט ווערן מיט צען שמייז. פאַר לייכטע שטראָפן וועט מען שמייסן אויף די הויזן און פאַר שווערע שטראָפן — אויפן בלויזן „זאַ פּשעפּראָשעניעם“.

אויב דער פּראָיעקט זאָל טאַקע איינגעפירט ווערן, וועט עס האָבן אַ גרויסע באַדייטונג אויף אַלע געביטן פון אונזער פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און ווירטשאַפטלעכן לעבן. קודם-כל וועט

*) צום שמייס-פּראָיעקט, וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין סענאַט.

דאָס האָבן אַ ווירקונג אויף דער פינאַנסיעלער לאַגע. מ׳וועט נישט דאַרפן אויסהאַלטן אַזויפיל תפיסות, מ׳וועט נישט דאַרפן פּאַשען אַזויפיל אומזיסטע פרעסערס, והשנית, וועט עס האָבן אַ ווירקונג אויף דער דירות־נויט. די אַרעסט־הייזער וועלן איבערגעבויט ווערן אויף פּריוואַטע וווינונגען. דאָס אַלץ וועט זיין, אַז עס וועט איינגעפירט ווערן דער — שמיים־סיסטעם.

פאַרטראַכטנדיק זיך וועגן דעם „געניאַלן" איינפאַל, האָב איך געכאַפּט אַ דרימל. די אויגן זענען מיר צוגעפאַלן און איך האָב געזען דעם שמיים־פּלאַן אַ פאַרווירקלעכטן אין לעבן. די מענטשהייט האָט ממש אויפגעלעבט. דאָס פאָלק גייט אַרום מיט לייכטע קעפּ און מיט געשוואָלענע — כ׳בעט איבער אייער כבוד... האָט איינער צום צווייטן אַ זשאַל, בעט ער אים מחילה — און פאַרטיק.

איך אַליין האָב אויך אויפגעלעבט. ס׳איז מיר וווּל די וועלט. בין איך אַריבערגעגאַנגען קרום די גאַס, באַצאָלט איך נישט קיין מאַנדאַט. איך ליג מיך באַלד איבערן בענקל — פּראַשען!...

האָב איך עמעצן געגעבן אַ טשעקל „בעז פּאָקריטשאַ", גיי איך באַלד אַוועק דאָרט, ווו מ׳דאַרף, צי מיך אויס אויף דער באַנק, דריי מיך אוים מיטן פּנים אַראָפּ — פּראַשען!...

האָב איך מחלל־זונטיק־געווען, רעד איך נישט קיין סך, כ׳ליי מיך אַליין איבערן בענקל. מ׳ציילט אחת ואחת, אחת ושתים, אחת ושלש, אחת וארבע. איך האָב אַ לייכטן קאָפּ און אַ געשוואָלענעם... און ס׳איז מיר גוט און וווּל.

אַ גאַנצן טאָג שטיי איך מיר אין מיין קרעמל און האַלט דעם פּאַסעק פון די הויזן גרייט. ווי עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַ בחור מיט אַ טעקע, נאָך איידער ער „דאָנזשעט" צו זאָגן „דזיען דאָברי", ליג איך שוין ווי אַ גראַף, אויסגעצויגן אויף דער באַנק. און היות, ווי איך בין אַ ייד אַ סוחר, קיין „חטאים" פעלן נישט, ליג איך מער, ווי כ׳שטיי.

דערפאַר מוז איך מיך אָפּזאָגן פון זיצן. פון „זיצן" קאָן קיין רייד נישט זיין. דאָס איז „טעכניש" אוממעגלעך... טו איך אַלץ

שטייענדיק: איך עם שטייענדיק, כ׳טרינק שטייענדיק, כ׳שלאָף שטייענדיק. אָבער נישט איך אַליין, אַלע זענען געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. קיינער קאָן במחילה נישט זיצן. דאָס גאַנצע סוחר־טום שטייט גוט... דאָס גאַנצעווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפט־לעכע לעבן שטייט איצט, ביי דעם שמיים־סיסטעם, פעסט, ווי א מויער.

עס קומט צו מיר א סוחר נעמען א פעקל, גיב איך אים שלום־עליכם:

— ברוך־הבא, פאַניע הויזנצייג, זיצט, פאַניע הויזנצייג.

— א דאַנק... כ׳וועל בעסער שטיין, — ענטפערט דער סוחר.

— אָבער פאַרוואָס זיצט איר נישט?

— ווייל... ווייל... כ׳האָב אויפגעגעבן א נישט־ריכטיקע „זע־זנאַניע אָ דאָכאָדזשע״...

עס קומט א חתן שויען מיין טאָכטער. דער טיש איז געדעקט, די כלה איז אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. זי שיינט, ווי א בת־מלכה. זאָגט די כלה צום חתן:

— פּראָשען שאַדאַטש!

פאַררויטלט זיך דער חתן:

— פּשעפּראַשאַם... ניע מאָגע...

ווערט די כלה בלאָס, זי פאַרשטייט נישט, א חתן, וואָס קען נישט זיצן!... נעם איך אַוועק מיין טאָכטער אין א זייט און רוים איר איין אויפן אויער:

— נאַרעלע, וואָס פאַרשטייסטו נישט? מסתמא האָט ער היינט געהאַט צו באַצאָלן א „קאַרע״...

מיין ווירט קומט צו מיר מאָנען פאַר א קוואַרטל דירה־געלט, זאָג איך צו אים:

— פאַניע ווירט, זיצט!

— ס׳איז גוט צו זיצן, כ׳האָב היינט געהאַט א פּראָטאָקאָל, טאָ ווי אזוי קאָן איך זיצן?!...

איך קום אין דער צוקערניע. קיין בענקל זעט מען נישט אויף א רפואה. אַלע געסט ביי די טישלעך שטייען. מ׳טרינקט טיי

שטייענדיק, מ׳עסט טשאַסטעס שטייענדיק, מ׳שמועסט געשעפטלעך שטייענדיק.

אין דער באַנק, אַלע באַאַמטע שטייען ביי די שרייב־טישן. דער קאַסיר צאָלט אויס שטייענדיק, דער דירעקטאָר אין קאַבינעט נעמט אויף די קליענטן שטייענדיק.

אויך פון די טעאַטערס האָט מען באַזייטיקט די בענקלעך. נישטאָ מער קיין „שעדזאָנצע מיעיסצעס". דער עולם שטייט. אין די קינאָס שטייען פּאַרלעך אין די ווינקעלעך. דאָס אַלץ, וואָס איז ביז איצט געווען זיצנדיק, איז איצט שטייענדיק.

אין דער שול זיצט מען נישט מער. דער חזן, דער גבאי, דער שמש, דער גאַנצער עולם שטייט פון „מה טובי" ביז „עלינו לשבח".

אין דער קהלה אויף אַ זיצונג, דער פּרעזעס עפנט די זי־צונג שטייענדיק. די דאָזאָרעס הערן אויס דעם באַריכט שטייענדיק. מ׳דיסקוטירט שטייענדיק. ס׳איז נישט קיין „פּאָשעדזעניע", נאָר — אַ „פּאָווסטאַניע".

דאָס מין זיצן האָט אינגאַנצן אויפגעהערט. אפילו דער מין „זיץ־רעדאַקטאָרן" פון די צייטונגען זענען אויך געוואָרן „שטיי־רעדאַקטאָרן". טאָמער האָט אַ „זיץ־רעדאַקטאָר" חוטא בצענזאָר געווען, גייט ער אַוועק, ווו מ׳דאַרף, ציט זיך אויס אויף דער באַנק, מ׳זאָגט „וכך היה מונה", אָנשטאָט אָפּזיצן, טוט ער אָפּליגן, און פּטור אַן עסק!...

אַ חוץ דעם האָט זיך געשאַפן אַ פונק נייע בראַנזשע, אַ שמיי־סער־בראַנזשע. צו דעם פאַך ווערן צוגעלאָזט נאָר קוואַליפיצירטע שמייסער, באַפּאַרצוגט ווערן: בעדער, מלקות־שלעגער, דרדקי־מלמדים און אַנדערע שמייסער. די דאָזיקע „פּאַכלייט" ווערן גע־זוכט מיט ליכט. זייער אָפּט לייענט מען אין די צייטונגען מודעות: „קוואַליפיצירטע שמייסער ווערן געזוכט", „קוואַליפיצירטע שמייסער קענען זיך מעלדן".

הקיצור, עס איז געקומען אַן אויפלעבונג אין דער שמייסער־בראַנזשע. אין עולם־המסחר איז ליהודים. די סוחרים „שטייען" גוט. איך האָב מער נישט קיין קלאַפּאָטן. איך שטיי אין

מיין קרעמל גרייט. טאָמער באַווייזט זיך אַ בחור מיט אַ טעקע, צי איך מיך אויס אויף דער באַנק מיטן פּנים אַראָפּ און זאָג: פּראָשען! אַ גן־עדן, זאָג איך אייך. און דאָס אַלץ אַ דאַנק וועמען? אַ דאַנק אונזער סענאַט־חכם, דעם שמיים־פּאָליטיקער.

*　*
*

ווען איך האָב מיך איבערגעוועקט און האָב געזען, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ חלום, אַז איך קאָן מיך בריווח אַוועקזעצן, האָב איך געהאַט גרויס עגמת־נפש.

איך זאָג אייך, אַז דער שמיים־פּראָיעקט איז באמת אַ וויכ־טיקער אויפטו, וואָרום וויסן דאַרפט איר, אַז אַ פּאַרלאַמענטאַריער האָט עפּעס אַזעלכעס, וואָס מיר, פּשוטע מענטשעלעך, האָבן נישט — איר זעט דאָך!...

לאָמיר זיך טרישן!...

(אין יאָר 1937)

ניטשאָ קיין רעה, ס'זאָל דערפון נישט אַרויסקומען אַ טובה— אַזוי זאָגט אַן אַלט פּויליש ווערטל, און איך זאָג אויך אַזוי: טאָמער וויל מען מיר טון אַ רעה, קומט דערפון אַרויס אַ טובה.

אַקעגן וואָס זאָג איך דאָס? אַקעגן דער איצטיקער אַקציע, „איבערצופירן די פּויערים פון דאָרף אין שטאָט אַריין".

לייענענדיק דאָס אין דער צייטונג, האָט מיר אַ טיאַכקע געטון אין האַרצן: האָ? וואָס מיינט דאָ דער פּסוק? צי רעדט מען נישט אַמאָל וועגן דער שווינגער און מיינען מיינט מען די שנור?... ווערט דאָס נישט אַמאָל אויסגיין צו מיין קאָפּ? טראַכטנדיק דערוועגן, האָט זיך ביי מיר די מיינונג געענדערט.

שוטה בן פּיקהאָלץ! וואָס פאַר אַ רעה? ווי פּאַלסטו אויס? דערמיט איז מען דאָך גאָר אויסן דיין טובה. ווי אַזוי? גאָר פּשוט:

וואָס הייסט, מ'וועט אַרויספירן די פּויערים פון דאָרף אין שטאָט אַריין? און ווער וועט בלייבן אין דאָרף? וועט מען די דערפער איבערלאָזן אויף הפקר? ווער וועט אַקערן? ווער וועט זייען? ווער וועט פּלאַנצן? נישט אַנדערש, אַז ס'וועט זיין אַן אויסטויש. מ'וועט אויסטוישן: די פּויערים וועלן קומען אין שטאָט אַריין און די יידן — אין דאָרף. דער פּויער וועט ווערן אַ „קופּיעץ" און איך — אַ פּויער!...

— חנהלע, — האָב איך די היינטיקע וואָך געזאָגט צו מיין ווייבל, — גרייט דיך צו!

— צו וואָס זאָל איך מיך צוגרייטן? — האָט מײַנע גע־פרעגט.

— דו זאָלסט דיך צוגרייטן צו אַ נײַ לעבן. מיר גייען אויף אַ נײַ לעבן.

— וואָס הייסט? — האָט מײַן ײדענע אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגן. — וואָס הייסט, אויף אַ נײַ לעבן? וואָס זענען מיר אַ טאָג נאָך דער חתונה, וואָס מיר גייען אויף אַ נײַ לעבן?

— יאָ, חנהלע, מיר גייען אויף אַ נײַ לעבן. איך ווער אַ פּויער און דו אַ פּויערטע.

— ביזט משוגע, צי דו האָסט ערשט בדעה משוגע צו ווערן? וואָס רעדסטו? וואָס איז דיר אײַנגעפאַלן?

— יאָ, אַזוי איז עס. מיר גייען אין דאָרף אַריין. די פּויערים קומען אין שטאָט אַריין און מיר גייען אין דאָרף אַריין.

— וועסט זען, חנהשי קרוין, וואָס פאַר אַ לאַכטיק לעבן מיר וועלן האָבן. מיר וועלן וווינען אויפן דאָרף. איך וועל אַקערן און דו וועסט מעלקן די קי. ס'וועט זײַן, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: „הזורעים בדמעה ברינה יקצורו" — איך וועל זייען און דו וועסט שניידן...

— שטעל דיר נאָר פאָר, חנהלע, וואָס פאַרא גן־עדן מיר וועלן האָבן: דו וועסט אַ גאַנץ יאָר האָבן אַ ליעטניסקע, וועסט נישט דאַרפן קיין פּיזשאַמעס, קיין קאָמפּיעלאַקעס, וועסט נישט דאַרפן קיין דאַנסינג, קיין טעאַטער, קיין קאָנצערטן, קיין פּאַקערס. שלאָפן וועסטו גיין מיט די הינער צוזאַמען. עסן וועסטו צו דער צייט און עסן וועסטו נישט קיין קרעמאָווע טשאַסטקעלעך, נאָר קאַרטאָפל מיט באָרשט, וויעיסקע ברויט, און דו וועסט נישט האָבן קיין נאַפּאַדן אויף דער גאַל, וועסט נישט וויסן פון קיין הויכן בלוט־דרוק, וועסט זײַן אַ פּויערטע, און וועסט זײַן געזונט ווי אַ נוס!

איך וועל אויך האָבן אַ לאַכטיק לעבן, כ'וועל נישט שטיין מיט טויט־שרעק ביים סטראַגאַן, די פיס וועלן מיר נישט געשוואָלן ווערן, שטייענדיק ביי מײַן דעבעוויצנע קרעמל; כ'וועל נישט צי־טערן פאַר די „געסט" מיט די „בענדלעך"; כ'וועל נישט מורא

האָבן פאַרן סעקוועסטראַטאָר. פאַרטאָג וועל איך מיר איינשפּאַ־נען דאָס סוסל און אַרויספאָרן מיט דעם פּעסל „שמן זית" אין פעלד אַריין. מיר וועלן האָבן א „שעפּעכץ" — ס'וועט זיין מזל־בכרה!...

ווערסט זען, חנהלע, איך וועל טראָגן א פּאָר ציינגענע הויזן, דו — א לייוונטן קליידל און א פּאָר טרעפּעס. ווערסט נישט אויס־דרייען דיינע פּיס אין די קאַלישוועקלעך מיט די אויסגעהוילטע הויכע קלעצער, ווי שטאָלצן, ווערסט נישט טראָגן קיין זיידענע פּאַנטשאָשקעס מיט סטוזשאַלקעס. דיין לייב וועט נישט זיין איינ־געקלעמט און איינגעצווייגן. דו ווערסט נישט דאַרפן האָבן קיין זגראַבנע טאַליע, און אויף כפּרות ווערסטו דאַרפן די „ליניע". די הינער וועלן לייגן אייער, די קו וועט זיך קאַלבן. מיר וועלן נישט וויסן פון קיין וועקסלען, פון קיין פּראָטעסטן. ס'וועט זיין ליהודים!...

און ווער שמועסט, אז ס'וועט קומען פּסח־צייט, ערב דעם דאַטשע־סעזאָן, וועלן מיר אויסוויישן די כאַטקעס, מיר וועלן אויס־פּוצן די פערד־שטאַל, כדי אהין אַריינצולאָזן... די ליעטניקעס, און ווער, מיינסטו, וועט קומען דינגען ליעטניסקעס? טאַקע זיי, די גע־וועזענע פּויערים, וואָס זענען געוואָרן „קופּצעס". זיי וועלן צו אונז קומען דינגען לעטניע מיעשקאַניעס און מיר וועלן שטיין אין גרויסן.

— „צאָ קאָשטוּיע טאַ דזיוּראַ?" — וועט פרעגן די ליעט־ניטשקע.

— טזשיסטאַ זלאָטיך ז' גורי פּלאַטשיטש", — וועל איך ענטפערן.

טאָמער וועט זי נעמען ציען מיט דער נאָז: „זאַ דראָגאָ", וועל איך זי אַריינפירן אין דער קי־שטאַל:

— „טו פּאַני מאַ זאַ דוויעשטשע זלאָטיך"...

וועט די לעטניטשקע נעמען בעטן:

— „פּאַניע גאָספּאָדאַזשו, ניע מאָגען". איך וועל אויף דער מלינאַרסקע גאַס אין אַן ענג בוידעם־שטיבל. די קינדער וועלן דער־שטיקט פון דעם אויר. דער דאָקטאָר זאָגט, אז זיי מוזן האָבן פּאַ־

וויעטזשע, אין דער שטאָט קאָן מען דעם אָטעם נישט כאַפּן. קיין גליקן פון דעם סטראַגאַן האָט מען אויך נישט, — אַזוי וועט טענהן די געוועזענע פּויערטע און איצטיקע „קופּצאָווע", און איך, מעשה־פּויער, וועל איך מיך האַלטן ביי דאָס מייניקע:

— „טאַק קאָסטוּיע"!...

— איצט וועלן מיר דאָך האָבן אַ „זשאַב". ווען די ליעטניקעס וועלן וווינען ביי אונז אין דאָרף, וועלן מיר פון זיי שינדן די הויט. די קו, אָנשטאָט מילך, וועט זי געבן — באַווארקע, מער וואַסער, ווי מילך. אָן איי וועט זיין אַ בריליאַנט; פּאַר אַ פּיעטרישקעלע, אַ מייערל, וועט מען נעמען אַביסל ברייטער. די ליעטניקעס זע־נען נישט חולה צו באַצאָלן. דאָס ביסל „פּאָוויעטזשע" וועט זיי אויספּאַלן באַקעם. נאָך די ערשטע צוויי חדשים, אַז מ'וועט זיי שוין האָבן גוט אויסגעפּלומפּט, וועט מען זיי ביינאַכט נעמען סטראַשען, רייסן ביי די לאָדנס, וועלן זיי אַנטלויפן, ווי דער שוואַר־צער פּעפּער וואַקסט, צוריק אין שטאָט אַריין. מיר וועלן האָבן אָפּ־געשווימט ס'ביסל כסף און מיר וועלן לאַכן:

— אוי, האָט מען די שטאָטישע יאָלדן אָפּגעצופּט!...

נאָך יעדן זומער וועלן מיר שטעלן אַ נייע כאַטקע, צוקויפן נאָך אַ בהמה, נאָך אַ פערד. דער פּויער וועט זיין אַ „קופּיעץ" און איך — אַ פּויער!

— הכלל, חנהלע, נישט געזאָרגט, גאָט פאַרלאָזט נישט. פון יעדער רעה קומט אַרויס אַ טובה, און אויך פון דעם איבערפירן דעם פּויער אין שטאָט אַריין, וועט פאַר מיר זיין אַ טובה. איך ווער אוים שטאָט־מענטש — איך גיי אין דאָרף אַריין!...

מיין יידענע האָט מיך אויסגעהערט מיט קאָפּ, און צום סוף האָט זי געזאָגט:

— יעקעלע, ביזט גערעכט! איך בין מסכים. אַז דו ביזט געוועזן אַ סוחר, בין איך געוועזן אַ סוחרטע און אַז דו וועסט זיין אַ פּויער, וועל איך זיין אַ פּויערטע; אַז דו וועסט טראָגן צייגענע הויזן, וועל איך אָנטון טרעפּעס, אַז דו וועסט דיך נעמען צום אַקער־אייזן, וועל איך מעלקן די קי.

— אַ געזונט אין דיינע ביינער אַריין! — האָב איך אַרומ־

געכאַפּט מיין יידענע און זי גענומען קושן, וואָס זי איז מסכים צו ווערן אַ פּויערטע.

באַקומענדיק מיין חנהלעס הסכמה, בין איך גלייך אַרויס אין דאָרף אַריין צו מיינעם אַ באַקאַנטן פּויער, ווו איך וווין שוין עט־לעכע יאָר אויף ליעטניסקע, מיט אים אונטערהאַנדלען:

— פּאַניע וואַלענטי, כ'בין געקומען צו אייך מיט אַ פּראָפּאָ־זיציע.

— „צאָ, נאַ פּשיקלאַד?" — האָט דער פּויער געפרעגט.

דאָ האָב איך פאַר אים אַנטוויקלט מיין פּלאַן, אַז איך וויל מיך מיט אים טוישן: איך גיב אים אַוועק מיין סטראַגאַן, וואָס איז אַ „זלאָטי אינטערעס", איך טרעט אים אָפּ דעם „אַרכיוו": נאַ־קאַזן, וועקסלען, פּראָטעסטן, אָדפּיסן פון רעקורסן און אַנדערע „וואַרטאָשטשאָווע" פּאַפּירן, דערפאַר גיט ער מיר אַוועק זיין גאָ־ספּאָדאַרסטווע: די ערד, כאַטקע, דעם לעבעדיקן אינווענטאַר וכד'. ער ווערט אַ „קופּיעץ" אין שטאָט און איך אַ פּויער אין דאָרף.

האָט מיך דער פּויער אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פּיס, האָט אַ דריי געטון ביי דער וואָנסע און געזאָגט:

— „פּאַניע, טשי פּאַן זוואַריאָוואַל? באָ טו מי זשלע? יעדזש פּאַן ז' באָגיעם אי באָסטאָ!"...

האָב איך מיט אים גענומען טענהען:

— „פּאַניע וואַלענטי, פּשעטשעזש טאַק פּישאָן וו' גאַזע־טאַך?"...

— „ניעך פּישאָן דאָ יוטראָ", — האָט דער פּויער געענט־פערט.

ווי איר זעט, רבותי, איז נישט געוואָרן פון עסק. איך האָב געוואָלט, מיין חנהלע האָט אויך מסכים געווען. איך האָב מיך גע־וואָלט טוישן מיטן פּויער, נאָר ער, מיט זיין פּויערישן שכל, האַלט, אַז אַ פּויער קאָן נישט זיין קיין סוחר און אַ סוחר קאָן נישט זיין קיין פּויער.

רבותי, איר זענט מיינע עדות, איך וויל מיך טוישן!

אַ מיטינג פון בהמות...*)

שחיטה! שחיטה! שחיטה!

די וועלט קאָכט, אין סיים קאָכט זיך, אין סענאַט איז ליהודים. דעפּוטאַטן, סענאַטרן, פּראָפעסאָרן, געלערטע — אַלע האָבן זיי די קעפּ אין דער בהמה אַריינגעלייגט. אַלע דאגות פאַררוקט אָן אַ זייט און גענומען זיך צום אָקס.

זעענדיק דעם טומל, וואָס ס'האָט זיך געמאַכט אַרום דער שחיטה; זעענדיק, ווי די וועלט איז פאַרבהמהשט געוואָרן, איז אין דער בהמהשער וועלט אַנטשטאַנען אַ פּראָיעקט צוזאַמענצורופן אַ לאַנד־קאָנפערענץ, כדי צו באַטראַכטן די געשאַפענע לאַגע.

צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען דעלעגאַטן פון קי, אָקסן, קעלבער, פערד, אייזלען, חזירים און אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע פון דער הינטישער וועלט.

פאַר דער קאָנפערענץ האָבן אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען די פאָרשטייער פון די באַזונדערע גרופּן; עס האָט זיך באַראַטן די קי־גרופּע, די אָקסן־גרופּע, די קעלבער־גרופּע, די פערד־גרופּע, די אייזל־גרופּע, די חזירים־גרופּע און די הינט־גרופּע.

אויף דער טריבונע באַווייזט זיך אַן אַלטער אָקס. ער גיט עטלעכע מאָל אַ דריי מיטן וויידל. דערמיט דערקלערט ער די קאָנ־פערענץ פאַר געעפנט.

נאָך דעם, ווי דער אַלטער אָקס נעמט איבער דעם פאָרזיץ, האַלט ער די

---

*) צום שחיטה־געזעץ.

— זייער חשובע דעלעגאַטן און דעלעגאַטקעס. מיר זענען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען, כדי צו באַטראַכטן די געשעפענע לאַגע אין אונזער בהמהשער וועלט. עס מוז גענומען ווערן שטעלונג צו די צוויי־פיסיקע חכמים, וואָס טומלען איצט אין סיים און אין סע־נאַט וועגן אונז, בהמות. מיר טאָרן נישט דערלויבן, אַז זיי, די צווייפיסיקע זאָלן האָבן די דעה איבער אונז, פירפיסיקע. מיר מוזן קלאָר און דייטלעך און מיט אַ ישוב־הדעת זיך פאַרטראַכטן וועגן דער געשאַפענער לאַגע. מיר מוזן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַראָפּ־רייסן די מאַסקע פון די, וואָס פּרעדיקן הומאַניטאַרישקייט.

חשובע דעלעגאַטן און דעלעגאַטקעס! פאַר אונז, בהמות, איז קלאָר, ווי דער טאָג, אַז מיט זייער הומאַניטאַרישקייט זענען זיי נישט אויסן אונזער טובה. אַ שיינע טובה ווילן זיי אונז טון. טאָמער איז ווייניק דער חלף, ווילן זיי אונז נאָך צולייגן — אַ האַ־מער איבערן קאָפּ!... באַטויבן ווילן זיי אונז פאַרן שעכטן. ווי גע־פעלט אייך, חברים, די קאַזאַצקע טובה?! אויב זיי האַלטן, אַז אַ זעץ מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ הייסט „הומאַניטאַרישקייט", טאָ זאָלן זיי עס פּרוּוון פריער אויף זייערע אייגענע קעפּ!... (ס'הערט זיך אַ מרוטשעריי, מעקעריי און בילעריי — דאָס שרייען זיי אַלע בראַוואָ...).

דער פאָרזיצער, דער אַלטער אָקס, רעדט ווייטער:

— חשובע דעלעגאַטן און דעלעגאַטקעס! ביז איצט זענען מיר געגאַנגען צו דער שחיטה און מיר האָבן געשוויגן. איצט איז געקומען די צייט, אַז מיר, בהמות, זאָלן זיך אָרגאַניזירן און אַ סוף מאַכן צו אונזערע כלומרשטע צער־בעלי־חיימניקעס, וואָס אין נאָ־מען פון צער־בעלי־חיים, אין נאָמען פון הומאַניטאַרישקייט טוען זיי אָפּ די גרעסטע שווינעריי.

חזיר (פון אָרט): איך פּראָטעסטיר!... חבר פרעזעס, איר באַליידיקט מיך!...

פאָרזיצער: אַנטשולדיקט, חבר חזיר. מיט דעם אויס־

דרוק „שווינעריי" בין איך נישט אויסן געווען אייך צו באַליי־דיקן. אנטשולדיקט!

דער פאָרזיצער ענדיקט:

— אין נאָמען פון דער גאַנצער בהמהשער וועלט פּראָטע־סטיר איך קעגן אונזערע באַגליקער, וואָס ווילן אונז „באַגליקן" מיט האַמערס איבער די קעפּ! מיר פּראָטעסטירן קעגן דעם אריינ־מישן זיך אין אונזערע בהמהשע ענינים!

דער פאָרזיצער מעלדעט:

— דאָס וואָרט באַקומט

די חברטע קו.

די חברטע קו גייט אַרויף אויף דער טריבונע, באַגריסט זיך מיטן פאָרזיצער, דעם חבר אָקס און הויבט אָן:

— מ—מ—ע—ע—ע. דער חבר אָקס האָט שוין קלאָר און דייטלעך אָנגעוויזן, וואָס ס'זענען די צילן פון דער היינטיקער קאָנ־פערענץ. איך וויל נאָר דערגענצן.

— חברים! אויב אייך, אָקסן, געשעט אַן עולה, אויב איר מיינט, אַז אייך איז שלעכט, איז אונז, קי, נאָך פיל ערגער. איר ווייסט איין זאַך: מ'פּיטערט אייך, מ'פּאַשעט אייך, און אַז איר זענט שוין גוט אויסגעפּאַשעט, פירט מען אייך אַוועק אין שעכט־הויז און פאַרטיק. מיר, קי, געפינען זיך אין אַ פיל ערגערער לאַגע, ווי איר. אונז מעלקט מען ביים לעבן. ווי נאָר מיר קומען „צום שכל", הויבט מען אונז אָן צו מעלקן. ווער ס'האָט אַ האַנט, נעמט זיך צו אונזערע אייטערס און מעלקט!... צוערשט מעלקט מען אונז אויס, מ'ציט אונז אויס דאָס בלוט, און אַז מ'האָט שוין נישט וואָס צו מעלקן — שעכט מען אונז, שינדט מען אונז אָפּ די פעל, פרעסן אונזער פלייש. איצט ווילן זיי נאָך אונז שלאָגן איבער די קעפּ!...

איך וויל טאַקע פון דעם אָרט אַרויסטראָגן דעם שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן אונזערע מעלקערס. גענוג געמאָלקן!... גענוג אונ־זער בלוט געזויגן! (די רעדע פון דער חברטע קו ווערט אויפגענו־מען מיט אַ רוישיקער בראַוואָ־מעקעריי).

דער חזיר.

— ליבער עולם! איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך וועל רעדן ליגנדיק. דאָס איז פון געוווינהייט. איך רעד שטיל, ווייל איך האָב שמאַלץ ביים האַרץ, אַזוי ווי אַלע גבירים... איך בין נישט געקומען אַהער האַלטן קיין דרשות, וואָרום דאָ איז דאָך נישט קיין סיים און נישט קיין סענאַט. איך וויל נאָר פעסטשטעלן אַ פאַקט, אַ טרויעריקן פאַקט.

ווי איר זעט, חברים, בין איך אַ חזיר, און ווייסן דאַרפט איר, אַז איך בין נישט קיין געוויינלעכער חזיר, איך בין אַ פּריי־צישער חזיר. מיין בעל־הבית איז אַ פּריץ, אַ שלאַכטשיץ. נאָר אַ גרויסער יחסן. אַ סיים־דעפּוטאַט, און נישט סתם עפּעס אַ סיים־דעפּוטאַט, נאָר אַ „למדן". אַ גרויסער צער־בעלי־חיימניק.

נו, וועל איך אייך טאַקע דערציילן, וואָס איך האָב אַליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן.

— געווען איז עס מיט עטלעכע וואָכן צוריק. קומט ער אין דער שטאַל אַריין. גייט גלייך צו צו מיין מאַמען, נעמט זי אָן פאַרן אויער און שלעפּט זי אַרויס אויפן הויף.

איז מיר די מעשה אויסגעקומען פאַרדעכטיק. וואָס האָט ער צו מיין מאַמען? וואָס עפּעס פאַרן אויער? בין איך דאָך אַ חזיר, בין איך נאָכגעגאַנגען זען, וווהין ער פירט זי.

שטעלט אייך פאָר, אַז געפירט האָט ער זי אונטער דער סטאַ־דאָלע, האָט איר פאַרבונדן די אויגן, געפּענטעט די פיס, און איי־דער די מאַמע האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער איר געגעבן אַ טע־רעבענץ מיט אַן אייזערנעם האַמער איבערן קאָפּ. די מאַמע האָט אַ מוראַדיקן ריטשע געטון. האָט ער געגומען זעצן מיטן האַמער איבערן קאָפּ, איבערן מוח, ווי ער האָט נאָר געטראָפן. דערנאָך האָט ער איר אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין האַרצן אַריין, און מיין אומגליקלעכע מאַמע איז געפאַלן אַ טויטע. אַז איך דערמאָן מיך איצט, ווי די מאַמע האָט געריטשעט און ווי דער פּריץ האָט זי

געקוילעט, גייט מיר אדורך א שוידער איבער מיין חזירישן קערפער.

איצט שטייט ער, דער פריץ מיינער און פרעדיקט וועגן הו־מאניטארישקייט, וועגן צער־בעלי־חיים. נו, פרעג איך אייך: ווו איז זייער צווייפיסיקער יושר?

דער חזיר ענדיקט:

— חברים! איך בין א קיילעכדיקער יתום, אן טאטע־מאמע. איך שווער ביים בלוט פון מיין געקיילעטער מאמען, אז די אלע, וואס פרעדיקן הומאניטארישקייט, זענען אליין בארבארן און בתוכם מיין פריץ, וואס האט אומגעבראכט מיין טייערע מאמע אויף אן אכזריותדיקן אופן.

דאס ווארט אין דער דיסקוסיע באקומט

דאס פערד.

— קודם־כל וויל איך באגריסן די חברים דעלעגאטן און דע־לעגאטקעס. איך וועל בעטן מיך אויסצוהערן מיט קאפ.

— חברים! איך וויל נאר אנווייזן אויף דער לעכערלעכקייט פון די צווייפיסיקע טפשים, וואס האבן זיך אוועקגעזעצט אויף די ווייכע פאטעלן און רעדן וועגן צער־בעלי־חיים. זיי ברעכן זיך די קעפ פאר די בהמות, אז זיי זאלן האבן א לייכטן טויט.

אונז רופן זיי בהמות! און וואס זענען זיי? זיי זענען קליי־נע בהמות? זיי גייען נישט ווי בהמות צו דער שחיטה? וויפיל האט זיי ווילהעלם אויסגעשאכטן? וויפיל האט זיי ניקאלאי אויס־געקוילעט? ווי די הינט האט מען זיי געקוילעט!

דער הונט (פון ארט): חבר פארזיצער, כ'בעט מיך נישט צו באליידיקן!

דאס פערד רעדט ווייטער:

— חברים! איך בין אליין געווען אין דער מלחמה. און איך שווער אייך, אז זיי, די צווייפיסיקע זענען מער בהמות, ווי איר. איך צווינגט מען צו גיין צו דער שחיטה און זיי לויפן אליין אין שעכט־הויז אריין. בהמות, איר הערט? בהמות, ווי איר זעט מיך

אַ פערד! נו, גייען זיי, די צוויפיסיקע בהמות אייך פֿאַרזאָרגן — אַ געלעכטער, בנאמנות!...

נאָך דעם, ווי ס׳רעדן נאָך: דאָס קעלבל, דער אייזל, דער הונט, ווערט אָנגענומען דער פֿאָרשלאָג אויפֿן אָרט אויסצואַרבעטן אַ מעמאָריאַל און צו שיקן אַ דעלעגאַט אין סיים אַריין און מינד־לעך איבערגעבן די פֿאָסטולאַטן פֿון דער בהמהשער וועלט.

דערמיט ווערט די קאָנפֿערענץ געשלאָסן.

אַ ייד מיט אַ כ־אַרישן נאָמען!...

די היינטיקע וואָך האָבן מיר ווידער געהאַט אַ גאַסט אין רע־דאַקציע. געקומען איז ער פרעגן אַ יורידישע עצה.

— פאַניע רעדאַקטאָר, — האָט דער ייד אָנגעהויבן, — כ׳בין געקומען פרעגן אַ יורידישע עצה.

— אַ יורידישע עצה דאַרפט איר פרעגן ביים יוריסט, — האָט דער רעאַדקטאָר געענטפערט.

— יוריסט, שמוריסט, — האָט דער ייד געזאָגט, — אַ רע־דאַקטאָר ווייסט אַלץ; וואָס ווייסט אַ רעדאַקטאָר נישט? אַ רעדאַק־טאָר קען פּסקענען שאלות אויך. נו, בין איך געקומען טאַקע מיט אייך זיך אַן עצה האַלטן, און אַזוי ווי איך בין אַ געטרייער לע־זער, פאַרלאַנג איך, איר זאָלט מיך אויסהערן.

— נו, לאָמיר הערן.

האָט דער „געטרייער לעזער" זיך נעענטער צוגערוקט צום רע־דאַקטאָר און גענומען אויספּאַקן זיין פּעקל צרות:

— איר זעט מיינע גרויע האָר? איר זעט קנייטשן אויפן שטערן? איר זעט די פאַלדן אויף מיין פּנים? איר מיינט, אַז איך בין אַ זיבעציקער? האָט איר אַ טעות. ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך קוים אַ פופציקער. וועט איר דאָך אפשר מיינען, אַז דאָס קומט פון וויין־טרינקען, פון וואָלטאַג, אָדער פון צופיל עולם־הזהוועןף? אויב איר מיינט אַזוי, האָט איר געטראָפן דערנעבן. איך טרינק נישט קיין וויין, כ׳בין נישט קיין וואָלטעגער, פאַרקערט: כ׳בין

א סקראָמנע מענטשל, כ׳גיי מיר מיין וועג, כ׳דאַנק גאָט, אַז מ׳טשעפּעט מיך נישט.

וועט איר דאָך מסתמא מיינען, אַז איך בין אַ קראַנקער; אַז כ׳קוריר זיך ביי דאָקטוירים; אַז כ׳האָב חלילה עפּעס אַ מיחוש? זאָג איך אייך, אַז איך בין געזונט, ווי אַ נוס, כ׳דאָקטאָר מיך נישט, כ׳פּאָר נישט אין קיין בעדער, כ׳האַלט נישט קיין דיעטע, — דאָס איז אַן עסק פאַר גבירים, לײדיקגייערס, נישט פאַר אַ ייד, וואָס זוכט אַ זלאָטי פּרנסה.

וועט איר דאָך אודאי מיינען, אַז איך האָב צרות פון מיין ווייב? אַז איך האָב אַ שווערער אין שטוב? איז דאָס אויך נישט אמת. כ׳האָב אַ ווײל ווײבל, אַ טייער ווייבל, אַ שטילע, רואיקע טויב. זי טאַנצט נישט און רויכערט נישט, פאַרבט זיך נישט און האָט נישט קיין באַטשנע פּשיאַטשעלעס, זי מאַכט נישט מיט די אַלע מאָדערנע משוגענע קונצן פון די היינטיקע מענזשאַטקעס, זי איז אַ געטריי ווייב, אַ גוטע מוטער — אַ יידענע, ווי גאָט האָט געבאָטן.

צרות פון דער שוויגער האָב איך אויך נישט, ווייל זי רוט שוין לאַנג אויפן עולם־האמת, האָב איך זי גלאַט אין דר׳ערד...

טאָ פון וואַנען נעמען זיך ווידער צו מיר די קנייטשן אויפן טשערן? די פאַלדן אויף די באַקן? די גרויע האָר? אַז קיין וויין־טרינקער בין איך נישט, קיין ווײלטענער אויך נישט, קיין עולם־הזהניק אודאי נישט, קיין קראַנקער אויך נישט. אַ פרוי האָב איך אַ ווײלע, און די שוויגער האָב איך אין דר׳ערד. איז דאָך אַ קשיה, פאַרוואָס ווער איך אַלט פאַר דער צייט? פאַרוואָס בין איך צו פופציק יאָר שוין אַ זקן?

אָט זעט איר, אַז איר פרעגט מיך אַ קלוגע קשיה, וועל איך אייך ענטפערן, וועל איך אייך איבערגעבן מיין פעקל צרות; אַז איר וועט מיך אויסהערן מיט קאָפּ, וועט איר פאַרשטיין, פאַרוואָס איך ווער אַלט פאַר דער צייט:

— איר זאָלט וויסן, אַז די צרות מיינע זענען, נישט צוליב עפּעס אַנדערש, נאָר צוליב מיין... נאָמען. איך בין געשטראָפט גע־וואָרן מיט אַ נ—אַרישן נאָמען, און פון דעם נ—אַרישן נאָמען האָב

איך געבּרענטע צרות. און טאָמער וועט מיט מיר חלילה עפּעס געשען, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס האָב איך מיר אַ מעשה אָנגע־טון צוליב דעם דאָזיקן נ—ארישן נאָמען.

— ווי איך הייס? אַ שאַנדע צו דערציילן: לעבּערוואָרשט! הערשל לעבּערוואָרשט!

— אייך קומט דאָך אויס צו הערן און צו שרייבּן יידישע נעמען, נו, האָט איר שוין אין אייער לעבּן געהערט אַ ייד מיט אַ נאָמען — לעבּערוואָרשט? אַ ייד מיטן נאָמען לעבּערוואָרשט איז פּונקט אַזוי לעכערלעך, ווי אַ פערד אין קאַלאָשן, ווי אַ פּאָלי־ציאַנט מיט אַ שירעם, ווי אַ קאָזאַק אין ברילן.

איר הערט? ווען איך פּאַק היינט מיין קלוגן עלטער־זיידן, וואָס האָט זיך אויסגעקליבּן אַזאַ יחוסדיקן נאָמען, וואָלט איך אים דורס געווען. לעבּערוואָרשט האָט זיך אים פּארגלוסט! ווייניק יידי־שע נעמען האָט ער געהאַט? וואָס וואָלט מיר געפעלט, ווען איך הייס: קאָהן, לעווי, סעגאַל, רובּינשטיין, זילבּערשטיין, ראַבּינאָ־וויטש, אָדער אַן אַנדערן ריין־יידישן נאָמען. אַן איינפאַל פון מיין זיידן, זיך אַ נאָמען צו געבּן — לעבּערוואָרשט!

וועט איר דאָך פרעגן: וואָס אַרט מיך דער נאָמען? בּיז איצט האָט ער מיך טאַקע נישט געאַרט. מיין יידענע און מיינע טעכטער איז דער נאָמען גראָד געפעלן געוואָרן. מיין יידענע איז געווען צופרידן, אַז מ'האָט זי גערופן: „פּאַני לעבּערוואָרשטאָוואַ". מיינע טעכטער זענען געווען שטאַרק צופרידן, וואָס מ'האָט זיי גערופן: „פּאַננאַ לעבּערוואָרשטוווּנאַ". דאָס איז געווען בּיז איצט, לעצטנס האָב איך אָבער פון דעם ריין נ—ארישן נאָמען געבּרענטע צרות, און ווייסט איר, צוליב וואָס? צוליב מיינעם אַ שכן. צום שלימזל, האָט זיך אין מיין הויז אַריינגעצויגן אַ שכן, אַ ריינער אַריער, אַ כשרער היטלעראָוויעץ, און אויסקרענקען זאָל ער מיין נאָמען, ער הייסט אויך, פּונקט ווי איך — לעבּערוואָרשט. דער חילוק איז נאָר, וואָס ער הייסט האַנס לעבּערוואָרשט און איך — הערשל לע־בּערוואָרשט.

נו, האָב איך פון דעם אַרישן לעבּערוואָרשט צו זינגען און צו

זאָגן. זוכט מען מיך, טרעפט מען צו אים, זוכט מען אים — טרעפט מען צו מיר.

הערט, פאַניע רעדאַקטאָר, וואָס פאַר א צרות איך האָב אויס־צושטיין:

אנומלטן קלאַפּט מען אין דער טיר, איך עפן אויף, און עס קומען אריין צוויי דייטשן.

— „וואָהנט היער הער לעבערוואורשט”?

— יאָ, דאָס בין איך.

נעמען זיי ארויס א נאָטיץ־ביכל און האַלטן זאָר מיר א גאַנצע דרשה, אז היות, ווי זיי גייען בויען א נייע דייטשע שו־לע אין זייער פאַראַפיע, דאַרף מען האָבן געלט, זענען זיי געקו־מען צו מיר, איך זאָל זיי שפּענדן פאַר דעם צוועק.

פאַרשטיי איך דאָך, אז דאָס מיינען זיי נישט מיך, נאָר יענעם לעבערוואורשט, דעם שכן פון דריטן שטאָק, דערקלער איך זיי:

— מיינע הערן, איר האָט א טעות, איך בין נישט דער ריכטיקער לעבערוואורשט, וואָס איר זוכט. דער ריכטיקער לע־בערוואורשט וווינט אויפן דריטן שטאָק. איך הייס הערשל לעבער־וואורשט און איר זוכט דאָך מסתמא האַנס לעבערוואורשט.

האָבן די יונגע דייטשן מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס:

— ענטשולדיגען זי, אדיע!...

מיט עטלעכע וואָכן צוריק קומט דער בריוו־טרעגער מיט א טשעק פון מיין פעטער אין אמעריקע, פרעגט ער דעם סטרוזש:

— „גדזיע טו מיעשקאַ פּאַן לעבערוואורשט”?

ווייזט אים דער סטרוזש מסתמה אָן צו מיין שכן, וואָס הייסט אויך, אזוי ווי איך: ה. לעבערוואורשט.

יענער איז נישט קיין חזיר, נעמט ער דאָס טשעקל, גייט אוועק אויף דער פּאָסט, אלץ שטימט: דער פאָרנאָמען, פאַמיליען־נאָמען, אדרעס. נעמט ער אָפּ די פּאָר טולער און פאַרטיק. א כשרער טאָפּ, א כשרער לעפל.

אנומלטן זיץ איך אין דער היים, סקומט אריין א פּאָסלאַניעץ

און גיט מיר איבער אַ בריוול. איך עפן אויף, נעם לייענען, און עס ווערט מיר פינסטער פאַר די אויגן. הערט, פאַניע, וואָס אין דעם בריוול איז געשטאַנען:

„גנעדיגע פראַו לעבערוווּרשט. איהרער מאַן דער עזעל־קאָפּ איסט וואָהל פעריייזט, איך ערוואַרטע זי הויטע צעהן אוהר אַבענדס אין האָטעל...

מיט האָכאַכטונג פּ ר י ץ".

האָב איך דאָך מיין יידענע געמאַכט שוואַרץ־שבת:

— דו אַלטע קלעמפּע! מיט דייטשן גאָר? איך בין ביי דיר אַן אייזל־קאָפּ? אין האָטעלן מיט דייטשן ווערסטו זיך אַרומשלעפּן?

מיין פרוי, אַ כשרע יידענע, נעבעך, האָט גענומען וויינען און ספּאַזמירן, אַז זי ווייסט נישט פון קיין שום פּריצן. אַז ביי איר איז איין גאָט און איין מאַן. ערשט שפּעטער האָב איך מיך געכאַפּט, אַז דאָס מוז מען מיינען יענעם לעבערוווּרשט, אַז דאָס האָט דער פּאָסלאַניעץ אַ טעות געהאַט; אַנשטאָט אָפּצוגעבן דעם בריוו צו האַנס לעבערוווּרשט, האָט ער אים אָפּגעגעבן צו הערשל לעבערוווּרשט.

נאָר די ריכטיקע פּאָרציע האָב איך ערשט געהאַט דעם היינטיקן שבת:

איך זיץ מיט מיין בני־בית ביים טשאָלנט, קומט אַריין איינער מיט אַ גוויאַזדקע, פרעגט ער מיך:

— „טו מיעשקאַ ה. לעבערוווּרשט"?

— „טאַק", — זאָג איך, — „טו מיעשקאַ".

נעמט ער אַרויס אַ פּאַפּיר און דערקלערט מיר, אַז ער איז געקומען מיך אַרעסטירן.

— אַרעסטירן? פאַרוואָס?

— ווייל... ווייל איך האָב אויסגעהאַקט די שויבן אין אַ יידיש געוועלב.

— איך? איך האָב אויסגעהאַקט די שויבן אין אַ יידיש געוועלב? איך... איך?...

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט ער געמיינט נישט מיך, הערשל לעבערוואָרשט, נאָר, יענעם, מיין שכן, האַנס לעבערוואָרשט.
— איר הערט, פאַניע, וואָס פאַר אַ געבּרענטע צרות איך האָב פון מיין נ—אַרישן נאָמען? טאָמער וועט איר הערן, אַז איך האָב מיר אַ מעשה אָנגעטון, זאָלט איר וויסן, אַז שולדיק אין דעם איז מיין נ—אַרישער נאָמען — לעבערוואָרשט!...

ס׳שטייט אַ וואָך ביי מיין טיר...

(מאָנאָלאָג פון אַ פּיקעטירטן יידישן סוחר)

יאָ, אנטקייגן דעם, וואָס איר זאָגט: פּיקעטן.

איך ווייס נישט, וואָס די פּרעסע ליאַרעמט אַזוי וועגן די פּיקעטן ביי די יידישע געוועלבער. איך פאַרשטיי נישט, וואָס מ׳טוט אַזוי מרעיש־עולם זיין. כ׳פאַרשטיי נישט, וואָס די יידישע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן לויפן, אינטערוועגירן, דעלעגאַציעס פון סוחרים־פאַריינען לויפן אַזש קיין וואַרשע „עפּעס אויפטון״. איך פאַרשטיי נישט, צו וואָס טוט מען דאָס? וועמען אַרט עס, אַז עס שטייען פּיקעטן פאַר די יידישע געוועלבער? ווען מ׳זאָל מיך פרעגן, וואָלט איך געזאָגט: אדרבא, פאַרקערט, זאָלן זיי שטיין. ס׳איז מער אַ מעלה, ווי אַ חסרון...

אָט וועל איך עס אייך באַלד דערקלערן, וועט איר זען, אַז איך בין גערעכט:

די היינטיקע וואָך פאַלט מיין יידענע אין געוועלב אַריין אַ בלאַסע. זי ציטערט פון שרעק. ס׳האָקט איר אַ צאָן אין אַ צאָן. קוים זי האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— פּי—קע—טן...

איך גיב אַ קוק — אַ וואָך פאַר מיין טיר. דריי „כלאָפּצעס״ האָבן באַלאַגערט מיין קרעמל און לאָזן נישט אַריין נישט־יידישע קונים. ווער ס׳האָט נישט אַ ריין־יידישע צורה, ווערט נישט אַריינגעלאָזט.

אין פלוג האָט מיך די מעשה פאַרדראָסן. היתכן? ס׳טייטש?

איך בין דאָך עפּעס אַ פּוילישער בירגער! וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג, אַוועקשטעלן זיך ביי יענעמס טיר, מיר זאָגן דעות, ווע־מען איך טאָר נישט פאַרקויפן. האָב איך טאַקע געוואָלט אַרויס־גיין אויסשמועסן זיך מיט די כלאַפּצעס:

— פּאַנאָוויע, ס'פּאַסט נישט פאַר קולטורעלע מענטשן... פע, נישט שיין פון אייער זייט... גוט־דערצויגענע מענטשן שטעלן זיך נישט אַוועק ביי פרעמדע טירן... אַ סך האָט איר אַריינגעלייגט אין מיין געשעפט, וואָס איר קומט מיר זאָגן דעות? אַ סך האָט איר מיר צושטייער־געגעבן, וואָס איר מישט זיך אין מיינע עסקים, העי? ווי וואָלט אייך, אַ שטייגער, געשמעקט, ווען איך שטעל מיך אַזוי אַוועק ביי אייער טיר? ווען איך זאָג אייך דעות: דאָס מעגט איר יאָ, און דאָס טאָרט איר נישט?

אַזוי האָב איך זיי געוואָלט פרעגן, נאָר איך האָב מיר באַלד איבערגעלייגט: צו וואָס? צו וואָס פירן דיסקוסיעס? צו וואָס טענהן מיט זיי? וואָס אַרט מיך, אַז זיי שטייען?

— פעסעלע, — האָב איך גענומען באַרואיקן מיין דער־שראָקן ווייבל, — וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? וואָס ביזטו אַזוי דענערווירט, וואָס? וואָס אַרט דיך, אַז זיי שטייען? אַדרבא, פאַרקערט, זאָלן זיי שטיין. וועסט זען, פעסעלע, אַז דאָס וועט זיין מער מעלה, ווי אַ חסרון.

— וואָס הייסט? — האָט מיין יידענע נישט פאַרשטאַנען, וואָס איך מיין דערמיט, — וואָס הייסט אַ מעלה? ס'איז ערב חגא, מ'דאַרף לייזן אַ פּאָר זלאָטעס, ס'רוקן אונטער וועקסלען, שטייערן, דירה־געלט. באַלד וועט מען דאַרפן אויסקויפן אַ פּאַ־טענט. די פּיקעטניקעס וועלן אויסקויפן פאַר דיר דעם פּאַטענט? די פּיקעטניקעס וועלן צאָלן די וועקסלען און די שטייערן? וואָס פאַר אַ מעלה איז דאָ ביי דיר?

— וואַרט, פעסעלע, האָב געדולד; וועסט זען, אַז איך בין גערעכט. נאָר געדולד, פעסעלע!...

ווי איך שטיי אַזוי און שמועס מיט מיין יידענע וועגן דעם, אַז די פּיקעטן איז מער מעלה, ווי חסרון, ווערט דרויסן פאַר דער טיר אַ „רוף". וואָס איז געשען? די כלאַפּצעס פאַרשטעלן דעם

וועג אַ „סוחר" מיט אַן ארישן אויסזען. יענער רייסט זיך אַריין אין מיין געוועלבל און די כלאָפּצעס פאַרשטעלן אים דעם וועג.

מיין יידענע ווערט ווידער בלאַס.

— זעסט, — זאָגט זי, — אַ קונה רייסט זיך, ער וויל קויפן... און זיי...

— נאַרעלע, — זאָג איך צו מיין יידענע, — גיב אַ קוק, ווער ס'איז דער סוחר, וואָס רייסט זיך אַריין אין געוועלב. דו דערקענסט אים נישט? דאָס איז דאָך — דער סעקוועסטראַטאָר!...

שטייען מיר, איך און מיין יידענע, און קוקן זיך צו צו דער מערקווירדיקער סצענע: דער „סוחר" מיט דער טעקע אין דער האַנט רייסט זיך אַריין אין געוועלב און זיי, די כלאָפּצעס, האַלטן אים פאַר די פּאָלעס, לאָזן אים נישט אַריין.

דער „סוחר" שרייט:

— „פּאַנאָוויע, פּשעטשעזש יאַ יעסטעם סעק..."

ער שרייט: אני שלמה... יאַ יעסטעם... גראַבלט אין דער טעקע צווישן די פּאַפּירן. ער דאַרף אַריינגיין נעמען אַ ראַטע אָבראָטאָווע און זיי, די כלאָפּצעס, פאַרשטעלן אים דעם וועג, רייסן אים פאַר די פּאָלעס:

— „ניע קופּוי או זשידאַ"!...

באין ברירה האָט דער „סוחר" מיט דער טעקע געמוזט אויסדרייען דעם דישעל השבנו נאַזאַד. ס'האָט אים נישט געהאָלפן זיין טענה יאַ יעסטעם, און איז נעבעך אַוועק מיט גאָרנישט.

— נו, פּעסעלע, — האָב איך געזאָגט צו מיין יידענע, — האָסט עפּעס אַ טענה צו די פּיקעטניקעס?

— מאַ, — האָט מיין יידענע געענטפערט, — דער „סוחר" אַרט מיך נישט. דער „פּדיון" וועט מיר נישט אַנטלויפן.

— האָב געדולד, פּעסעלע, וואַרט צו, וועסט דיך איבערציינגן, אַז איך בין גערעכט. וועסט אַליין מסכים זיין מיט מיינע רייד. אדרבא, זאָלן זיי שטיין, די פּיקעטניקעס!...

פּלוצים אַ נייער טאַראַראַם. וואָס איז? אַ צווייטער סוחר

רייסט זיך אריין. די כלאפּצעס האַלטן אים פאַר די קלאַפּעס, לאָזן אים נישט אריין.

— ווער איז דער סוחר? דאָ, זעסטו, וועט מען שוין זיכער היזק האָבן לייזונג.

— אָבער נאָך אַ מין היזק! אַר־וואַ, וואָס פאַרא היזק. גיב אַ קוק, פּעסעלע, גיי צו נענטער. דו דערקענסט אים נאָך אַל׳ן נישט? דאָס איז דאָך דער פון דער „אובעזפּיעטשאַלניע״. דער, וואָס האָט ליב הויך קידוש צו מאַכן, ווען מ׳גיט אים נישט, וואָס עס קומט אים.

ער פּרוּווט זיי „וויאַשניען״, ווער ער איז, אַז ער גייט חלילה נישט קויפן, אַז ער גייט נישט „געבן״, נאָר „נעמען״, און נע־מען מעג מען דאָך ביי יידן. ער רעדט, וויאַשניעט, רעדט מיט גוטן, מיט בייזן. עס העלפט אים, ווי אַ טויטן אַ קאַפּיטל תהלים. ער רעדט און זיי האַלטן אים פעסט ביי די קלאַפּעס, שרייען אים אין די אויערן אריין:

— „ניע קופּוי או זשידאַ״!...

נאָך אַ האַלבער שעה טענהען, רעדן, האָט ער אַ כאַפּ־געטון די טעקע און נעגאַנגען פּליטה.

— נו, פּעסעלע, וואָס זאָגסטו צו דעם צווייטן סוחר? וואָס זאָגסטו צו די פּיקעטניקעס, הע? וואָס ווייטער ועסטו זיך אַליין מער איבערצייגן, אַז איך בין גערעכט, אַז איך ווייס, וואָס איך רעד.

— וואָס איז שוין ווידער דרויסן פאַרא גערודער?

אהאַ, זיי האַלטן שוין ווידער איינעם פאַר די פּאָלעס. ביידע, איך און מיין ווייבל, קוקן אַרויס דורכן פענסטער. עפּעס אַ בלאָנ־דער בחור וויל אַריינגיין, זיי לאָזן אים נישט. אַגיטירן אים: „ניע קופּוי״... יענער ווייזט זיי אַ צעטעלע, זיי ווילן נישט קוקן.

— ווער איז דער בחור?

— אהאַ, דער שגץ פון רעיענט. מסתמא אַ פּראָטעסטל. יע־נער רעדט, דערקלערט. עס העלפט נישט. בחרפּותינו גייט ער אַוועק מיט דעם, מיט וואָס ער איז געקומען.

מיר קוקן זיך ביידע איבער. מיר רעדן שוין גאָרניש. אויף מיין ווייבלס פנים האָט זיך באַוויזן אַ לייכטער שמייכל.

ווי נאָר דער בחור איז אַוועק, קומט אַ צווייטער. ער גייט דרייסט, מיט זיכערע טריט. קומט ער צו דער טיר, פאַרשטעלט מען אים דעם וועג:

— „גדזיע? דאָקאָנד"?

— ווער איז דער קופּיעץ, וואָס רייסט זיך אַזוי מיט אַלע כוחות אַריין צו מיר אין געוועלב? אַהאַ, כ'ווייס שוין. דו ווייסט, פּעסעלע, ווער עס איז דער סוחר?

— ווער?

— דער נייער זשאַנדצע. דאָס וויל ער מיר זאָגן, אַז אויב איך וועל נישט צאָלן רעגולער קאָמאָרנע, וועל איך וווינען ווײַטער — אַ הויז ווייטער...

— דער זשאַנדצע? ער איז דאָך אַ ייד, פאַרוואָס לאָזן זיי אים נישט אַריין?

— ער איז טאַקע אַ ייד, ער האָט נעבעך אַ נ—אַריש פּנים; זיי מיינען, אַז ער איז אַן אַריער.

רעדט ער מיט די כלאָפּצעס, טוט זיי אויפקלערן, וו' יאַקיעי ספּראַוויע. עס העלפן נישט זיינע טענות. ער שרייט: קאָמאָרנאַ... עקסמיסיאַ... און זיי האַלטן אים פאַר די פּאָלעס, און טאָמער גייט ער נישט אַוועק מיט גוטן, וואָלט ער נאָך געכאַפּט מיט אַ גאַז־רערל איבערן של ראש...

זעענדיק די מעשה, ווי זיי היטן מיך אָפּ פון אַלדאָס בייז, ווי געטריי זיי אַרבעטן, ווי זיי שטייען אויף דער וואַך ביי מיין טיר, ווי זיי פאַרטרייבן אַלע שלעק און אָנשיקענישן, האָב איך באַקומען מיטלייד מיט זיי, בין אַרויס צו די כלאָפּצעס און געזאָגט:

— פּאַנאָוויע, איר שטייט אַ גאַנצן טאָג אויף אַזאַ פראָסט... אפשר אַ גלעזל טיי מיט לימענע?... אפשר חלשט אייך דאָס האַרץ?... קומט אַריין, דערוואַרעמט זיך, ס'איז דאָך ווינטער... איר קאָנט זיך נאָך חלילה צוקילן... ס'גייט אום די גריפּע. איר ווילט נישט? דאַרף מען נישט. טאָ שטייט אייך און פרירט אייך געזונטערהייט.

אַט אזוי זענען זיי געשטאַנען, די כלאַפּצעס, אַ גאַנצן טאָג געהיטן. נישט אַריינגעלאָזט צו מיר די „נישט־יידישע סוחרים". איך בין מיר געזעסן אין מיין קרעמל זיכער און רואיק. כ׳האָבּ נישט מורא געהאַט פאַרן סעקוועסטראַטאָר, פאַר דעם הויך־קידוש־מאַכער פון דער אובּעזפּיעטשאַלניע, פאַר דעם בּחור פון רעיענט און פאַר דעם יידישן זשאָנדצע מיטן נ—אַרישן פּנים — אַ גן־עדן האָבּ איך געהאַט און אַלץ אַ דאַנק די פּיקעטניקעס!...

נו, פרעג איך אייך: טאָ צו וואָס די אַלע אינטערווענצן, די דעלעגאַציעס. אַדרבּא, זאָלן זיי שטיין, זאָלן זיי היטן. אַמאָל איז דאָס מער מעלה, ווי חסרון...

אַ דירה מיט „ווינאַדעס״!...

איר האָט שוין אַמאָל געווינען אויף דער לאָטעריע? נאָך נישט? אויב אַזוי, אויב איר האָט נאָך קיינמאָל נישט געווינען, זענט איר אַ גליקלעכער מענטש. אָך און וויי וואָלט געווען צו אייך, ווען ס׳וואָלט אייך חלילה עפּעס אַרויס.

אָט איז מיר טאַקע אַרויס, נישט דער מיליאָן, חלילה. כ׳האָב געגנוג צרות פון מיין קליין געווינסל, און איך מעג טאַקע גומל בענטשן, וואָס ס׳איז מיר נישט אַרויס דער ריכטיקער בחור, דער מיליאָן, מיין אייך!

— הערט, יידן, מיין אומגליק מיט מיין געווינס:

אַנומלטן קומט צו מיר אַריין מיין קאָלעקטאָר אַ צעקאָכ־טער. ס׳היטל פאַררוקט „נאַ באַק״. פון גרויס שמחה האָט זיך ביי אים געוואָרפן ס׳לינקע אויג, און איין אָטעם אַ שיט אויס געגעבן די ווערטער:

— ר׳ פישל... ר׳ פישל... ס׳איז אייך אַרויס!...

האָב איך באַלד געפילט, ווי דאָס האַרץ האָט מיר אַ צאַפּל געטון, און אַזוי צאַפּלט עס ביז איצט, ווי אַ לעבעדיקער שלייען אין טייך.

— וואָס איז מיר אַרויס? דער ריכטיקער שאָס? — האָב איך אים געפרעגט.

— אַ קליין שאָסעלע, — האָט דער קאָלעקטאָר געענט־פערט.

— דהיינו? ווי זעט אויס דאָס שאָסעלע? — בין איך געוואָרן נייגעריק.

— אַ רונדיקס! — האָט דער קאָלעקטאָר געשמייכלט.

— אַ רונדיקס? וואָס הייסט ביי אייך — אַ רונדיקס? אַ מיליאָן איז דאָך אויך נישט שפּיציק!? — אַזוי האָב איך אים געפרעגט, דעם קאַלטן גזלן, מיין קאָלעקטאָר.

— זעט נאָר אָן אַפּעטיט פון אַ ייד אַ קבצן, — האָט זיך דער קאָלעקטאָר געבייזערט, — מיליאָנען גיב אים! איר זענט אַנדערש נישט געווינט? איר האָט שוין אַמאָל געזען, ווי ס׳זעט אויס אַ מיליאָן? אַ חוצפּה פון אַ ייד — מיליאָנען גיט אים!

— פּעטער! — בין איך שוין אַרויס פון די כלים. — איר וועט רעדן קלאָרע דיבורים, אָדער איר גייט צו אַלדע רוחות! דברט, וואָס איז מיר אַרויס? וויפל האָב איך געווינען? ציט מיר נישט אויס די נשמה.

— זעט נאָר, ווי ער כעסט זיך עס אַביסל... ס׳קומט דאָך אים נאָך אַ רעשט צו צאָלן. געשפּילט ראַפּטעם אויף אַ פּערטעלע, און גאָט האָט געהאָלפן...

— מיינע וויסטע, ביטערע חלומות צו מיינע שונאימס קעפּ! איר רעדט, אָדער איך גיב אייך אייער נאַרישע געלט באָרד אין דער האַנט אַריין! — האָב איך גענומען שרייען אויף אַ קול.

— אַ... אַ... אַ טויזנטער! — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט. — אויף אייער נומער איז אַרויס פינף טויזנט. און אַזוי ווי איר שפּילט אויף אַ פּערטעלע, מאַכט אויס אויף אייער חלק טויזנט צוויי הונדערט פופציק זלאָטעס, פון דעם גייט אַראָפּ צוואַנציק פּראָצענט, אַ חוץ מיין שכר־טרחה, דאָס, יענץ וכדומה.

קוים מיט צרות אַרויסבאַקומען. וואָלט ער מיר עס באַלד געזאָגט, וואָלט איך דאָך איצט געהאַט אַ האַרץ, נישט קיין לעבעדיקן שלייען.

נאָר ווי זאָגט איר? גם זו לטובה, אַ טויזנטער גייט אויך היינטיקע צייטן נישט פּיעכאָטע. האָב איך געדאַנקט און געלויבט

השי״ת פאַר דעם טויזנטער, וואָס איז מיר צוגעשיקט געוואָרן צו דער ריכטיקער צייט.

ווי נאָר איך האָב אהיימגעברענגט די קלינגערס, האָט מיך מיין יידענע אַ פרעג געטון:

— פישעלע, וואָס רעכנסטו צו טון מיט דעם קאַפּיטאַל?

— זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז!... אפשר ווידער מאַכן אַ שטיקל קראָם?

— קרום, שמום, — האָט זי געזאָגט, — איך וויל נישט ליגן ס׳לעבעדיקע אויפן טויטן, פאַרשטאַנען?

— נו, וואָס איז דיין עצה?

— מיין עצה איז, מ׳זאָל פאַר דעם געלט זיך דינגען אַ לייטישע דירה. אַ דירה מיט וויגאָדעס.

— נו, זאָל זיין אַזוי, — האָב איך מסכים געווען מיט מיין ווייבס פאָרשלאָג. כ׳האָב געדונגען אַ דירה מיט אַלע וויגאָדעס, און דאָ הייבט זיך אָן דאָס ריכטיקע.

באַלד דעם ערשטן טאָג קומט צו מיר צו גאַסט מיין ווייבס עלטער־פעטער, הערש לייזער.

— מזל־טוב דיר, פישעלע! כ׳האָב געהערט, אַז דו האָסט אַ דירה מיט „באַקוועמלעכקייט״, בין איך טאַקע געקומען דיר ווינטשן מזל־טוב און אין איין וועג...

— וואָס אין איין וועג? וואָס מיינט דער פעטער?

— דו ווייסט דאָך, פישעלע, אַז איך לייד, נישט פאַר דיר געדאַכט, אויף דער יידישער קרענק... נו, בין איך טאַקע געקומען אויסנוצן דיין באַקוועמלעכקייט...

ווי דער פעטער הערש לייזער איז אַרויס, קומט אַריין מיין מומעביילע מיטן פעטער נטע, צוזאַמען מיט זייער ביסל קליינוואַרג. אַלע זענען זיי אַריין מיט די קאַלאָשן גלייך אין שלאָףצימער, און נאָכן באַקוקן די וויגאָדעס, זאָגט צו מיר די מומע:

— פישעלע, דו ווייסט כאָטש, וועגן וואָס מיר זענען געקומען?

— וועגן וואָס?

— מיר האָבן געהערט, אַז דו האָסט אַ „קאַמפּיעלוווקע״,

האָבן מיר זיך איבערלייגט: צו וואָס אויסגעבן בחנם געלט? צו וואָס זאָל דער פעטער ערשט גיין אין דער מקוה אריין? און איך? און די קינדער? צו וואָס אַרויסוואַרפן געלט? זענען מיר געקומען אַהער זיך אויסבאָדן — בין איך גערעכט?

— אוודאי גערעכט! צו וואָס אַרויסוואַרפן געלט? — אַזוי האָב איך געענטפערט, און אין הארצן האָב איך מיר געטראַכט: — אַ חוצפה און אַ העזה דאָס האָט זיך! קומען מיט אַזאַ כאַליאַסטרע זיך באָדן, אין דער צייט, ווען איך אַליין ווייס נאָך נישט דעם טעם פון דעם אייגענעם באָד־צימער!

נאָר פאַרפאַלן, זיי זענען דאָך שוין דאָ. כ׳וועל זיי דאָך נישט אַרויסוואַרפן. האָבן זיי זיך אַ נעם געטון צו דער ״קאָמפּיעלווּוקע״. די מומע האָט געהייצט דעם אויוון, דער פעטער האָט אַריינגעלאָזן וואַרעם וואַסער אין דער וואַנע, חברה קליינוואַרג האָט זיך אויסגעטון, איינער אין עס־צימער, דער צווייטער אין שלאָף־צימער, דער דריטער אין קאָרידאָר. אַלע בענקלעך זענען געווען באַלייגט מיט הויזן, גאַטקעס, העמדער, שיך און זאָקן. די מומע האָט זיך געפּאָרעט ביי דער וואַנע, חברה האָט געפּלעסטשעט אין וואַסער און דערביי געמאַכט געוואַלטן:

— מאַמעשי, ס׳ברימ!

— דריי צו דעם קראַן!

— גיס צו קאַלט וואַסער!

נאָך דעם קליינוואַרג איז די מומע אַליין געגאַנגען „סקאָזשישטשען״ פון דעם געהייצטן קעסל, און נאָך דער מומען, איז אַריין דער פעטער. האָט זיך דער פעטער מחיה געווען און כסדר געקרעכצט פון נחת:

— איי... ס׳איז גוט!...

— איי... ס׳איז ווויל!...

— איי... איי... אַ שונא זאָל נישט וויסן פון דעם טעם!... מיינט איר, אַז איר זענט שוין פאַרטיק? חס וחלילה! נאָך דער באָד, זענען זיי אַרויס רויט, ווי פריש־אָפּגעשיילטע בוראַקעס. די פּאַרע האָט פון זיי געזעצט, ווי פון אַ לאָקאָמאָטיוו אַרויס און צום סוף זאָגט די מומע:

— פּישעלע, ווו וועט מען אונז לייגן שלאָפֿן? נאָך דער באָד וועלן מיר דאָך נישט גיין אויף דער גאַס אַרויס. מ'קאָן זיך דאָך נאָך חלילה צוקילן. דער זייגער איז שוין נאָך עלף... ערשט גיין קלינגען ביים טויער...

— אודאי איז די מומע געדעכט! נאָך אַ באָד גיין אין גאַס אַריין — מ'קאָן זיך דאָך נאָך חלילה פאַרקילן... — אַזוי האָב איך געזאָגט. און געטראַכט האָב איך מיר:

— אַן אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ! וויניק, וואָס זיי האָבן די וווינונג אין אַ שוויץ־באָד פאַרוואַנדלט, וויניק, וואָס זיי האָבן מיר אויסגעבריטנט אַ קערץ קוילן און פאַרפלייצט די וווינונג, — גיי מאַך זיי נאָך אַ האָטעל אויך!

נאָר פאַרפאַלן. זיי זענען דאָך שוין דאָ... האָבן זיי זיך צע־לייגט. דער פעטער אין איין בעט, די מומע — אין צווייטן בעט. דער חברה קליינוואַרג האָט מען אויך געמאַכט געלעגערס. צוויי אויף דער קאַנאַפּע, צוויי — אויסגעבעט אויף שטולן. יעדן גע־געבן וויעטשערע, און אין דער פרי פרישטיק, און קוים מיט צרות פּטור געוואָרן די געסט.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר געהאַט אַ נייעם גאַסט: די קו־זינקע פייגעלע... אַזוי ווי זי האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר האָבן אַ דירה מיט „ווישעלקע וויגאָדעס", איז זי געקומען אָפּבאַקן אַ קוכן אויף שבת אין דער בראַט־רער.

האָט זי זיך געבעטן מעל, און דאָס איבעריקע זאָל איר מיין ווייב צוגעבן. האָט מיין ווייבל איר געגעבן הייוון, אייער צוקער און שאר ירקות. די קוזינקע האָט אַריינגערוקט דעם קוכן אין דער בראַט־רער אַריין און אַליין זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן, ביז דער קוכן וועט זיין אָפּגעבאַקן.

נו, ווי לאָזט מען עס זיצן אַ קוזינקע צוויי שעה אויף טרוקן? האָט מיין ווייב איר דערווייל געגעבן צו פאַרזוכן אַביסל ווישניאַק, אַביסל באַדיאַנקעס, אַ פּאָמעראַנץ און אַביסל צוקער־וואַרג. די קוזינקע האָט זיך באַלעקט, און בינו לבינו איז דער־וויל דער קוכן... פאַרברענט געוואָרן אויף קויל.

האָט די קוזינע אַ טענה צו מיין ווייב:

— וואַשנע פּאָזשאַנדקעס! וואַשנע וויגאַדעס! ביים בעקער היט מען אָפּ, ס'זאָל נישט פאַרברענט ווערן.

האָט מיין ווייבל געזען, אַז זי איז כשר גערעכט, האָט זי איר באַצאָלט דעם היזק און די קוזינקע איז אַוועק אַ ברוגזע.

נו, פרעג איך אייך, האָב איך דאָס נויטיק געדאַרפט? האָב איך געדאַרפט דעם געווינס? האָב איך נויטיק געדאַרפט אַ דירה מיט וויגאַדעס? נאָך איין מזל, וואָס ס'איז מיר אַרויס אַ טויזנ־טער, וואָס וואָלט איך געטון, ווען ס'גייט מיר טאַקע אַרויס דער מיליאָן? — איך וואָלט דאָך געווען אומגליקלעך!...

אַן עצה דעם קעניג פון אַביסיניע

איר זעט, רבותי, ווי שוואַרץ איך בין? איר ווייסט, פון וואַ־נען איך קום? פון אַביסיניע קום איך!

ווי קום איך קיין אַביסיניע? וואָס פאַר אַ געשעפטן האָב איך מיט די שוואַרצע מענטשן? אויב איר זענט טשעקאַווע, וועל איך אייך דערציילן:

לייענענדיק אין דער פרעסע, אַז די אַביסיניער שטאַמען פון שלמה המלך, און אַז זייער עלטער־באָבע איז געווען די מלכה שבא, האָב איך באַשלאָסן מיך אַראָפּצוכאַפּן קיין אַביסיניע אַ קוק טון, וואָס עס הערט זיך דאָרט ביי אונזערע שוואַרצע ברידער. און אַגב, האָב איך געוואָלט אַ קוק טון, ווי ס'זעט אויס דער יידישער מלך. וואָס ס'הערט זיך עפּעס אין דער שוואַרצער מלוכה, ווי ס'גייען דאָרט די געשעפטן. אפשר לאָזט זיך עפּעס מאַכן, אפשר וועט מען קענען פאַרדינען אַ פּאָר זלאָטעס. אפשר קאָן מען נאָך דאָרט כאַפּן אַ גמילות־חסדל.

נאָך מער האָט מיך געצויגן קיין אַביסיניע, ווען כ'האָב מיך דערוווּסט, אַז מוסאָליני האָט גרויסע אויגן אויף שלמה המלכס אייניקלעך. האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן די מעשה און האָב באַ־שלאָסן צו פאָרן קיין אַביסיניע.

האָב איך אָנגעטון די שבתדיקע קאַפּאָטע, פאַרקעמט די באָרד, אויסגעפוצט די שטיוול, איינגעפּאַקט דעם טלית און תפילין, גענומען די וואַליזקע און געזאָגט צו מיין ווייב:

— זיי געזונט, יענטעלע!

— וווּהין פאָרסטו? — האָט מיך געפרעגט מיין יידענע.
— ווייט, אויף אַ ווייטער נסיעה.
— קיין נער?
— אַך, ווי פאַלסטו אויס?
— קיין ווארשע?
— נאָך ווייטער.
— ווּ ווייטער? נאָך ווייטער פון ווארשע?
— קיין אַביסיניע פאָר איך!
— ווּ געפינט זיך די שטאָט? — האָט מיין יידענע גע־פרעגט.

— דאָס איז נישט קיין שטאָט, דאָס איז אַ מדינה.
— ווּ געפינט זיך די מדינה?
— צו די שווארצע מענטשן פאָר איך, — האָב איך גע־ענטפערט.

— וואָס? ביזט משוגע, צי חסר דעה? צו די שווארצע מענטשן גאָר? צו די ווילדע, וואָס עסן מענטשן? זיי וועלן דאָך דיך איינשלינגען, ווי אַ ראָל־מאָפּס?

האָב איך מיך אויסגעלאַכט:

— זיי נישט קיין יידענע. דו ווייסט נישט, ווער זיי זענען, די אַביסיניער? זיי זענען דאָך שלמה המלכס אייניקלעך. זייער עלטער־באָבע איז דאָך געווען די מלכה שבא.

— זאָל זיין אזוי, — האָט זי געזאָגט, — אָבער צו וואָס דאַרף מען דיך דאָרט? האָסט נישט קיין בעסערע געשעפטן, נאָר צו פאָרן צו די שווארצע?

— כ׳מוז זיי ראַטעווען, זיי געפינען זיך אין אַן עת צרה. מ׳גייט זיי באַראַבעווען, נו, האָב איך פאַר דעם שווארצן קייסער אַן עצה, ווי אַזוי זיך ארויסצודרייען פון דעם עסק.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, — האָט מיין יידענע ווייטער געזאָגט, — פאַר דיר האָסטו שוין אויסגעזאָרגט, וואָס דו גייסט זאָרגן פאַר די שווארצע מענטשן?

האָב איך דאָך געזען, אַז זי פאַרשטייט נישט, וועגן וואָס

ס'האַנדלט זיך, האָב איך אַ קוש געטון די מזוזה, זיך געזעגנט מיט פרוי און קינדער, און געפאָרן קיין אַביסיניע.

בין איך געפאָרן און געפאָרן, האָב מיר פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי איך וועל רעדן מיטן שוואַרצן קייסער, וואָס איז שלמה המלכס אייניקל, ווי ער וועט זיך פרייען מיט מיין עצה.

פלוצים, ווי איך זיץ און טראַכט, הער איך, ווי דער קאָנ־דוקטאָר שרייט אויס:

— „סטאַציאַ אַדיס אַבעבאַ"!

דערהערט, אַז איך בין שוין אין אַביסיניע, האָב איך אַ כאַפּ געטון דעם טלית־זאַק און די וואַליזקע און מיך געלאָזט אין שטאָט אַריין.

אַראָפּגייענדיק פון דער באַן, האָב איך מיך באַלד איבער־צייגט, אַז איך געפין מיך אין אַ יידישער מדינה, — די מאַנס־לייט זענען שוואַרץ, מסתמא זענען זיי געוועזן אויף דער פּליאַזשע; די ווייבער גייען אַרום נאַקעט און באָרוועס, פונקט ווי אונזערע ווייבלעך אויף אַ באַל „נאַ צעל דאָבראָטשינני". זיי רעדן מיט די הענט — יידלעך מיטן קנאַק!

בין איך געגאַנגען איבער די גאַסן פון אַדיס־אַבעבאַ און גע־טראַכט: ווי קומט מען אַריין צום קייסער? עפּעס אַ קלייניקייט, אַ קייסער? אַ קייסער איז דאָך קיין מענטש ניש־ט! פאַרטיפט אין מיינע מחשבות, בין איך צוגעקומען צום קייזערלעכן פּאַלאַץ. דאָ איז מיר ליכטיק געוואָרן פאַר די אויגן. ווייסט איר, וואָס כ'האָב געזען? כ'האָב געזען די קייזערלעכע וואַך. צוויי זעלנער מיט שוואַרצע בערדלעך, ווי אַלעקסאַנדערער חסידים, להבדיל. זעענ־דיק די זעלנער מיט ביקסן, בין איך גלייך צוגעגאַנגען, ווי צו אנשי שלומנו, און זיי אַריינגערוקט אַ ברייטן שלום־עליכם. און אין עטלעכע מינוט שפּעטער בין איך שוין געווען ביים קייסער אַליין.

— ווער ביזטו? — האָט מיך דער קייסער געפרעגט.

האָב איך מיך פאַרנייגט און געענטפערט:

— אדוני נעגוס, איך בין דיינער אַ נאָענטער קרוב.

— ווער ביזטו? — האָט מיך דער קייסער געפרעגט.

— איך בין אַברהם אָבינוס אַן אייניקל און דו, אדוני קע־ניג, ביזט שלמה המלכס אַן אייניקל. מיר זענען ביידע גאָר נאָענטע קרובים. איך בין אויף צרות און דו ביזט אויך אויף צרות. איז אַזוי ווי מיר זענען אי קרובים, אי אַחים לצרה, בין איך מיך געקומען מיט דיר אַביסל אַדורכשמועסן.

האָט זיך דער קייסער שטאַרק דערפרייט. ער האָט מיר דער־לאַנגט אַ שמעק־טאַבעק, ער האָט גענאָסן און איך האָב אים צו־געווינטשן:

— לאַנג לעבן זאָלסטו, גרויסער קעניג היילי סעלאַסי.

און מיר האָבן גענומען שמועסן.

— וואָס הערט זיך עפּעס ביי דיר? — האָט מיך דער קע־ניג געפרעגט.

— אַזוי. און ביי דיר וואָס הערט זיך? — האָב איך גע־פרעגט.

— ביי מיר איז נישט פריילעך, ס'איז ביטער, — האָט דער קעניג געזיפצט.

— וואָס זיפצסטו, קעניג? אין דער קעניג־בראַנזשע הערשט אויך אַ קריזיס? — האָב איך געפרעגט דעם הערשער פון אַבי־סיניע.

האָט דער קעניג זיך צוגערוקט נענטער און גענומען דער־ציילן, וואָס אים קוועטשט.

— זאָלסט וויסן זיין, קרוב מיינער, אַז מ'וויל מיר צונעמען מיין גאַנצן מאַיאָנטעק, ב'גראַנדע וויל מען פאַרכאַפּן מיין מדינה. דער איטאַליענער האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר. גיב אַן עצה, קרוב. וואָס טוט מען?

האָב איך אויסגעהערט די רייד פון קעניג און געזאָגט:

— אדוני קעניג, איך האָב פאַר דיר אַן עצה.

— דהיינו? — האָט דער קעניג געפרעגט.

— הער מיך אויס: איך בין אַ לאָדזער. ביי אונז, אין לאָדז, פירט זיך אַזוי: אַ פאַבריקאַנט דרייט אַ רעדל, בויט פאַבריקן, קויפט מאַשינען, קויפט רוי־שטאָפן, אַרבעט אויס סחורה, שטעלט אויס וועקסלען, נעמט וועקסלען. מאַכט טראַנזאַקציעס, שליסט

אָפּמאַכן, פּאַרט אין אייגענע סאַמאַכאָדן. ביי אונז, אין לאָדז, זע־נען פאַראַן פאַרשידענע קעניגן: וואָל־קעניג,ביינוול־קעניג, שטרייכגאַרן־קעניג און אַנדערע „קעניגן".

פירן זיך די לאָדזער „קעניגן" אַזוי: אַזוי לאַנג, ווי דער הולך ילכט, אַזוי לאַנג, ווי ס'גייט אַלץ כשורה, איז גוט, טאָמער דרייט זיך אָבער איבער ס'רעדל, די וועקסלען קומען צוריק מיט „פּלאַכטעס", דער קאָמאָרניק נעמט קלעבן שיר־המעלותלעך, — מאָ וואָס טוט דעמאָלט דער לאָדזער „קעניג"? אַ קלייניקייט: ער שרייבט איבער ס'געשעפט אויף אַ פרעמדן נאָמען און דערנאָך קאָן מען אים רעדן צום קוימען...

דערהערט די מעשה, האָבן ביים נעגוס געגומען פינקלען די אויגן, האָט מיך ווידער מכבד געווען מיט אַ שמעק־טאַבעק. איך האָב גענאָסן און דער קעניג האָט מיר צוגעווינטשן: „לאַנג לעבן זאָלסטו". און דערביי האָט ער אַ פרייליכער געזאָגט:

— ליבער קרוב מיינער, דו האָסט מיך געראַטעוועט! איך פאַרשטיי, וואָס דו מיינסט. דו מיינסט, אַז איך זאָל מיין „קרעמל", מיין מדינה, הייסט עס, איבערשרייבן אויף אַ פרעמדן נאָמען?

— אָט, אָט, דאָס מיין איך טאַקע. פאַרשרייבן דאָס „קרעמל" אויף אַ פרעמדן נאָמען און זאָל דער איטאַליענער דיר רעדן צום דאַשעק.

— יאָ, דו ביזט גערעכט! — האָט מיר דער קעניג אַ קלאַפּ געטון אויף דער פּלייצע. — דו ביזט אַ געניאַלער מענטש, אַ חכם ביזטו. איך גיי שוין פאַרשרייבן מיין קרעמל אויף אַ פרעמדן נאָ־מען און באַסטאַ!...

איך האָב דעם נעגוס געגעבן אַ קלוגע עצה. אי, מיין עצה האָט נישט געהאָלפן, דאָס בין איך נישט שולדיק. שולדיק איז — די פעלקער־ליגע...

ווען אַ באַוויבטער חתנט זיך!...

דערלויבט איך פאָרצושטעלן דעם העלד פון דער געשיכטע.
יעמוד, הבחור, החתן, זרחל קראַדניק!

ווער קען אים נישט? זרחל איז אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין לאָדז. אמת, אין די סוחרישע קרייזן קען מען אים נישט. אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן אויך נישט. דערפאַר איז ער זייער פּאָפּולער ביי די היגע שדכנים און ביים „שיינעם געשלעכט", ביי די כלה־מיידלעך, גרושות, אלמנות א. ד. גל.

אין וואָס באַשטייט זיין פּאָפּולאַריטעט? פּאָפּולער איז ער מיט זיין „פאַך". זיין „ספּעציאַליטעט" באַשטייט אין שדכנען זיך צו מיידלעך, גרושות, אלמנות. נעמען „האַנט־געלט" און פאַר דער חתונה זיך אַרויסדרייען פון געשעפט.

און וויסן דאַרפט איר, אַז דאָס טוט ער חלילה נישט פון ווילטאָג, נאָר פּשוט כדי צו דערנערן זיין... ווייב און קינדער. אַלע געשעפטן ליגן אָרצה, האָט ער זיך גענומען צו אַ זיכער געשעפטל, צו אַ געשעפט, וואָס ווערט נישט באַקעמפט פון די אַנטיסעמיטן; אַ געשעפט, וואָס ווערט לע"ע נישט פּיקעטירט פון פּיקעטניקעס.

דאָס געשעפטל גייט אים גלענצנד. ער מאַכט אַ לעבן, האַלט אוים אַ שטוב, דאָס ווייב פאָרט אין די בעדער. עס פעלט איר נישט פון פויגל־מילך. די קינדער לערנען אין גימנאַזיע, און ער אַליין לעבט זיך אָפּ אַ לאַכטיק לעבן.

ווען איר קוקט אים אָן, איז ער אויסגעפּוצט. טראָגט די נייעסטע, מאָדערנסטע אַנצוגן, די עלעגאַנטסטע קראַוואַטן, אייביק

איז ער פריש ראַזירט, פּאַרפומירט, די האָר פּאַרקעמט מיט אַ ווייסן „פּזשעדזשאַל״, די הויזן פריש געפּרעסט מיטן קנייטש, זעט איר אים אין גאַס מיט דעם האַרטן בּעכער אויפן קאָפּ, איין געלע לעדערנע הענטשקע אָנגעטון אויף דער לינקער האַנט, און די צווייטע האַנט אַנטבּלויזט, כּדי מ׳זאָל זען דעם בּריליאַנטענעם רינג, וואָס טשוויטשעט אַראָפּ פון מיטלסטן פינגער. זעט איר אים אין גאַס אין דעם הולך, וואָלט איר געשווירן, אַז ער איז ראָט־שילדס אַ גליד־געשוועסטערקינד...

איצט, אַז איר האָט זיך שוין מער־ווייניקער בּאַקענט מיט זרחלען, וועלן מיר אייך דערציילן, ווי אַזוי ער פירט דאָס געשעפט, ווי אַזוי ער ווערט אַ חתן, און ווי אַזוי ער דרייט זיך אַרויס פון געשעפט.

זרחל האָט אַרום זיך אַ שטאַב שדכנים, וואָס שטעלן אים צו סחורה. דערטאַפּט ער ערגעץ אַ בּאַיאָרטע פּאַננע מיט אַ פעטן נדן, אַ גרושה מיט אַ קניפּל, אָדער אַ „טיפּבּאַטריבּטע״ אַלמנה מיט אַ ירושה, שיקט ער בּאַלד זיינעם אַ שדכן אַ טאַפּ טון דעם דופק. ער שטעלט פאָר דעם חתן־בּחור:

— כ׳האָבּ פאַר איהן אַ בּחור אַ צאַצקע. שיין, ווי די זון אין הימל, קלוג, ווי אַ מיניסטער, סטראַשנע געבּילדעט, אַ צינגל אויף שרויפן, געלט, ווי מיסט, אַ גאָלדענער פּאַרדינער, אַ בּחור — אַן אתרוגל, אַ הדר — נאָר אַ בּרכה צו מאַכן!...

די ערשטע „ספּאָטקאַניע״ איז אין דער צוקערניע. ער קומט אויסגעפּיאָקעט, ווי אַ גראַף. אַן עלעגאַנטן וויזיטאָווע אַנצוג. די הויזן פריש געפּרעסט מיטן קנייטש. פריש אָפּראַזירט. די האָר פּאַרקעמט מיט אַ „פּזשעדזשאַל״. אַ נייעם „שטיוונִיאַק״ אויפן קאָפּ. דער שדכן פירט צוזאַמען דאָס פּאָרל, זרחל פּאַרנייגט זיך. ציט לאַנגזאַם איר הענטל צו זיינע ליפּן. גיט — מעשה דזשענטעלמען — אַ לייכטן קוש, שטעלט זיך פאָר:

— זיגמונד קראַדזשינסקי.

די כּלה גיט אַ קוק אויף דעם „לאָרד״, ווערט בּיי איר אָפּ־גענומען דאָס לשון. אַזאַ מחבּל, אַזעלכע שוואַרצע שליפעס, אַזאַ געדיכטע שוואַרצע טשופּרינע, ווי אַ געדיכטער וואַלד... אַזעלכע

געזונטע הענט. ברייטע פּלייצעס — אַ ריז!... און איצט זיין עלע־גאַנץ זיין, „אָבעישטשע'', זיין האַלטן זיך. אַ געבוירענער אַריסטאָ־קראַט... און דער עיקר — דער בריליאַנט, וואָס טשוויטשעט פון פינגער!...

זרחל באַמערקט דאָס און נעמט געבן לשון. ער האָט אויף פאַרשידענע שפּראַכן: רעדט „פּאָ פּאָלסקו'', שפּריכט דויטש, כפּיקט ענגליש, פראַנצויזיש, ער פאַרשעמט אַפילו נישט — העב־רעיש. פון יעדער שפּראַך רעדט ער עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט „נאַ פּאַמיענטש''. שיט מיט וויצן פון די נייעסטע קאַלענדאַרן, דערביי שפּיזט ער זי אַדורך מיט זיינע שפּי־ציקע, שוואַרצע פייערדיקע אויגן. די כלה זיצט, ווי אַ געליימטע. עס קלאַפּט ביי איר דאָס האַרץ פון פרייד, דאָס בלוט שלאָגט איר אין קאָפּ אַריין. דאָס פּנים פלאַמט. זי איז אינגאַנצן צעחושט פון דער איבעראַשונג. נאָך דער ערשטער „ספּאַטקאַניע'', זאַפּראָשעט ער זי אין קינאָ, וווּ ער באַווייזט זיינע בקיאות אין פילם. זאָגט מבינות אויף די אַרטיסטן. רעכנט אויס דעם יחוס פון יעדן אַר־טיסט, פון יעדער אַרטיסטקע, רעדט וועגן שפּיל, רעזשי. זיצט אין קינאָ „גזשעטשנע'', נישט ווי אַנדערע בחורים, וואָס פּאָזוואָליען זיך צו סקאָזשישטשען פון דער קינאָ־פינסטערניש... זרחל האַלט זיך אָנשטענדיק, ווי עס פּאַסט פאַר אַן עלעגאַנטן חתן־בחור...

נאָך דעם ערשטן אָוונט האָט די כלה שלאָפלאָזע נעכט. זי קאָן נעבעך קיין אויג נישט צוטון. און טאָמער כאַפּט זי יאָ אַ דרימל, זעט זי איר באַשערטן, דעם עלעגאַנט מיט דער פּעך־שוואַרצער טשופּרינע, מיטן ווייסן פּושעדזשאַל, די ברענענדיקע שליפּיעס און ווייסע ציין, די געזונטע הענט און ברייטע פּלייצעס. זי הערט זיינע זיסע רייד אויף פאַרשידענע שפּראַכן, זי זעט דעם... בריליאַנטענעם רינג, וואָס טשוויטשעט פון זיין פינגער.

וואָס ווייטער? ווייטער גייט עס שוין, ווי געשמירט: נאָך אַ וואָך צייט איז אַ וואָרט, אין אַ חודש אַרום שרייבט מען תנאים. אַ חודש נאָך דעם נעמט זרחל די ערשטע „קאָנטאָ''. דריי חדשים נאָך די תנאים — די צווייטע „קאָנטאָ'', און אַז ס'קומט פאַרן זמן־חתונה, מאַכט ער אַ קונץ, און ער גייט פּליטה.

אזוי אַרבעט זרח אָפּ יעדע וואָך אַן אַנדער געשעפטל; אין משך פון יאָר „וויקלט" ער אָפּ אַ צען, צוועלף געשעפטלעך. בײַ יעדער כלה האָט ער אַן אַנדערן נאָמען, — אַמאָל איז ער אַ „פּזשעדסטאַוויטשעל" פון אַמעריקאַנער בראָך־גאַרטלען, אַמאָל אַן אַגענט פון פראַנצויזקע טערפּענטין, אַ פאַבריקאַנט פון וואַנצן־פּראָשעק, און דאָס אַלץ טוט ער חס־ושלום נישט פון ווילטאָג, נאָר — ווי שוין געזאָגט — פון פּרנסה־וועגן, כדי מפרנס צו זיין ווייב און קינדער...

אָבער דאָס קריגל גייט אַזוי לאַנג צום וואַסער, ביז דאָס אויער רייסט זיך אָפּ. און אויך בײַ אונזער זרחלען האָט זיך אָפּ־געריסן. ער האָט נעבעך געליטן אַ מיאוסע מפּלה. געשען איז עס טאַקע דעם פּסח. הערט, רבותי, וואָס ער, זרחל אַליין, דערציילט:

— דעם לעצטן מאָל בין איך געווען זאַפּראָשעט צו מיינער אַ כלה, בײַ וועלכער איך האָב שוין געהאַט געגומען צוויי „קאָנ־טעס", בין איך, ווי תמיד, געגאַנגען נעמען די דריטע „קאָנטע", און גלייכצייטיק מאַכן די קונץ, אַרויסדרייען זיך פון „מאַס־מאַטן". די כלה האָט געשטראַלט פון פרייד, דער מחותן איז גע־ווען איבערגליקלעך, די מחותנתטע האָט זיך געפּאָרעט. די כלה האָט זאַפּראָשעט אירע קאָלעזשאַנקעס, איך האָב געמאַכט „אָטש־קעס" צו די „קאָלעזשאַנקעס". מ'האָט מיך געשטאָפּט, ווי אַ שטאָפּ־גאַנז! — ס'איז געווען ליהודים...

האָט דער מחותן מיט מיר גענומען רעדן מכוח אַכצן און דרייצן, וועגן זמן־חתונה הייסט עס. האָב איך געזען, אַז איצט איז די בעסטע צייט אויף צו מאַכן די קונץ, האָב גענומען זוכן אַ וועג צו גיין פּליטה. אָבער דאָס מאָל האָבן אַלע מיינע קונצן נישט געלונגען. דער מחותן האָט מיר אַלע וועגן פאַרשטעלט. האָב איך געזען, אַז ס'איז ביטער, האָב איך גענומען זוכן פאַרשידענע טריקן.

— מחותן, — האָב איך געזאָגט, — איך מוז אייך זאָגן... עס האַלט פאַר דער חתונה... וויל איך, אַז איר זאָלט וויסן...

— וואָס אַזוינס? — האָט דער מחותן געפרעגט.

— אַז... אַז... איך בין קראַנק!

— קראַנק? באַ... נאַרישקייטן. ס׳וועט דיר בעסער ווערן.

— אָבער מחותן... דאָס איז אַ... פּאַסקודנע קרענק... איך לייד אויף אַ „מענסקע חולאת״ ר״ל...

— נו, מילא, נעם דיך נישט איבער, דו ביזט נישט איין און איינציק... היינטיקע צייטן לײַדן אַ סך בחורים אויף דער מחלה, פונדעסטוועגן האָבן זיי חתונה. ס׳איז נישט קיין אומגליק!...

האָב איך דאָך געזען, אַז ס׳איז ביטער, האָב איך ווייטער גענומען שטאַמלען:

— אָבער מחותן...

— וואָס אָבער?...

— איך האָב אַ פּלעק אין דער משפּחה...

— אַ פּלעק אין דער משפּחה? וואָס פאַר אַ פּלעק?

— מיינע אַ שוועסטער...

— וואָס איז געשען מיט דיין שוועסטער?

— אַ... משומדת... האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט אַ נאַכט־סטרוזש...

— דאָס איז אַלץ? אַבי כ׳האָב געמיינט, ווער ווייסט וואָס!... קיינער איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון זיין משפּחה. זאָל זי זיין דיין כפּרה, דיין כלהס כפּרה, און אונזער אַלעמענס כפּרה!...

— אַ, שלעכט! אַ ביטערע מעשה מיט דעם פּאַרשוין, ער באַשטייט אויף אַלעם. וואָס טוט מען? ווי דרייט מען זיך פּאָרט אַרויס פון דער בלאָטע? האָב איך געפּרוּווט נאָך אַ מיטל:

— מחותן, אָבער...

— וואָס ווידער פאַר אַן אָבער?

— איך מוז אייך זאָגן אַ שרעקלעכע זאַך, אַ טרויעריקן סוד. אַ ביטערן סוד.

— וואָס אַ שטייגער?

— איך... איך... איך בין אַ ממזר!...

— אַ ממזר? וואָס רעדסטו! — אַ ממזר גאָר? דאָס איז אַ שרעקלעכע זאַך.

האָב איך געזען, אַז דאָס האָט אים שוין גערירט, האָב איך גענומען ווייטער רעדן מיט אַ גערדריקטער שטימע, ווי די טרערן וואָלטן מיך געשטיקט:

— יאָ... אַ ממזר... אַן אונטערגעוואָרפן קינד... דערצויגן געוואָרן אין אַ פּריוט. כ׳ווייס נישט, ווער ס׳איז מיין מאַמע... ווער מיין טאַטע — אַ ממזר בין איך, מחותן!...

נאָך אַ ווײַלע שווייגן, האָט דער מחותן מיך גענומען טרייסטן:

— מילא, פאַרפאַלן, נעם דיך נישט איבער, טייערינקער, עס טרעפט פאַרשידנס אין לעבן. אָבער וואָס ביזטו פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דיינע עלטערנס זינד?... מ׳האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן. איך קען אַ סך ממזרים, וואָס זענען היינט שיינע יידן, גבירים, עסקנים, גאַנצע רעדל־פירערס. נעם דיך נישט איבער, טייערינקער. וועסט חתונה האָבן, און אַלץ וועט זיך אויסהיילן!...

— אַ שלאַק האָט מיך געטראָפן!... די „באָמבע״ האָט אים שוין נישט גערירט, איז בימער! אויב דער „זאַשטשיק״ האָט נישט געווירקט, בין איך מיאוס אין פּעקל! וואָס טוט מען ווייטער? איצט, האָב איך געטראַכט, מוז מען אָנווענדן דאָס לעצטע מיטל:

— מחותן, אָבער...

— האָסט נאָך אַן אָבער?

— יאָ, מחותן, נאָך אַן אָבער. גאָר אַ וואַזשנעם אָבער.

— וואָס?

— איך... איך... איך בין אַ באַווייבטער!... איך האָב... אַ ווייב מיט קינדער!...

* *

*

וואָס ווייטער איז געווען, געדענק איך נישט. איך ווייס נאָר איינס, אַז ווען איך בין געקומען צום באַוווּסטזיין, בין איך גע־לעגן ביי מיר אין בעט, דעם קאָפּ פאַרבאַנדאַזשירט, מיט אַ גע־

גיפּסטער האַנט, אָן איי זצאָן אין מויל. איר זעט, ווי איך זע אוים? אין וואָס פאַר אַ מעמד איך געפין מיך? אָט גייט טאַקע דער דאָקטאָר מיר מאַכן אַן אָפּאַטרונעק...

— יאָ, מיינע ליבע, — האָט זרחל קראַדניק פאַרענדיקט זיין דערציילונג, — אָט־אָ דאָס איז דער סוף, ווען אַ באַווייבטער חתנט זיך!...

דער הייליקער סילוועסטער...

סילוועסטער איז אַ גרויסער יום־טוב, וואָס יידן האָבן „פאַר־כאַפּט" בײַ די גויים. איצט איז שוין סילוועסטער אַ „ריין־יידי־שער" יום־טוב. סילוועסטער ווערן איינגעאָרדנט יידישע בעלער, יידן כאַפּן „טישלעך" אין צוקערניעס, אַנדערע פּראַוון דעם יום־טוב סילוועסטער פּריוואַט, מ'לייגט זיך צוזאַמען, מ'מאַכט אַ „סקלאַדקע", אַ „ניעמיעצקע פונדע", הייסט עס, מ'שטעלט אויף דעם גראַמאָפאָן, מ'טרינקט אַביסל סינאַלקע און מ'מאַכט זיך שיכור — און יוצא!...

יאָ, סילוועסטער איז אַ גרויסער, גאָר אַ גרויסער יום־טוב; ווער שמועסט בײַ מיין יידענע, בײַ מיין כאַוואַטשעלען, בײַ איר איז סילוועסטער אַ „הייליקייט", זי גרייט זיך צום סילוועסטער, ווי דער כהן גדול צו דער עבודה. אַ חודש פריער הייבט זי זיך אָן צוצוגרייטן. זי „פּאָראַדזשעט" זיך מיט דער שניידערין וועגן אַ קליידל אויפן סילוועסטער־באַל, שטודירט דעם מאָדע־זשורנאַל, ווי אַזוי דאָס סילוועסטער־קלייד זאָל זיין געמאַכט, אַז ס'זאָל זיין עפּעס אַ „צוש", זי זאָל „קרולעווען", און אַלע קאָלעזשאַנקעס אויפן באַל זאָלן זאַצן און פּלאַצן פון „זאַזדראָשטש"... דערפאַר איז סילוועסטער אַ גרויסער, אַ הייליקער יום־טוב. די חגאות־צייט איז זי שוין אינגאַנצן אַ צעשרויפטע, זי איז „ראָזסטראָיעט", — נישט זי עסט, נישט זי שלאָפט, נישט זי קאָכט אָפּ אַ מיטאָג. קאָכט זי יאָ, איז דאָס מיטאָג קיין מיטאָג נישט: די זופּ איז פאַר־ברענט און ס'פלייש זאַלצט זי אויס... מיט סאָדע. קאָכט זי אַ יויך,

ווערט דערפון אַן איינקאָכעכץ. די שטוב איז קיין שטוב נישט. קינדער זענען קיין קינדער נישט און דער מאַן איז סתם אויף צרות. קומט דער 31-טער דעצעמבער, איז אַ גהינום אין שטוב. פון באַגינען אָן שטייט זי ביים שפּיגל און מעסט זיך קליידער, סטעגגעס, בלימלעך, קלאַמערקעס, לעטשלעך, זאָקן; מעסט אַ קלייד מיט אַ „טרען" און אַ קלייד אָן אַ „טרען", מיט אַ דעקאָלט פון פאָרנט און אַ דעקאָלט פון הינטן, אויף די פּלייצעס. פון מיטאָג אָן זיצט זי ביים פריזירער, קומט זי אַהיים אין אָוונט מיט אַ געלן קאָפּ „ליאָטשקעס", מיט „רורקעס" אויפן קאָרק. דערנאָך גייט אַ סדרה מאַניקור, די נעגל רויט, ווי זיי וואָלטן געווען איינגע-שמירט מיט פּסחדיקן באָרשט. און אַז אַלץ איז שוין פאַרטיק, נעמט זי זיך צו דער „מאַלעריי": די באַקן — רויט, די נאָז — ווייס, די ברעמען — שוואַרץ, און אַז איך זע זי שוין אויף דער צווייטער זייט ראָגאַטקע, הויב איך אויף די הענט צום הימל און זאָג: „ברוך שפּטרנו".

אַזוי איז עס יאָר־איין, יאָר־אויס, יעדן סילוועסטער דאָס זעל-בע, די זעלבע צוגעברענטע זופּ, דאָס זעלבע פלייש געזאַלצן מיט סאָדע, די זעלבע יויך, וואָס ווערט אַן איינקאָכעכץ, דאָס זעלבע מעסטן קליידער, זיצן ביי די פריזיערס. יעדן סילוועסטער קומט זי אַהיים אין דער פרי אַ צעבראָכענע, פאַלט מיטן גאַנצן סיל-וועסטראָווסקע סטראָי אין בעט אַריין, ווי אַ געפּגרטע, און אַזוי כאַליעט זי ביז מיטאָג. אַ גאַנצן טאָג גייט זי אַרום אַ צעקאָרקע-ווטע, שלוקעכצט און גענעצט, און אַ פּנים האָט זי פון אַן אויס-געקוועטשטער לימענע, און פרעגט מען זי, ווי זי האָט זיך גע-ווילט, ענטפערט זי:

— „שוויעטניע", „קרולאָוואַלאַם",—און אַלס צייכן, אַז זי זאָגט אמת, ווייזט זי אַ פּאַפּירענע „פּאַראַסאָלקע" און אַ באָנבאָ-ניערקע, וואָס זי האָט אַליין מיטגענומען אויפן באַל „דלאַ פּוצו"...

אַזוי איז עס יעדן סילוועסטער, אָבער קיינמאָל איז מיר נישט איינגעפאַלן זי צו פרעגן, וווּ זי גייט. צו וואָס דאַרף איך דאָס וויסן? כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז קיין תהילים זאָגט מען נישט אויף די סילוועסטער־מאַסקאַראַדעס, טאָ צו וואָס דאַרף איך וויסן,

ווו זי גייט, און וואס זי טוט? פאראיארן אבער, קוקנדיק אויף איר „הולך", אין וואס פאר א „מעמד" זי איז אוועק אויף דער מאסקאראדע, האב איך באשלאסן איר נאכצוגיין זען, וווהין זי גייט, און וואס טוט מיין כאוטשעלע אויף דער מאסקאראדע, מיט וועמען זי האט צו טון, און וואס איז דאס בכלל אזוינס א סיל־וועסטער־מאסקאראדע.

זי איז אריין אין זאל, און איך בין געבליבן שטיין אין דרויסן, האב מיך צוגעקוקט צו דעם עולם, וואס גייט אריין צו דער כאליאסטרע, וואס גייט אריין „באוויען" מיין כאוטשעלע, כ'האב אויך געזען קומען ווייבער מיט „שווארצע יארן" פאר די פנימער. שטיי איך און טראכט מיר:

— ווי אזוי קומט מען אריין אהין א קוק טון, וואס מאכט מיין כאוטשעלע, ווי פילט זי זיך? ווי גייט עס איר? צי איז זי נישט אמאל הונגעריק? זי האט דאך א גאנצע וואך אין איר מויל נישט געהאט. א שוואך מענטש, וואס האט אפט „נאפאדן" אויף דער גאל... איך בין דאך א מאן, פארוואס זאל איך נישט א קוק טון צו אן אייגן ווייבל? ווער דען, אז נישט אן אייגענער מאן?...

איך ווייס נישט, ווי אזוי כ'האב מיך גענומען רוקן, האב איך מיך אזוי לאנג גערוקט, ביז כ'האב מיך אריינגערוקט אין זאל.

איך קוק מיך ארום און ס'נעמט מיר שווינדלען פאר די אויגן. רש"ע, ווו איז מיין כאוטשעלע אריינגעפאלן? מ'זעט דאך נישט קיין איין יידיש פנים! בלויז גויים, און וואס פאר א „פיזיא־נאמיעס"... סאמע „ארענדאווניק"־פארשוינען. אלע זענען זיי שיכור, ווי לוט. דער זאל איז אנגערויכערט, ווי אין א פאבריק־קוימען. איך קוק מיך ארום און אן אימה באפאלט מיך. איך ציטער אינגאנצן פון שרעק. א קאלטער שוויים באגיסט מיך. איך זוך א וועג אויף צוריק. כ'פרוו מיך איינציקווייז, אונטערוויילעכץ צוריק זיך ארויסקריגן פון דעם גהינום, אבער ווער קאן שוין צוריק ארויס? חברה האט דערזען א זשיד מיט א באָרד, אין א היטל, מיט א לאנגער יופיצע, האט מען מיך א נעם געטון אין קרענצל אריין, שקצים און שיקסעס, אלע האבן זיי געשריגן:

— „יאַקאַ אָריגינאַלנאַ מאַסקאַ"!...

— „יאַק פּראַוודזשיווי זשיד ז' נאַוואַמיעיסקעי"!...

— „אָריגינאַלני כאַלאַטשאַזש"!...

אַ שיקסע האָט מיר אַ גלעט געגעבן ביים בערדל און גע־זאָגט:

— „אַ ברודקאַ יאַק פּשיראַשניענטאַ"!...

אַ צווייטע שיקסע האָט מיר אָוועקגעמאַכט די פּאָלע און מיט שמחה אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און געשריגן:

— „אַ ציצעלקי טעזש מאַ"!...

— „אַ פּעיסי"!...

דאָס קרענצל איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. איך האָב גע־פיבערט פון שרעק, ווער ווייסט, ווי איך וועל דאָ אָפּשניידן... איין ייד צווישן אַזעלכע געסט. זיי האָבן געלאַכט, און איך האָב שטיל־לערהייט געזאָגט ווידוי, און ווי איך שטיי אַזוי אין מיינע צרות, דערזע איך פּלוצים מיין כאַוואַטשעלע צווישן צוויי פּאַרשוינען מיט פּאַרריסענע נעזלעך; איינער האַלט זי פּאַר די הענט, און דער צווייטער „פּאָרעט" זיך ביי איר גאָמבע, זע איך דאָך, אַז ס'איז שלעכט, אַז זי געפינט זיך נעבעך אין אַ „סכנה", אַ יידיש קינד אין גויאישע הענט, גיב איך אַ געשריי:

— כאַוואַטשעלע קרוין, האָב רחמנות אויף דיינע יונגע יאָר!...

האָבן אַלע אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער:

— „בראַוואָ!... בראַוואָ!... יאַק שוויעטניע מוווי פּאָ זשי־דאָווסקו"!...

איר ווילט וויסן דעם סוף פון דער מעשה? דער סוף איז גע־ווען, אַז איך בין על פי נס ניצול געוואָרן. שבת האָב איך גומל־געבענטשט.

איצט דערצייל איך די מעשה אין פריידן. אפשר וועלן זיך אַנדערע כאַוואַטשעלעך אַראָפּנעמען דערפון אַ מוסר־השכל און נישט טאַנצן אויף שיקסעס־שמחות!

דער טאַטע האָט די מאַמע גענומען...

מנע, אַ וועלט געוואָרן — טפו זאָל זי ווערן!

דאָס לעבן איז קיין לעבן נישט. די מענטשן זענען קיין מענטשן נישט. די געשעפטן זענען קיין געשעפטן נישט. קינדער זענען קיין קינדער נישט. מענער זענען קיין מענער נישט און ווייבער זענען קיין ווייבער נישט.

ווייבער, מ'שטיינסגעזאָגט! היינטיקע ווייבער! דאָס זענען ביי אייך ווייבער? אמאָליקע צייטן, אַ יידענע, איז דאָך געווען אַ תענוג אויף איר אַ קוק צו טון: זי האָט אייך אַ שיט אוים געגעבן אַ טוץ יונגען, ווי די בערן, און איז דערביי געווען געזונט און שטאַרק, ווי אַ דעמב. דאָס גאַנצע לעבן האָט זי געטראָגן און געזויגן, און האָט צו קיינעם קיין טענות נישט געהאַט. און די היינטיקע „מענזשאַטקעלעך" — כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד! צוערשט ווילן זיי נישט, און שפּעטער, אַז זיי ווילן שוין, קענען זיי נישט... און טאָמער מאַכט זיך זיי אַ „זדאַזשעניע", האָבן זיי „פּשעפּיסן": גיין „פּשעפּיסאָווע", טרינקען „פּשעפּיסאָווע", עסן „פּשעפּיסאָווע" — אומעטום מיטן „פּשעפּים". און אַזוי ווי יעדער דאָקטאָר האָט זיך זיינע „פּשעפּיסן", טוט איינע פּונקט קאַפּויער, ווי די אַנדערע: איינע האָט אַ „פּשעפּים" צו ליגן גאַנצע טעג אויף דער קאָזעטקע, נאָגן ציטרין און צו נעמען קראָפּליעס, און די צווייטע האָט אַ „פּשעפּים", וואָס מער צו גיין, — זי דאַרף האָבן „באַוועגונג". איינע עסט גאָרנישט און די צווייטע האַקט אויף אַלע באַק־ציין מיט איבערשטונדן... איינע עסט נאָר „נאַ־

ביאַל״ און אַ צווייטע עסט „סלאַדיטשעס״ — ס׳ווענדט זיך לויטן „פּשעפּים״ פון דאָקטאָר...

היינטיקע ווייבער, מ׳שטיינסגעזאָגט! אַמאָליקע צייטן, האָט אַ יידענע געוווּסט, אַז זי איז נישט מער, ווי אַ יידענע, און דער מאַן גייט אין די הויזן. זי האָט געוווּסט דעם טייטש פון „יהיא ימשול בה״, ד. ה. ווען דער מאַן זאָגט, אַז מיטוואָך איז שבת, דאַרף זי שיקן ס׳טשאָלנט צום בעקער...

און היינט? היינט איז גראָד דער היפּוך: זי גייט אין די הויזן. ווער מיר מאַן, וואָס מיר מאַן? דער מאַן טאַנצט, אַזוי ווי ס׳ווייב שפּילט. נאָר דאָס ערגסטע איז אַ ווייב אַן עקשן.

אַי, הערט איר, איז ביטער, אַז מ׳קריגט אַ ווייב אַן עקשן. טאָמער באַקומט איר אַ ווייב אַן עקשן, דאַרפט איר באַצייטנס זיך פאַרזען מיט אַ „ווינאָדנע״ פּלאַץ אויפן בית־החיים, און אין בעסטן פאַל — אַ קאַבינעט אין טוואָרקי.

איך זאָג דאָס אקעגן מיין כאַנטשען, זי זאָל געזונט זיין. אַ גאַנץ לייטישע יידענע, נאָר אַן עקשן. אין וואָס, מיינט איר, באַשטייט איר עקשנות? איר מיינט עפּעס אין אויסטערלישע זאַכן? חס וחלילה! איר עקשנות באַשטייט אין דעם, וואָס זי וויל אַלץ נאָכטון, דאָס וואָס איך טו: קום איך אַמאָל אַהיים איינס ביינאַכט, קומט זי צומאָרגנס אַהיים דריי ביינאַכט. שפּיל איך אַ טעלעפאָן, שפּילט זי אין „פּאָקער״, רייכער איך איין „פּער־וואָר״, רייכערט זי דריי „דאַמעס״, איך גיי אין שטיבל אריין אויף מלווה־מלכה, גייט זי אין „גראַנד־קאַפּע״ אויף „מלווה־מלך״... פאַר איך צו „אים, זאָל לעבן״, קומט „ער״ צו „איר, זאָל לעבן״... טו איך מיר צושערן ס׳בערדל, טוט זי זיך ראַזירן דעם קאַרק — דאָס, וואָס איך טו, טוט זי.

טענה איך מיט איר:

— כאַנטשעלע, אַז דו טוסט אַלץ, וואָס איך טו, טאָ טו שוין אַלץ אַזוי ווי איך: איך נעם ביי דיר נישט קיין געלט, נעם דו ביי מיר אויך נישט!...

ענטפערט זי:

— דאָס נישט! אַלץ וועל איך דיר נאָכטון, נאָר דאָס איינע

נישט. צו דעם, — זאָגט זי, ביזטו, אַ מאַן ביז הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר!...

אַי, הערט איר, איז ביטער אַ ווייב אַן עקשן! נישט געפּרוווט זאָלט איר ווערן מיט דעם טעם!

אַקעגן וואָס דערצייל איך אייך דאָס? אַקעגן דעם, צו וואָס ווייבערישע עקשנות קאָן אַלץ ברענגען. הערט אַ מעשה:

מיט אַ יאָר צוריק האָב איך צו מיר אַריינגענומען מיין אַלטן טאַטן. ווו דען זאָל גיין אַן אַלטער טאַטע, אַז נישט צו אַ זון? האָב איך אים אָפּגעגעבן אַ באַזונדער חדר, און ס'איז געווען ווויל און גוט.

וואָס טוט מיין כאַנטשעלע? אַז איך האָב אַריינגענומען מיין טאַטן, נעמט זי אַריין איר מאַמע — מיין שוויגער, הייסט עס! האָט זי איר אויך אָפּגעגעבן אַ באַזונדער חדר, און ס'איז געווען ווויל און גוט. האָב איך געזאָרגט פאַר מיין טאַטן, און מיין ווייב האָט „געפילנעוועט" איר מאַמען — מיין שוויגער, הייסט עס.

האָב איך מיין טאַטן געברענגט אַ ניי סאַמעטן היטל, האָט מיין ווייב פאַר איר מוטער — פאַר מיין שוויגער, הייסט עס, גע־ברענגט אַ פונק נייע קופּקע מיט בלומען און מיט סטענגעס און מיט קאַרשן און מיט ווײַמפּערלעך.

האָב איך פאַר מיין טאַטן געמאַכט אַ נייע אַטלאַסענע קאַ־פּאָטע, האָט מיין ווייב פאַר איר מוטער — פאַר מיין שוויגער, הייסט עס, געמאַכט אַ נייע זיידענע ראָטאָנדע מיט שפּיצן.

האָב איך פאַר מיין טאַטן געקויפט אַ טאַבעק־פּושקעלע, האָט מיין ווייב פאַר איר מאַמען געקויפט אַ גרויסע לעדערנע סאַ־קעווקע מיט אַ שפּיגעלע, מיט אַ פּודערניטשקע און מיט אַלע אַנ־דערע דאַמסקע קעסל־כלים — איך האָב געזאָרגט פאַר מיין טאַטן, און מיין ווייב האָט „געפילנעוועט" איר מאַמען.

וואָלט דאָס אַלץ מיך נישט געאַרט. איך ווייס דאָך, אַז מיין כאַנטשעלע, זאָל געזונט זיין, איז אַן עקשן — פאַרפאַלן! ווען נישט די לעצטע מעשה, איר מעגט עס הערן:

ווי איר ווייסט שוין, האָט מיין אַלטער טאַטע געהאַט זיין באַ־זונדער חדר און מיין ווייבס אַלטע מאַמע — מיין שוויגער,

הייסט עס, איר באַזונדער חדר. איז דער אַלטער טאַטע געלעגן אויף זיין געלעגער און געקרעכצט, און מיין ווייבס אַלטע מאַמע איז געלעגן אויף איר געלעגער און געקרעכצט.

צומאָרגנס פרעגט מיין אַלטער טאַטע מיין ווייבס אַלטע מאַמע:

— מחותנתטע, איר האָט ביינאַכט געקרעכצט?

— יאָ, — האָט מיין ווייבס אַלטע מאַמע געענטפערט, — אמת, איך האָב געקרעכצט. עך... עך... איינע אַליין... אויף די עלטערע יאָרן...

— הי... הי... הי... — האָט מיין אַלטער טאַטע אונטערגעהאַלטן. — ס'איז סמוטנע... מ'קאָן קיין אויג נישט צומאַכן... ס'איז עפּעס אַזוי נישט ווי גאָרנע... און איר, מחותנתטע, זענט דאָך נאָך גאָר... כי... כי... אַ לייטישע יידענע...

— און איר, מחותן... הי... הי... הי... זענט אויך נאָך אַ גאָר זשוואַווע מאַנספּישוין...

— גלויבט מיר, מחותנתטע, אַז איר... אַז איר... וואָלט נאָך געווען אַ גאַנץ לייטישע כלה... כי... כי... כי...

— הי... הי... הי... כ'וואָלט נישט געוואָלט שווערן, אַז איר, מחותן, וואָלט נאָך געקענט מאַכן אַ... הי... ה... הי...

וואָס פון די „ליבעס־דערקלערונגען" און „קעגנזייטיקע קאָמפּלימענטן" איז אַרויסגעקומען, דאַרפט איר שוין אַליין פאַרשטיין.

אין עטלעכע טעג אַרום קומט צו מיר אַריין נתן נטע דער שדכן:

— אַ גוט מאָרגן, ב'. הערש לייזער! — זאָגט ער צו מיר.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר! — ענטפער איך אים. — וואָס ווערט איר זאָגן גוטס?

— כ'בין איך געקומען, — זאָגט נתן נטע דער שדכן, — אָנשלאָגן אַ שידוך.

— אַ שידוך? מסתמא פאַר מיין עלטסטער טאָכטער, האָב איך מיר געטראַכט, — ווער איז דער חתן, ווער? עפּעס אַ לייטישער חתן?

— בע, מע, — האָט דער שדכן געענטפערט, — כ'זאָל מיר שוין האָבן אזא מזל. נישט פון די היינטיקע הוליע־פרענצלעך, א „סטאָלע'' מענטש. נישט קיין הולטאַי, נישט קיין טענצער, לויפט נישט אַרום גאנצע נעכט. אַ געזעצטער מענטש, אַ געלאַסע־נער, אַ שיינע משפחה — איינגאַנצן געראָטן אין אייך...

— און מכוח פּרנסה? איז ער עפּעס אַ שטיקל בעל־פּרנסה? — האָב איך געפרעגט דעם שדכן.

— וועגן פּרנסה, איז ער אויסגעזאָרגט, — האָט דער שדכן געענטפערט, — ער איז פאַרזאָרגט אויפן גאַנצן לעבן. דאָס ווייב וועט ביי אים האָבן אַ לאַכטיק לעבן.

— און וויפל פאַרלאַנגט אזא חתן נדן?

— גאָרנישט! איר הערט, ר' הערש לייזער, ער פאַרלאַנגט נישט פון אייך קיין גראָשן. ער איז נישט פון די היינטיקע חתנים, וואָס יאָגן זיך נאָכן נדן. די כלה געפעלט אים און זאָל זיין מיט מזל!...

— כאַנטשעלע! כאַנטשעלע! — האָב איך גערופן מיין ווייב. — קום נאָר אריין. הער נאָר, סאַראַ גליק. אַ חתן, אַ „סטאָ־לע'' מענטש, אַ פּרנסה, און וויל נישט קיין נדן.

— לאָמיר שוין הערן, ווער ס'איז דער חתן? — בין איך געוואָרן נייגעריק.

— אייערער אַ קרוב, גאָר אַ נאָענטער קרוב, — האָט דער שדכן געשמייכלט אונטער די וואָנסעס.

— מיינער אַ נאָענטער קרוב? ווער איז דאָס מיין קרוב? זאָגט, ר' נתן נטע.

— דער חתן איז.... דער חתן איז... — האָט דער שדכן קוים אַרויסגעשטאַמלט. — אייער... אייער טאַטע, זאָל לעבן און געזונט זיין!...

— וואָס ס'האָט מיך געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט, זאָל עס מיר אויסגיין צו מיינע שונאימס קעפּ! איר זענט משוגע, צי איר האָט ערשט בדעה משוגע צו ווערן? וואָס הייסט? מיין טאַטע? מיין טאַטע אַ חתן? אַ ייד, אָן עין הרע, אַ בן שמונים?

— און ווער איז די כלה? — האָט מיין יידענע זיך צעלאַכט.

— די כלה? די כלה... די כלה איז... — האָט דער שרכן געענטפערט — אייער... אייער... אייער מאַמע...

— מיין מאַמע? — האָט מיין יידענע געגעבן אַ קוויטש, ווי מ'וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. — איר האָט נישט פון וועמען חוזק צו מאַכן, נאָר פון מיין מאַמען? טראָגט אייך אָפּ פון דאַנען מיט געזונטע ביינער!...

הקיצור, וואָס זאָל איך אייך אַ סך מאַריך זיין. איך האָב געצויגן מיט די פּלייצעס, מיין כאַנטשעלע האָט געשריגן, און מיין טאַטע איז מיט מזל אַ חתן געוואָרן מיט מיין ווייבס מאַמע — מיין שוויגער, הייסט עס.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישע חתונה — מיין ווייבס עקשנות: איך האָב געמאַכט פאַר מיין טאַטן אַ „וויפּראַווע", און מיין ווייב האָט געמאַכט פאַר איר מאַמען — פאַר מיין שוויגער, הייסט עס, אַ „וויפּראַווע". איך האָב פאַר מיין טאַטן געקויפט כלה־מתנות, און מיין ווייב פאַר איר מאַמען — פאַר מיין שוויגער, הייסט עס, געקויפט חתן־מתנות...

און איצט?

איצט איז דער „האָניק־חודש". דער אַלטער טאַטע קרעכצט נישט אויף זיין געלעגער, און מיין ווייבס אַלטע מאַמע קרעכצט נישט אויף איר געלעגער. מיין טאַטע „פּילנעוועט" מיין ווייבס מאַמע און מיין ווייבס מאַמע „פּילנעוועט" מיין טאַטן — דער טאַטע האָט די מאַמע גענומען.

כ׳פאַרשטיי נישט די מענער!...

(מאָנאָלאָג פון אַן אינטעליגענטנע מיידל)

ווי זי קוקן מיך אָן, פראָשען פאַנסטווא, בין איך אַן אינטעליגענטנע פאַניענקע. איך בין נישט פון די היינטיקע אויפגעשמירטע און אָנגעשמירטע ליאַלקעס, וואָס סטראָנצלען און פוצן זיך, כדי צו געפעלן די מענער; איך בין נישט פון די פאַנעס, וואָס די גאַנצע חכמה ליגן זיי אַריין אין די ליפּן, און דעם גאַנצן חוש ליגן זיי אַריין אין דעם „יענזיטשעק" אויף דער אויבערטשער ליפּ און אין די ליאָטשקעס.

איך, פראָשען פאַנסטווא, בין אַ פאַניענקע אָן די היינטיקע נאַביעראַלסקע שטיק. איך אָנדוליר מיך נישט און מאַניקיר מיך נישט. איך גיי נישט צווישן מאַנסבילן דעמאָנסטרירן מיין נאַקעטע פּלייצע. איך רויכער נישט קיין „דאַמעס" און טרינק נישט קיין „וואָדקע" און דערצייל נישט קיין „טלוסטע דאָוטשיפּן" — איך בין אַ סקראָמנע און אינטעליגענטנע פאַניענקע, אָן שמד־שטיק.

ווי איר קוקט מיך אָן, פראָשען פאַנסטווא, לייען איך נאָך אַ בוך. די קלאַסיקער קען איך, ווי מיינע צען פינגער, און דערצו בין איך אַ שפּראַך־קענערין; איך קען אייניקע שפּראַכן, נאָר איין שפּראַך פאַרשטיי איך נישט — די מענער־שפּראַך! זיי, די מענער, פאַרשטיי איך נישט. איך בין דאָך אַן אינטעליגענטנע פאַנע, און דאָס פאָלק, דאָס מענער־פאָלק, קאָן איך פאַר קיין פאַל נישט פאַרשטיין...

אז איך ווייס נישט, וואָס זיי ווילן און ווי מ׳דאַרף זיך מיט זיי אומגיין. איך בין דאָך נישט קיין היינטיקע, ס׳הייסט, קיין אַל־טע בין איך אויך נישט. אין „מושב־זקנים״ זענען דאָ עלטערע פון מיר, און דאָך בין איך נאָך נישט דערגאַנגען דעם סוד, וואָס די מענער ווילן פון מיר, און וואָס זיי „ווימאַגען״ פון אַזאַ סקראָמ־נע פּאַניענקע, ווי איך בין. איך פאַרש די מענער און קאָן זיי נישט פאַרשטיין.

איך וועל אייך דערציילן עטלעכע מעשהלעך פון מענער און בעט אייך, פּראָשען פּאַנסטוואָ, איר זאָלט מיר דאָס „ווי יאַשניען״:

איך האָב אַ באַקאַנטן, איז ער כמעט אַ בלינדער. קוים ער דערזעט די שיין. אַ סטראַשנע קורצזיכטיקער. ער איז אַזוי קורצ־זיכטיק, אַז ער דערזעט נישט זיין אייגן ווייב. אַנשטאָט צו גיין צו זיין ווייב, טרעפט ער — צו מיר...

גייט ער אין גאַס, שטויסט ער זיך אָן אין אַ לאַמטערן, און מאַכט זיך ביילן אויפן קאָפּ... שרייבט ער אַ בריוו, טינקט ער די פעדער נעבן טינטער, און שרייבט מיט אַ טרוקענער פעדער... טוט ער אָן די הויזן, קריכט ער מיט ביידע פיס אין איין נאָגעווי־צע אַריין, און קאָן זיך נישט אויספּלאָנטערן פון די הויזן... לייגט ער זיך שלאָפן, טרעפט ער קיינמאָל נישט צו זיין בעט — אַזוי קורצזיכטיק איז מיין באַקאַנטער.

איינמאָל „זאַפּראָשעט״ מיך מיין בלינדער באַקאַנטער אין אַ קינאָ, צו אַ דערשיטערנדער דראַמע. אין זאַל איז שטאָק־פינ־סטער, נעמט ער מיך פאַר דער האַנט און פירט מיך אויף דער סאַמע לעצטער ריי.

פרעג איך אים:

— פּאַניע, צו וואָס זעצט איר זיך אַזוי ווייט, ווו קיינער זיצט נישט?

ענטפערט ער:

— דאָ איז „פּשיעמנער״...

פאַרשטיי איך נישט, מיט וואָס דאָ איז „פּשיעמנער״, פרעג איך אים:

— פּאַניע, איר זענט דאָך קורצזיכטיק, קוים איר דערזעט די שיין, טאָ וואָס וועט איר זען פון אַזוי ווייט?

לאַכט ער, מיין בלינדער באַקאַנטער, און פירט מיך אַוועק אויף דער סאַמע לעצטער ריי, ווי אַ חוץ אונז ביידע, זעט מען קיין לעבעדיקן פויגל נישט.

זיץ איך אין קינאָ און טראַכט מיר: וואָס איז דער שכל? אַזאַ קורצזיכטיקער, ווי ער, האָט דאָך געדאַרפט זיצן אין דער ערשטער ריי, טאָ צו וואָס וויל ער דווקא זיצן אין דער לעצטער ריי? כ׳פרעג אייך, פראָשען פּאַנסטוואָ, די קשיה, און ענטפערט מיר אַ תירוץ.

אַ צווייטן באַקאַנטן האָב איך, דעם חבר ראָמעק. אַ קעמפער, אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכער רעדט וועגן קאַמף און רעוואָלוציע און אַליין איז ער אַ „באָיאַק״, וואָס ציטערט פאַר אַ פליג. ער ציטערט פאַר זיין אייגענעם שאָטן אויף דער וואַנט. ווען איר זאָלט אים באַגילדטן, וועט ער נישט שלאָפן איינער אַליין אין אַ שטוב. טאָמער קומט אים אויס שפּעט ביינאַכט אַהיימצוגיין, מאַכט ער זיך חלשן, און פאָרט אַהיים מיט דער „פּאַנאָטאָוויע״ — אַזאַ העלד איז מיין חבר ראָמעק!...

באַגעגנט מיך דער חבר ראָמעק זומער אין דאָרף, זאָגט ער צו מיר:

— פּאַננאַ סטעפאַ, קומט היינט אָוונט אַביסל שפּאַצירן אין וואַלד.

— וואָס עפּעס אין אָוונט? אין אָוונט אין וואַלד, איר זענט דאָך אַ באָיאַק? איר פאָרט דאָך ביינאַכט אַהיים מיט דער „פּאַגאָטאָוויע״? אויב גיין אין וואַלד, קאָן מען דאָך גיין בייטאָג, ווען אַלע מענטשן גייען. ווען ס׳שיינט די זון, ווען ס׳איז פריילעך.

האָט ער זיך אָבער איינגעשפּאַרט, ער וויל דווקא אין אָוונט.

האָב איך אים געגומען דערציילן מעשיות פון וואַלד-גזלנים, פון רויבער, פון פאַרפירער און אַנדערע שרעקלעכע מעשיות. ער איז אָבער געבליבן ביי ס׳זייניקע — ער וויל מיט מיר גיין אין וואַלד און דווקא ביינאַכט...

און וואָס איז מיט דאַדעקן? אַ בחור, וואָס פּאַכעט מיט דער

נשמה. ווען איר רעדט מיט אים, האָט ער אַ וואָרעם־בּלעך אויפן בויך, יעדן טאָג מעסט ער דעם בּלוט־דרוק — קוים וואָס ער לעבּט.

„זאַפּראָשעט" מיך דער בּחור מיט דער וואָרעם־בּלעך אויפן בויך צום טאַנצן. וואָלט מען געטאַנצט ווי אַמאָל: אַ וואַלץ, אַ פּאָליעטשקע, וואָלט נאָך געווען אויסצוהאַלטן, טאַנצט מען דאָך אָבּער היינט אַזעלכע „דזשיקע" טענץ, אַז מ'קוועטשט פון זיך די קישקעס אַרויס, „זאַפּראָשעט" מיך דער בּחור מיט דער וואָרעם־בּלעך אויפן בויך צום טאַנץ און קוועטשט מיך צו צו זיין וואָרעם־בּלעך און איך פיל, אַז די געדערעם דרייען זיך מיר אום.

בּעט איך מיך בּיי אים, ווי בּיי אַ גזלן:

— איר זענט דאָך אַ חרובדיקער מענטש, קוים וואָס איר לעבּט, איר האָט דאָך אַ הויכן בּלוט־דרוק, טאָ צו וואָס קוועטשט איר פון זיך אַרויס די קישקעס? צו וואָס דאַרפט איר דאָס, צו וואָס? איר שפּילט דאָך מיטן לעבּן. האָט רחמנות אויף אייערע יונגע יאָרן!...

הערט ער מיך, ווי דעם קאָטער און קוועטשט און דריקט מיך צו צו זיין וואָרעם־בּלעך, און ס'איז מיר אַ גרויס רחמנות אויף אים.

איצט דער שטאַמלער: איך האָבּ אַ בּאַקאַנטן בּחור, אַ שטאַמלער. בּיז ער רעדט אַרויס אַ וואָרט, קענט איר גאַנץ בּמנוחה פאָרן און צוריקקומען פון וואַרשע. פרעגט איר אים, ווי שפּעט ס'איז, איז בּיז איר בּאַקומט פון אים אַרויס דעם ענטפער: ה...אַ...ל...בּ ד...ר...יי... דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז ס'איז האַלבּ פינף — אַזאַ שטאַמלער איז ער!

האַלט ער צו מיר אין איין קאַקעצן:

— איך האָבּ דיך ליבּ, ווי מיין אייגן לעבּן... דו בּיזט מיין גליק, מיין זון, מיין אויג אין קאָפּ. אָן דיר, איז מיין לעבּן קיין שמעק־טאַבּעק נישט ווערט...

פאַרשטיי איך נישט דעם בּחור:

צו וואָס דאַרף ער אַזויפיל רעדן, אַז דאָס רעדן קומט אים אָן מיט שוויים. אָנשטאָט יעדן טאָג קאַקעצן. רעד בּעסער איינמאָל

ארוים זיבן ווערטער: „הרי את מקודשת לי כדת משה וישראל״— און דו וועסט זיין פטור פון דעם גאנצן קאקעצן?

ניין, טוט ער דאס נישט, נאר קאקעצט און קאקעצט און איך ווייס נישט, וואס ער וויל און וואס ער מיינט.

פרעג איך אייך, פראשען פאנסטווא, וואס טוט זיך מיט די מענער, וואס? איך בין דאך אן אינטעליגענטנע פאניענקע, איך ווייס און פארשטיי אלץ, נאר די מענער פארשטיי איך נישט.

כ׳בעט אייך, פראשען פאנסטווא, „וויאשניעט״ מיר די „זאגאדקע״!...

די הײנטיקע באָבעס...

אײגנטלעך האָב איך געװאָלט אַ שמועס טון װעגן אַמאָליקע מײדן און הײנטיקע מײדלעך. אַמאָליקע מײדן זענען געװען מחבלים, ריזן, זײ האָבן די שטײנער מיטגעריסן, און די הײנטיקע מײדלעך — גרינגע שטרינעס. אַ מאָגער זעקל בײנער, קוים עס האָט די נשמה אין זיך און װען נישט דאָס ביסל פּאָקום אױף די באַקן און אױף די ליפּן, װאָלטן זײ אױסגעזען, װי אױסגע־קװעטשטע לימענעס — אױך מיר מײדן, מ'שטײנסגעזאָגט...

נאָר לאָמיר די מײדלעך לאָזן צורו. מיר װעלן באַהאַנדלען אַ פּיל װיכטיקערע פראַגע, אַ זײער אָנגעװײטיקטע פראַגע — די באָבע־פראַגע.

אַמאָליקע באָבעס זענען געװען — באָבעס. טײערע, גוטע באָבעלעך. אַן אַמאָליקע באָבע האָט געטראָגן אַ טיפע קופּקע אי־בער די אױערן, אַ קופּקע מיט זײדענע בענדלעך און סטענגעלעך, אַ ברײטע ראָטאָנדע מיט אַ ברײט טערקיש טוך. אַ פּנים האָט זי געהאַט, װי פּאַרמעט, איז געגאַנגען אײנגעהױקערט, און װאָס איז איר אַרבעט געװען? אָדער זי האָט געסטריגעװעט דעם זײדנס שקאַרפּעטקעס, אָדער זי האָט צוגענײט קנעפּלעך צום זײדנס העמד, און אין דער פרײער צײט דערצײלט די אײניקלעך שײנע טשעקאַװע מעשהלעך פון דער צאינה וראינה. פרײטיק פאַרנאַכט האָט זי אָנגעטאָן דעם שבתדיקן שלאָפראָק און ליכט־געבענטשט. שבת פאַרנאַכט האָט זי מיט כּוונה געזאָגט: „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, דער ליבער שבת קודש גײט אװעק...” גע־

זאָגט האָט זי דאָס מיט אַ האַרציקן ניגון און געענדיקט האָט זי מיט אַ פּריילעכן: „גוט וואָך... אַ מזלדיקע וואָך... אַ פּריילעכע וואָך...” דער זיידע האָט געמאַכט הבדלה און די באָבע האָט גע־שמעקט פון דער בשמים־ביקס... אָט־אָ דאָס איז געווען אַ באָבע. די אַמאָליקע באָבע איז געווען — אַ באָבע. נישט די היינטיקע, מאָדערנע באָבעס. באָבעס זאָלן זוכן פּאָוואָדזעניע, באָבעס זאָלן מאַנצן אויפן דאַנסינג, באָבעס זאָלן זיך פאַרבן די באַקן און שמירן די ליפּן. באָבעס זאָלן וועלן שפּילן די ראָל פון אַכצן־יאָרי־קע מיידלעך — ווען איז דאָס געהערט געוואָרן?

וואָס עס זענען די היינטיקע באָבעס, ווי אַזוי באָבעס טוען היינטיקע צייטן „נאָביערען” יונגעלייט, וועלן מיר הערן, וואָס עס דערציילט וועגן דעם אַ באַקאַנט לעב־יינגל, דער אמתער האָניק־פויגל, וואָס איז אַליין שיער נישט געפאַלן אַ קרבן פון — אַ באָבע. הערט, וואָס ער, דער בחור אַליין דערציילט:

— איך בין געווען אין אַ געזעלשאַפט. ביים טיש זענען געזעסן מענער, פרויען, מיידלעך און יונגעלייט. די מענער האָבן, ווי תמיד, געשמועסט וועגן פּאָליטיק, מסחר, סעזאָן, וועלכער סוחר ס׳איז קרעדיט־פעיק און וועמען מ׳טאָר קיין גראָשן נישט באָרגן.

די ווייבער ווידער — ווי דער שטייגער איז — האָבן גע־פּלוידערט וועגן: קאַראַקול, פּאָקע, בלויע פּיקסן, קאַפּעלושן, גו־מענע שטיוול, פּאָקער, ברידזש, דאָקטוירים, בעדער, גאַל־שטיינער, קריניצע, זאַקאָפּאַנע, דינסטן, סובלאָקאַטאָרן און אַנדערע „וויכ־טיקע פּראָבלעמען”...

דאָס יונגוואַרג ווידער האָט גערעדט וועגן: קינאָ, טעאַטער, נייע טענץ, ליבע, ראַנדקע, דער אונטערשיד פון חתונה האָבן „ז׳ מילאָשטשי” און „פּשעז סוואַטאַ”. בחורים האָבן געשיט מיט „טלוסטע” וויצן און די מיידלעך האָבן זיך כלומרשט „אָבראַ־זשעט”. יעדער איז געווען טעטיק אויף זיין געביט. אָבער אַמ־מייסטן האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט אַ שיינע, יונ־גע פרוי, פול מיט לעבן און טעמפּעראַמענט. אויגן — ווולקאַנען, האָבן געשאָסן מיט פייער, פריש־קאַרמינירטע, פייער־רויטע ליפּע־

לעך, אָנדולירטע האָר מיט לעקעלעך אויפֿן שטערן, אָפּראַזירטע ברעמען און אויף דעם אָרט שוואַרצע רעדער אַרום די אויגן, דאָס נעזל און די גאָמבע אָפּגעווייסט. געלאַכט האָט זי זייער אָפּט און האַרציק, כדי זי זאָל האָבן אַן „אָקאַזיע" צו ווייזן אירע צוויי רייען ווייסן פּאָרצעלײַ אין מויל. זי האָט „געוואָרפֿן אַן אייגל", האָב איך געענטפערט מיט אַן אייגל, ביז... ביז מ'האָט גענומען רעדן וועגן דאָס, יענץ. זי האָט מיך מכבד געווען מיט אַ „פּלאָס־קע" פּאַפּיראָסל. איך האָב איר געגעבן פֿייער. איך האָב איר איינ־געגאָסן אַ גלעזל „טשיסטאַ ווינבאַראָווע", האָט זי געמאַכט אַ „לחיים" גאָר פּאַכמעניש. זי האָט זיך אפֿילו נישט פֿאַרקרומט, איז עס געגאַנגען איין גלעזל נאָכן אַנדערן. זי האָט אָנגעגאָסן מײַן גלעזל, און איך איר גלעזל, און אַז „כטוב לב ה'יידענע ביין", אַז זי האָט שוין געהאַט אין קעפּל, איז זי געוואָרן מיט מיר אַביסל היימישער, האָט פֿאַרלייגט איין פֿיסל אויפֿן אַנדערן און גענומען שיטן פּעטע וויצן, וואַיאַזשערסקע מעשהלעך. איך בין נישט גע־בליבן שולדיק. זי האָט שוין געוווסט מײַן אַדרעס, און איך איר אַדרעס. ס'האָט שוין געהאַלטן ביי „קיעדי שען זאָבאַטשימי". פּלוצים איז אונטערגעקומען אַ צווייטע יונגע פֿרוי, אַ ברונעטקע, אויך מיט אַ קאָפּ לאָקן. אויך מיט שוואַרצע רעדער אונטער די אויגן, אויך מיט אָפּגערויטלטע ליפּן און אָפּגעקאַלכט נעזל, מיט אַ קוואַדראַטאָווע שניי־ווייסן דעקאָלט, האָט זי געוואָלט ווייזן, אַז זי איז אויך נישט פֿון אונטערן אויוון, האָט זי גענומען קאָנקורירן מיט דער ערשטער. האָט גענומען רעדן וועגן מוזיק. מיט בעטהאָ־ווענען איז זי קנעפּל שבקנעפּל, מיט שאָפּענען איז זי „פּער דו"... אָן מענדעלסאָנען רירט זי זיך נישט. זי לאָזט נישט אַדורך קיין איין קאָנצערט.

האָט דאָס פֿאַרדראָסן די ערשטע, האָט זי איבערגעריסן דעם געשפּרעך פֿון דער מוזיקאַלישער קאָלעזשאַנקע:

— איך בין נישט מוזיקאַליש, אויף קאָנצערטן גייען אַלטע באָבעס, „יאַ לוביע שען באַוויטש"... טאַנטשיטש... אויף אַ פּייף, אויף אַ דאַנסינג, סקאָזשישטשען פֿון לעבן — „מאַם ראַציע"?

— „נאָ וויעזש"! — האָט זיך די צווייטע אָבראַזשעט. —

איך האָב אויך ליב אַ טענצל, יאַ טעזש לוביע שען באַוויטש... צאַ וויעטשור אין אַן אַנדערן לאָקאַל.

זענען מיר שוין געזעסן זאַלבעדריט, געטרינקען „לחיים", געריכערט „פּלאַסקע". זיי האָבן דעם רויך — מעשה מאַנספּער־שוין — אַרויסגעלאָזט דורך דער נאָז.ביידע האָבן זיי מיר גע־פאַלן. ווייבלעך מיט פייער, מיט טעמפּעראַמענט. איך האָב גע־ווּסט זייערע אַדרעסן, און זיי — מיין אַדרעס. איך בין אָבער געווען אין פאַרלעגנהייט. ראשית, האָב איך נישט געוווּסט, צי זיי זענען פאַרהייראַטע פרויען, צי זענען זיי „צום האָבן". והשנית, האָט איינע געשטערט דער צווייטער וואָלט די „מוזיקאַלישע" זיך נישט אַריינגעפּלאָנטערט מיט בעטהאָווענען און מיט שאָפּענען, וואָלט איך דאָך שוין אַלץ געוווּסט, ווארום איך האָב דאָך שוין געהאַלטן ביי „קיעדי שען זאָבאַטשימי". איז מעשה שטן אונטער־געקומען די צווייטע, האָב איך נישט די וועלט, נישט יענע וועלט.

האָב איך גענומען טראַכטן אַ פּלאַן, אַ פּלאַן, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון איינער. האָב אָנגעווענדט פאַרשידענע מיטלען, אָבער אומזיסט. ביידע האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. ביידע האָבן זיי פאַרשטאַנען, וואָס איך בין אויסן, האָט איינע נישט פאַרגינען דער צווייטער. ס'איז געווען אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג.

פּלוצים, ווי איך זיץ און טראַכט אַ נייעם פּלאַן, פאַלט אַריין אין שטוב אַ שיין פּינק־יאַריק יינגעלע, פאַלט צו צו איינער פון מיינע „סימפּאַטיעס", נעמט זי קושן און האַלזן:

— באַבוניו!... באַבטשו!...

באַלד לויפט ער צו צו דער צווייטער, צו דער מוזיקאַלי־שער, צו בעטהאָווענס געשוועסטערקינד, האַלזט זי אַרום און קושט זי:

— באַבוכנאַ!...

ביידע ווערן טויט, ווי די וואַנט, קאָנען קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן. איינע פּרוּווט עפּעס אַרויסשטאַמלען, אָבער דער קליי־נער חברה־מאַן האָט זי אַרומגעקלאַמערט, אַז זי קאָן קיין וואָרט נישט רעדן. ביידע זיצן זיי, ווי געליימטע. איך זיץ, ווי אַן אָפּגע־שמיסענער. איך פיל, ווי דער עולם אַרום האַלט זיך איין פון

שיסן מיט אַ געלעכטער. איך פֿיל, אַז די ערד שפּאַלט זיך אונטער מיר, אַז איך ווער איינגעזינקען פֿון חרפּה.

און ווילט איר וויסן, ווער עס זענען געווען די צוויי אַנדו־לירטע, קאַרמענירטע, פּודערירטע, טעמפּעראַמענטפֿולע, לעבנס־לוסטיקע ווייבלעך? — באָבעס! דעם ייִנגלס ביידע באָבעס. ביידע זענען זיי מחותנתטעס. איינע דעם טאַטנס מאַמע און די צווייטע — דער מאַמעס מאַמע...

אַ מזל האָב איך געהאַט, וואָס דער קלענער איז געקומען. ווען נישט דער קליינער, וואָלט איך געווען פֿאַרליבט — אין צוויי באָבעס...

אַ „געסטאָ" — פּאַר ווײַבער...

(פון דער סעריע: רעדאַקציע־געסט)

געסט אין רעדאַקציע איז נישט קיין נייעס. פון באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט גייען געסט, יעדער קומט מיט עפּעס אַנדערש. איי־נער דאַרף אַ יורידישע עצה, ווי אַזוי צו געבן אַן עקספּיסיע זיין הויזווירט, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון זיין שוויגער. אַן עצה צום סובלאָקאַטאָר, וואָס איז געוואָרן זיין „יורש" אויף אַלע גע־ביטן... צי ווייסט נישט דער רעדאַקטאָר פון אַ ראַדיקאַל אַפּפּיר־מיטל, וואָס זאָל אַרויסיאָגן — די באַיאָרטע טעכטער פון שטוב. אַנדערע קומען פרעגן מעדיצינישע עצות: וואָס טוט מען צו אַטשיסקעס, צו מערידן, צו לויזע מאָגנס און צו „זאַטוואָרדניע־ניעס".

צווישן די געסט פעלן אויך נישט קיין ווייבער; איינע קומט פרעגן דעם רעדאַקטאָר אַן עצה, ווי אַזוי זי קאָן געהאָלפן ווערן מיט אַ בן־זכר, אַז זי האָט אַ מאַן אַ שלימזל, אַ פּאָקראַקע, נישט פאַר קיין שום יידישע טאָכטער געדאַכט... אַ צווייטע ווידער קומט פרעגן אַן עצה, ווי אַזוי נישט צו האָבן.

עס קומען אויך „דערפינדער". איינער האָט דערפינדן אַ קינסטלעכע פּאַרע צו געפּרווירענע שויבן. אַ צווייטער מיט אַ „רעדעוודיקן זייגער", וואָס זאָגט אין דער קעשענע, ווי שפּעט ס'איז. אַ דריטער מיט אַ „שטענדיקן לוח". אַ פערטער מיט אַ פּאָסט־קאַרטל, אויף וועלכן ער האָט אָנגעשריבן גאַנץ תהלים, און נאָך און נאָך דערפינדער און קינסטלער און עצה־פרעגער.

געסט אין רעדאַקציע איז נישט קיין נייעס. פון באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט שיטן זיי זיך. אָבער געסט צו געסט זענען נישט גלייך. אָט האָבן מיר געהאַט אַ גאַסט, וועלכער בעט זיך ממש צו באַשרייבן. דער דאָזיקער גאַסט דאַרף פאַראייביקט ווערן, שוין דערפאַר, ווייל ער וויל „ראַטעווען די וועלט".

הערט, וואָס ער זאָגט:

— פאַניע רעדאַקטאָר, איך האָב אַ מיטל, ווי אַזוי צו ראַטעווען אונזער זינדיקע וועלט פון אַלע שלעק און צרות. אַ סוף צו מאַכן צו אירע פּיין און ליידן. אַ סוף צו מאַכן צו מלחמות, רעוואָלוציעס, בלוט־פאַרגיסונגען, מאָרדן, רויבן, עקסצעסן, פּאָגראָמען. אַ סוף וועט קומען צום פאַשיזם, היטלעריזם, צו די ראַסן־טעאָריעס, אַריער־פּאַראַגראַפן, צו דעם אָושעמיזם, סטראַגאַניזם און אַנדערע צרות. איך האָב אַ מיטל, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די אַלע אומגליקן.

ווילט איר דאָך, פאַניע רעדאַקטאָר, וויסן, ווי אַזוי דאָס קאָן געשען, טאָ זעצט זיך אַוועק און הערט מיך אויס מיט קאָפּ:

איך מיין דאָס אַקעגן די געטאָס אין די הויכשולן. איך האַלט, אַז די דאָזיקע געטאָס זענען צוועקלאָז.

אויב שוין יאָ איינפירן אַ געטאָ, דאַרף מען עס מאַכן אויף אַן אַנדערן אופן. עס דאַרף איינגעפירט ווערן אַ געטאָ — פאַר ווייבער... מענער באַזונדער און ווייבער באַזונדער.

הערט־זשע, פאַניע רעדאַקטאָר, וואָס עס וועט זיין, אויב ס'וועט איינגעפירט ווערן אַ געטאָ פאַר ווייבער:

אין דער שול.

אין דער שול ווערט אָפּגעשאַפט די „עזרת־נשים", די באַלקאָנען, הייסט עס. די ווייבער וועלן נישט זיצן אין דער הויך און „וואַרפן אייגעלעך" אויפן חזן. און די מענער וועלן זיך נישט פאַרגאַפּיען אויף די ווייבער. עס וועלן איינגעפירט ווערן באַזונדערע שולן: באַזונדערע מענער־שולן און באַזונדערע ווייבער־שולן. אין די ווייבער־שולן וועלן זיין, נישט קיין חזנים, נאָר חזנטעס. חזנים אין ספּודניצעס. ס'וועלן אויך זיין גבאיטעס, שמשטעס. אַנ־

שטאָט „שיינע יידן", וועלן זיין „שיינע יידענעס". צום ספר וועט מען אויפרופן:

— „יעמוד אַ מורינוטע, מרת טשיפּע ברײנע בת יענטע גרינע מפטיר"!...

טעאַטער און קינאָ.

דאָס אייגענע וועט זיין אין טעאַטער און אין קינאָ. ס'וועלן זיין באַזונדערע טעאַטערס פאַר מענער און באַזונדערע טעאַטערס פאַר ווייבער. ווייבערישע קינאָס און מענערישע קינאָס.

איר פאַרשטייט, פּאַניע רעדאַקטאָר, וואָס דאָס הייסט, באַזונדערע ווייבערישע קינאָס און מענערישע קינאָס? דאָס הייסט, אַז נישט מיר, מענער, נישט זיי, די ווייבער, וועלן אַריינשמעקן אין קינאָ. וואָס פאַר אַן אינטערעס, מ'שטיינסגעזאָגט, האָט עס פאַר מיידלעך צו זיצן מיט מיידלעך צוויי שעה אין דער פינסטער!... אויף וועלכע כפּרות דאַרפן דען יונגעלייט בכלל דעם קינאָ, אויב נישט צו „זאַפּראָשען" אַ מיידל, אַ יונגע „מענזשאַטקע" אין די לעצטע רייען, אָדער אין אַ „שטילער" לאָזשע?... זיי דאַרפן זען קונסט, רעזשי, שפּיל — אויף טישאַנצע כפּרות דאַרפן זיי דאָס!

אויב ס'וועלן איינגעפירט ווערן באַזונדערע קינאָס, וועלן מיר איינשפּאָרן אי געלט, אי קרענקעניש. אי אייערע טעכטער וועלן אייך נישט מאַטערן: „טאַטושו, יאַ כצען דאָ קינאָ". אי איר וועט נישט דאַרפן טראַכטן, אין וועלכן קינאָ אייער ווייבל גייט מיט איר פּשיאַטשעל.

דאָס נעמלעכע מיט טעאַטער:

אויב ס'וועלן זיין באַזונדערע טעאַטערן, מענערישע טעאַטערן און ווייבערישע טעאַטערן, וועט איר רואיק קענען זיצן אין דער היים, און אויך אייערע ווייבער וועלן כאָליען אין דער היים. זיי גייען דען אין טעאַטער זען די פּיעסע, שפּילן טעאַטער? זיי גייען דאָך נאָר באַווייזן די מענטשטשיזנעס זייערע „זגראַבנע נוזקשעס", די דעקאָלטן און די „ליניע", בעת דער „פּזשערוווע" אַריינגיין אין דער „פּאַלאַרניע", אַוועקזעצן זיך אויף אַ פאָטעל,

פארלייגן איין פיסל אויפן אנדערן, ווייזן די „פּזשעזראַטשיסטע" זיידענע זאָקן, פאַררויכערן פּאַפּיראָסן און צו שאַפן זיך נייע „זנאַיאָמאָשטשעס".

וועלן אָבער זיין באַזונדערע טעאַטערן, וועלן די ווייבער זיצן אין דער היים, פאַרצערעווען שקאַרפּעטקעס, צונייען א קנעפּל צום מאַנס גאַטקעס, נאָכקוקן די וועש, צוהיטן ס'פליייש, ס'זאָל נישט אָפּברענען — דאָס וועט זיין, אַז ס'וועלן זיין באַזונדערע קינאָס און טעאַטערן פאַר מענער און באַזונדערע פאַר ווייבער.

קור־ערטער.

איצט וועלן איינגעפירט ווערן באַזונדערע קור־ערטער פאַר מענער און באַזונדערע קור־ערטער פאַר ווייבער. קריניצע, לאָמיר זאָגן, וועט זיין א מענערישער קור־אָרט און טרוסקאַוויעץ — א ווייבערישער.

נו, בין איך זיכער, אַז מענער וועלן נישט פאָרן קיין קריני־צע און ווייבער וועלן נישט פאָרן קיין טרוסקאַוויעץ. מענער וועלן אויפהערן צו קרענקן אויף נירן און ווייבער וועלן אויפהערן באַ־קומען נאַפּאַדן. אַלע וועלן זיין געזונט, ווי די פערדלעך.

דאָס זעלבע וועט זיין מיט די דאָקטוירים: ווייבלעך וועלן זיך נישט טאָרן לאָזן „זבאַדען" פון מענער־דאָקטוירים, נאָר פון ווייבער־דאָקטוירים, נו, וועלן אונזערע ווייבער מער נישט „טשער־פּיען" אויף קיין שום חולאתן, זיי וועלן זיין געזונט און פריש און עס וועט אונז זיין גוט און וויל.

דאַנסינג.

דאַנסינג, בעלער, טאַנצשוועקעס, וועלן אויך זיין באַזונדערע. באַזונדערע דאַנסינגס און בעלער פאַר מענער און באַזונדערע פאַר ווייבער.

נו, פאַרשטייט איר דאָך, אַז מ'וועט דאָרט נישט זען קיין לע־בעדיקן נפש. צו וואָס זאָלן די פאַננעס און מענזשאַטקעס גיין „נאַ דאַנסינגו", אַז מיידלעך זאָלן זיי „זאַפּראָשען דאָ טאַנצאַ"?... א וואַזשנעם טעם, כ'לעבן, האָט ברויט מיט ברויט...

צו וואָס וועלן אונזערע ווייבלעך גיין אויף בעלער, וואָס זע־נען „מענער־ריין"? אַ שיין פּנים קאָן האָבן אַ באַל אָן איין פּאָר הויזן...

נו, וועלן אונזערע פּאַניענקעס נישט גיין „נאַ דאַנסינגו", און נישט אונזערע ווייבלעך וועלן גיין „נאַ באַלו". און אַז זיי וועלן נישט גיין אויף בעלער און אויף דאַנסינגס, וועלן מיר נישט דאַרפן אויסשטעלן וועקסלען אויף באַל־טואַלעטן, אויף יעדוואַבנע קליידלעך, אויף „ניעבעסקע ליסן", אויף לאַקערקעלעך און אויף זיידענע זאָקן.

פּליאַזשע.

אויך די פּליאַזשעס־פראַגע וועט געלעזט ווערן לטובת אונז, מענער.

ס'וועלן איינגעפירט ווערן באַזונדערע פּליאַזשעס פאַר מענער און באַזונדערע פאַר ווייבער.

נו, ווי מיינט איר, פּאַניע רעדאַקטאָר, וועט איר זומער זען איין נאַקעטע פּאַננע אָדער ווייבל אויף דער ווייבערישער פּליאַ־זשע? און דאָס אייגענע פאַרקערט: וועט איר זען איין נאַקעטן בחור אויף דער מענערישער פּליאַזשע? אסור, צי איר וועט זען איינעם פון זיי. די פּליאַזשעס וועלן זיין לײדיק. וועלן אונזערע ווייבלעך און אונזערע טעכטער נישט דאַרפן קיין קאָמפּיעליאַקעס, קיין באָד־קאָסטיומען, הייסט עס, וועלן זיי זיך נישט באָדן, וועלן זיי זיך נישט פאַרקילן, וועלן זיי נישט באַקומען קיין גריפּעס, קיין לונגען־אָנצינדונגען און עס וועט אונז זיין וווּיל און גוט.

אַי, וועט איר דאָך, פּאַניע רעדאַקטאָר, פרעגן, וואָס פאַראַ שייכות האָט עס מיין פּלאַן מיט דעם ראַטעווען די וועלט? איך האָב דאָך געזאָגט, אַז מיט מיין פּלאַן וועט די וועלט געראַטעוועט ווערן, ס'וועלן נישט זיין קיין מלחמות, קיין רעוואָלוציעס, אַז ס'וועט נעמען אַ סוף צו די בלוט־פאַרגיסונגען, מאָרדן, רויבן, עקסצעסן, פּאָגראָמען און אַנדערע אומגליקן? טאָ הערט־זשע ווייטער:

נאָך די אַלע באַזונדערע זאַכן, וועט מען זיך אַ נעם־טון צום

עיקר: צו די ווינונגען, אונזערע ווינונגען וועלן איינגעטיילט ווערן אין צוויי באַזונדערע טיילן: אַן אָפּטיילונג פאַרן מאַן און אַן אָפּטיילונג פאַר דער פרוי, ד. ה. באַזונדערע עס־צימערן און באַזונדערע שלאָף־צימערן, ד. ה., אַז מיר מיט דעם „שיינעם נע־שלעכט" וועלן בכלל נישט האָבן קיין שום געמיינזאַמעס, זיי באַ־זונדער און מיר באַזונדער...

אזוי־ארום וועט מיט דער צייט אונזער וועלט אליין פון זיך איינגעמען אַ מיתה־משונה. מ'וועט נישט דאַרפן קיין מלחמות, קיין רעוואָלוציעס, קיין עקסצעסן, קיין פּאָגראָמען, קיין באָמבעס און האַרמאַטן, קיין גיפטיקע גאַזן. די וועלט וועט אליין פון זיך איינ־געזונקען ווערן, און דאָס וועט געשען נאָך דאַן, ווען עס וועט רעאַליזירט ווערן מיין פּלאַן — אַ געטאָ פאַר ווייבער!...

מײַן װײַבס „זשימאָװע קוראַציע״...

איר זעט מײַנע אָפּגעפּרװירענע אױערן? איר זעט מײַנע געשװאָלענע פֿינגער, װי די קישנס? מײַנע װינטער־בײַלן אױף די פּיס? איר הערט מײַן הוסט, װי פֿון אַ הױלן פֿאַס? איר הערט, װי עס פּײַפּט בײַ מיר אַ לונג?

װעט איר דאָך פֿרעגן: ס'טײַטש? היתכן? װי קומט עס? בײַ אַזאַ לײַכטן װינטער געפּרװירענע אױערן? זעלטן װען איז אַ רעכט פֿרעסטל, און געפֿרװירענע פֿינגער? זעלטן מ'זעט אַמאָל אַ „בלימל״ אױף דער שױב, עס איז דאָך אַ לײַכטער װינטער און איך הוסט, װי פֿון אַ הױלן פֿאַס, און עס פּײַפּט בײַ מיר די לונג, װי אַזױ קומט עס? איז דער תּירוץ — מאָדע! איך בין, נישט פֿאַר אײך געדאַכט, נישט פֿאַר קײן שום בּאַװײַבטן געדאַכט, אַ קרבּן פֿון דער מאָדע, פֿון דער נײַער מאָדע — װינטער־װױנונג!...

װי איר װײסט, איז בּיז איצט געװען אַ מאָדע זומער־װױנונג, און איצט איז געװאָרן אַ מאָדע — װינטער־װױנונג. בּיז איצט זענען די װײַבער געפֿאָרן זומער אין דאָרף אַרײַן, פּאַשען זיך אױף די לאָנקעס, בּראָטן זיך אױף דער פּליאַזשע, פֿאַרקריכן אין די װעלדער, איצט איז געװאָרן אַ נײַעס: מ'פֿאָרט װינטער אין די דערפֿער. זומער פֿאָרט מען זיך אַדורכבּרענען און װינטער — אַדורכפֿרירן. דאָס האָבּן אונזערע דאָקטױרים, נישט געדאַכט זאָלן זײ װערן, צוגעטראַכט אַ נײַע צרה פֿאַר די מענער — „זשימאָװע קוראַציע״, װינטער־װױנונג, הײסט עס. טאָמער האָבּן מיר, מע־

נער, געהאט ווייניק זומער־ווּינונג, האָבן זיי אונז געגעבן אַ דאָ־דאטעק — ווינטער־ווּינונג.

פון דער דאָזיקער נייער צרה, פון דער „זשימאָווע קוראַציע", האָב איך מיך ערשט דערוווּסט היי־יאָר. אַרום חנוכה־צייט, האָט מיין יידענע פּלוצים געגומען „נאַזשעקען", עס שטעכט איר אין אַ זייט, ס׳ברעכן איר די ביינער, ס׳רוישט איר אין אַן אויער. עפּעס האָט זיך ביי איר אין מיטן ווינטער אָפּגערופן דער „וואָרע־טשעק זשולטשאָווי" — אַלע „סימנים" פון ערב דער זומער־ווּינונג... אַלץ, וואָס עס פּלעגט זיך איר מאַכן אין מאַי, האָט זיך איר היי־יאָר „געמאַכט" ערב חנוכה. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס שמעקט מיט עפּעס. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב דער „וואָרע־טשעק" רופט זיך אָפּ, וועט דאָס גלאַטיק נישט אָפּגיין. אַז דאָס שמעקט מיט עפּעס, אָבער ווּעמען זאָל דאָס איינפאַלן, אַז ס׳איז געוואָרן אַ נייע מאָדע, אַז מ׳פאָרט שוין ווינטער אויך, אַז ס׳איז דאָ אַ זשימאָווע קוראַציע!...

לאַנג האָט מיך מיין יידענע נישט געלאָזט וואַרטן, זי האָט מיר איבערגעגעבן די סיבה פון די פּלוצלינגע ווינטער־נאַפּאַדן.

— שמעלקעשי, דו ווייסט, וואָס דער דאָקטאָר האָט מיר גע־זאָגט?

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— ער האָט געזאָגט, אַז איך מוז שוין אַרויספאָרן אויף זשימאָווע קוראַציע.

— אויף וואָס? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען, מיט וואָס מען עסט דאָס.

— אויף זשימאָווע קוראַציע.

— אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס? ס׳ערשטע, וואָס איך הער דערפון.

— נו, יאָ, פון וואַנען זאָלסטו וויסן? אַנדערע מענער, — האָט זי אָנגעהויבן מיט איר אַלטן לידל, — ווייסן, וואָס דאָס איז. אַנדערע מענער שיקן זייערע ווייבער קיין זאַקאָפּאַנע, זיי זאָלן זיך „אוספּאָקאָיען" די נערוון. זיי ווייסן, וואָס דאָס איז אַזוינס „זשימאָווע קוראַציע".

האָב איך דאָך געזען, אַז דאָס שמעקט מיט עפּעס, אַז די פּלוצלינגע נאַפּאָרן זענען אויף עפּעס, פרעג איך זי:

— נאַכעלע, איז וואָס דאַרף מען טון?

— פאָרן אין דאָרף אַריין, דאָ ערגעץ נישט ווייט פון שטאָט.

— ווינטער אין דאָרף אַריין? וועלכער משוגענער פאָרט עס ווינטער אין אַ דאָרף, ווער? דו וועסט דאָך דאָרט איינפרירן!...

— נאַרעלע, — האָט זי מיר געגעבן צו פאַרשטיין,—ס'איז איצט אַזאַ מאָדע געוואָרן, זומער פאָרט די „האָלאָטע", די אינטע־ליגענץ, די גאַנצע „שמיעטאַנע" פאָרט איצט — ווינטער.

— איך פאַרטשיי נישט. וואָס הייסט? וואָס טוט מען ווינ־טער אין אַ דאָרף?

— שוטה, ווינטער איז דאָס דאָרף אַ סך מער „זאַימויאָנ־צע", ווי אום זומער. ווינטער מאַכט מען וויטשעטשקעס אויף סאַנקעס, מ'שליטלט זיך „וו' טאָוואַזשיסטוויע" אין וואַלד. מ'טו־ליעט זיך איינער צום אַנדערן. עס ווערט אַזוי „וואַרעם אויף דער נשמה"... אָדער מ'טאָפּטשעט אין די שנייען. קומט מען צוריק פון אַזאַ ביסל טאָפּטשעניע, באַקומט מען אַ גאָר וואַזשנעם אַפּעַ־טיט, האַקט מען אַ סעודה. נאָך אַ קאָלאַציע גייט מען ווידער אַרויס „דאָ לאַסו", אויך „וו' טאָוואַזשיסטוויע", פאַרשטייט זיך. ביי אַזאַ „טאָוואַזשיסקע ספּאַצערעק" פאַרגעסט מען, אַז מ'האָט אַ „ראָזשעזשעטע" לעבער... מ'הערט נישט רוישן אין די אויערן, מען „אוספּאָקאָיעט" זיך די נערוון — ווער מיר גוטס גינט!...

נו, פאַרשטייט איר דאָך, אַז נאָך דער דרשה, האָט מיין יידענע איינגעפּאַקט דעם טשעמאָדאַן, און היידאַ — אַוועק אין דאָרף אַריין, אויף דער ווינטער־וואוינונג. און פאַרוואָס זאָל זי טאַקע נישט פאָרן, פאַרוואָס? אַז עס איז געוואָרן אַזאַ מאָדע זשי־מאָווע וואַקאַציע, וואָס מאַכט פאַרגעסן, וואָס „אוספּאָקאָיעט" אַזוי שטאַרק די ווייבערישע נערוון, אַז אַלע ווייבער פאָרן ווינ־טער אויף זומער־וואוינונג, טאָ פאַרוואָס זאָל זי, מיין יידענע, זיין אַ יוצא מן הכלל? פאַרוואָס זאָל זי נישט פאָרן ווינטער אויף זו־מער־וואוינונג?

וואָלט דאָס נאָך אַלץ געווען אַריבערצוטראָגן, וואָרום וואָס טוט נישט אַ מאַן פאַר אַ ווייב, וואָס טשערפּיעט? וואָלט איך דאָס אַלץ אָנגענומען באהבה, ווען נישט דאָס, וואָס איך אַליין שפּיל מיטן לעבן. צוליב מיין ווייבס „זשימאָווע קוראַציע", וועל איך נאָך חלילה באַצאָלן מיט מיין לעבן, און ווייסט איר, רבותי, ווי אַזוי? טאָ הערט־זשע:

יעדן פרייטיק מוז איך צו איר צופאָרן. פּונקט ווי אויף דער „ליעטניע מיעשקאַניע", מוז איך איצט אויף דער „זשימאָווע מיעשקאַניע" — צופאָרן. יעדן פרייטיק פּאַק איך איין דעם טשעמאָדאַן און לאָז מיך אַרויס צו מיין ווייב אין דאָרף אַריין, און אַזוי ווי פון דער באַן ביזן דאָרף איז אַ קימא לן פון עטלעכע קילאָמעטער, פאַרבאַבל איך מיר דעם קאָפּ מיט אַ פּאַטשיילע, די אויערן פאַרפּאַק איך מיט וואַטע, דעם האַלז וויקל איך אַרום מיט אַ וואָלענעם שאַל, טו אָן זעקס שפּאַנצערס, צוויי סוועטערס, פון אויבן דעם פּעלץ, און אין אַזאַ „הולך" לאָז איך מיך צו מיין ווייב אויף דער ווינטער־וואוינונג.

נאָך דעם ערשטן וויזיט האָב איך באַקומען ווינטער־ביילן אויף די פיס. נאָך דער צווייטער רייזע האָב איך באַקומען פינגער, ווי די קישנס. נאָך דער דריטע רייזע האָב איך באַקומען שטייפע אויערן, איצט, נאָך דער לעצטער רייזע, האָט מיר גענומען פייפן אַ לונג, און גענומען הוסטן, ווי פון אַ הוילן פאַס. נאָך יעדער רייזע, אַז איך קום אַהיים אַ לעבעדיקער, טו איך גומלבענטשן.

איצט גרייט איך מיך ווידער אויף דער רייזע, און ווער ווייסט, מיט וואָס איך וועל קומען צוריק...

אַ זון אַ דאָקטאָר!...

אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט קינדער. האָבן קינדער — האָט מיין באָבע ע"ה געזאָגט — איז נישט קיין קונץ, אַ קונץ איז צו דערציען קינדער. אוי, הערט איר, איז דאָס מין קינדער־דערציאונג אַ קונץ!

איך זאָג עס אַקעגן מיין אייגענעם זון, וועגן מיין בן־יחיד, דעם דאָקטאָר.

— פייגעלע, — האָב איך געטענהט מיט מיין יידענע, — וואָס ווילסטו מאַכן פון דיין זון? ער האָט מיט מזל געסקאָנטשעט די שקאָלע, דאַרף מען טראַכטן וועגן אַ תכלית. געבן אים צו אַ שניידער אין דער לער, וועט ער ווערן אַ גוטער בעל־מלאכה, ווי זאָגט מען עס: מיט דער שער אין האַנט, איז מען אַ מחותן אין יעדן לאַנד. — איז זי געוואָרן אין כעס און גענומען שרייען:

— נישט ביי מיין לעבן! איך דאַרף נישט קיין שניידערס! דו הערסט? איך וויל נישט קיין שניידערס!

— טאָ וואָס דען ווילסטו פון אים מאַכן?

— אַ דאָקטאָר. מיין שמחהלע מוז זיין אַ דאָקטאָר.

— אַ דאָקטאָר? דו ווייסט כאָטש, מיט וואָס אַ דאָקטאָר שמעקט?

— איך ווייס, מיט וואָס אַ דאָקטאָר שמעקט, אַ דאָקטאָר שמעקט זייער גוט. פון וואַנען זאָלסטו וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ דאָקטאָר? ווי קומסטו צו אַ דאָקטאָר? פרעג מיך, וועל איך דיר זאָגן, מיט וואָס אַ דאָקטאָר שמעקט... אַ שיינער יונג

איז ער, ווי גאָלד, קלוג, ווי דער טאָג, איינגאַנצן געראָטן אין מיר. וויצן דערציילן קען ער אויך, אויף צו מאַכן קאָמפּלימענטעלעך איז ער אַ מייסטער, און אַז די ווייבלעך און פּאַציענקעס וועלן זיך דערוויסן, אַז ס'איז דאָ אַ יונגער, שיינער דאָקטאָר מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע, מיט גרויסע, שוואַרצע שליפֿיעס, וואָס ביים „זבאַדען" זאָגט ער וויצן און מאַכט קאָמפּלימענטן, וועלן זיך נעמען שיטן פּאַציענטקעס, ווי האָגל; מ'וועט ברענגען די פינפערלעך און צע־נערלעך, ער וועט ווערן „סלינגע" צווישן ווייבלעך, און טאָמער ווערט אַ יונגער דאָקטאָר „סלינגע" צווישן דעם „שיינעם גע־שלעכט" — איז ער אַ גליקלעכער מענטש... וואָס דאַרפסטו מער, איך אַליין, אַז איך פיל מיך אַביסל דאָסיק, זוך איך אויך אַ יונגן, „סלינגעם" דאָקטאָר, איך האָב פיינט אַן אַלטן דאָקטאָר, וואָס ציטערט מיט די הענט, וואָס האָט אַן אויסגעקראָכענע ליסינע; כ'האָב מיר „זאַופּאַניע" צו אַ שיינעם, יונגן דאָקטאָר. אַ יונגער דאָקטאָר גיט זיך מער אָפּ מיט אַ פּאַציענטקע, ווי אַן אַלטער דאָקטאָר; אַ יונגער דאָקטאָר טוט גאָר אַנדערש „זבאַדען", ווי אַן אַלטער דאָקטאָר; אַ יונגער דאָקטאָר „באַהאַרכט" גאָר אַנדערש, ער זאָגט אַ וויץ, מאַכט אַ קאָמפּלימענט, דאָס, יענץ „אי טאַק דאַלעי"... ווער מיר גוטס גינט, זאָל מען זיך לאָזן „באַדען" פון אַ שיינעם, יונגן דאָקטאָר... און אַז שמחהלע וועט זיין אַ דאָק־טאָר, וועט ער טאַקע האָבן פּאָוואָדזעניע, ער האָט אַלע „זדאָל־נאָסטשעם" צו קענען צוציען די קראַנקע, שוואַכע ווייבלעך און פּאַנגעס, וואָס דאַרפן האָבן אַ „רפואה שלמה"...

— יאָ, זייער גוט, ביזט טאַקע גערעכט, אַ דאָקטאָר איז טאַקע אַ גוט פאַך, אָבער דו ווייסט כאָטש, אַז שטודירן אויף דאָק־טאָר דאַרף מען האָבן אַ מאַיאָנטעק? צוערשט שטודירן, דערנאָך פּראַקטיצירן, און ביז מ'זעט די נחמה, גייט אויס די נשמה.

— איך וויל פון גאָרנישט וויסן, — האָט מיין יידענע גע־טענהט, — שמחהלע מוז זיין אַ דאָקטאָר! כ'וועל נישט עסן, כ'וועל נישט טרינקען, כ'וועל מיך אָפּזאָגן פון אַלעם, אַבי איך זאָל האָבן אַ זון אַ דאָקטאָר.

נו, האָב איך דאָך געזען, אַז ס'איז אַ פאַרפאַלענע זאַך. טאָ־

פער האָט זיך מיין פייגעלע גענומען אין קאָפּ אַריין אַ דאָקטאָר, וועט שוין גאָרנישט העלפן. האָב איך גענומען דעם שמחהלען, אים אַוועקגעשטעלט שטודירן.

האָט מיין פייגעלע געשיינט פון שמחה מיט ווען זי האָט גערעדט, האָט זי ביי יעדן צווייטן וואָרט געזאָגט:

— מיין דאָקטאָר.

— מיין סטעפּעק (איצט איז ער ביי איר פון שמחה געוואָרן סטעפּעק).

איז ער געקומען אַהיים אויף אַ יום־טוב, צי אויף וואַקאַציע, האָט זי זאַפּראָשעט געסט און פאַרגעשטעלט:

— „מוי סין, פּזשישלי דאָקטור".

האָט זי געקוקט אויף אים מיט דעם סטודענטסקע שטערצל אויפן קאָפּ, האָט איר דאָס פּנים געשיינט פון שמחה.

איצט איז ער שוין מיט מזל אַ דאָקטאָר, דאָס הייסט, קיין גאַנצער דאָקטאָר איז ער נאָך נישט, ער פּראַקטיצירט ערשט, און אויף וועמען, מיינט איר, פּראַקטיצירט ער? אויף מיר און אויף מיין ווייב. מיר זענען די ערשטע פּאַציענטן זיינע.

נו, האָב איך עס אַביסל געבערענטע צרות פון מיין דאָקטאָר. היות, ווי קיין אייגענעם קאַבינעט האָט ער נאָך נישט, האָט ער דערווייל דעם קאַבינעט געמאַכט ביי מיר אין שטוב. איך בין דער לאָקיי און מיין ווייב — די פּאַציענטקע, אָדער פאַרקערט: איך בין דער פּאַציענט און מיין ווייב — די דינסט. אין קאָרידאָר האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ טישל מיט שטולן — אַ „פּאָטשעקאַלניע", גאַנצע טעג זיץ איך אין דער „פּאָטשעקאַלניע" און וואַרט... אויף אַ פּאַציענט, און טאָמער גיט עמעצער אַ קלינג ביי דער טיר, לויפט מיין יידענע אין אַ ווייסן טשעפּעק אויפן קאָפּ צו דער טיר עפענען.

איצט מוז איך געדענקען די לעקציע, וואָס ער האָט מיר געגעבן. דעם ערשטן טאָג, ווען ער האָט געעפנט דעם „קאַבינעט", האָט ער מיר און מיין ווייב געגעבן אַ לעקציע, וואָס מיר האָבן צו טון.

טאָמער קומט אַריין אַ פּאַציענט, דאַרף איך דערציילן די

מעלות פון דאָקטאָר, ווי אַזוי ער קורירט מיך, ווי אַזוי ער האָט מיך געמאַכט פון טויט לעבעדיק, און אַז איך זיץ שוין דאָ אין דער פּאַטשעקאַלניע שעהן־לאַנג, ווייל דער דאָקטאָר האָט אַ גרויסע פּראַקטיק.

איר, דער מוטער, האָט ער געגעבן אַ לעקציע, ווי אַזוי אויפצונעמען אַ פּאַציענט. טאָמער קומט אַריין אַ פּאַציענט און פרעגט:

— „טשי פּאַן דאָקטור פּשימויע?״, דאַרף זי ענטפערן:

— „פּאַן דאָקטור זאַיענטי״.

— „פּאַן דאָקטור מאַ קאָנסוליום״.

— „פּאַן דאָקטור ווייעכאַל דאָ כאַרעגאָ״.

אָבער אַרויסלאָזן זאָל זי קיינעם נישט. פּאַרהאַלטן, אַריינבעטן אין דער פּאַטשעקאַלניע, געבן צו לייענען אַן אַלטע צייטונג, אַ זשורנאַל, אַן אַלבאָם.

אַ חוץ איך און מיין ווייב, האָט ער זאַפּראָשעט די גאַנצע משפּחה: אַלע פעטערס און מומעס און געשוועסטערקינדער. אַלע זיצן זיי אין דער פּאַטשעקאַלניע, טאָמער פאַרבלאָנדזשעט זיך טאַקע אַ פּאַציענט, זאָל ער זען, וואָס פאַרא גרויסע „פּראַקטיק״ דער יונגער דאָקטאָר האָט.

נו, זיץ איך טאַקע גאַנצע טעג אין דער פּאַטשעקאַלניע און וואַרט. מיין יידענע אין טשיפּעק שטייט „נאַ פּאַגאָטאָוויו״ און וואַרט אויף אַ קלינג, און אַזוי ווי דאָס גלעקל רירט זיך נישט, זיצן מירביידע, איך און מיין ווייב — און מיר וואַרטן.

די לעצטע טעג האָט ער גענומען „פּראַקטיצירן״, היות, ווי קיין פּאַציענטן האָט ער נישט, האָט ער דערווייל גענומען פּראַקטיצירן אויף מיר און אויף מיין ווייב.

— טאַטע, — זאָגט ער צו מיר, — דו ווייסט, אַז דו ביזט שוין אַ מענטש אין די יאָרן?

— נו, איז וואָס?

— נו, אין די יאָרן, — זאָגט ער, — דאַרף שוין אַ מענטש מאַכן אַ שטיקל חשבון־הנפש; אין דיינע יאָרן מאַכט זיך ביים

מענטש פֿאַרשידענע זאַכן: זאַמד, נירן, לעבער, האַרץ, דאָס יענץ אי טאַק דאַלעי.

— איז וואָס, מיינסטו, דאַרף איך טון?

— קודם־כּל אַן אַנאַליז. די אַנאַליז ווייזט אַרויס, וואָס איי־נער האָט; לויט דער אַנאַליז ווייסט מען, ווי אַזוי צו קורירן.

נו, האָב איך אים געפֿאָלגט. האָב איך אים געגעבן מיין „מאַטעריאַל", ער האָט עס איינגעפּאַקט, ווי אַ טייער פֿלעשל שאַמפּאַן, צו מאַכן די אַנאַליז.

צומאָרגנס פֿרעג איך אים:

— נו, סטעפּעק, וואָס האָב איך?

האָט ער אַרויסגענומען די „מגילה" און גענומען לערנען, לערנען אַהין, אַהער קנייטשט דעם שטערן, דרייט מיט די אויגן, קוקט אויף מיר און אין דער מגילה אַריין, און צום סוף זאָגט ער צו מיר:

— טאַטעשי, טו דיך אויס!

— צו וואָס אויסטון זיך?

— כ'מוז דיך זבאַדען.

האָב איך געפֿאָלגט מיין דאָקטאָר, האָב איך מיך אויסגע־טון אדם־נאַקעט, ווי אין מרחץ להבדיל...

— טאַטעשי, צי דיך אויס!

— ווו זאָל איך מיך אויסציען?

— אויף דער קאָזעטקע.

האָב איך מיך אויסגעצויגן, און ער האָט זיך גענומען צו דער מלאכה. גענומען האָט ער זיך צום בויך. אַ קוק אין דער מגילה, און אַ קוועטש אין בויך.

— דאָ טוט דיר ווייִ?

— ניין, ס'טוט מיר נישט וויי.

— ווען דערציילסטו, אַז ס'טוט דיר נישט וויי? ס'מוז דיר וויי־טון!

— וואָס הייסט ס'מוז, אַז ס'טוט מיר אָבער פֿאָרט נישט וויי!

— ס'איז נישט מעגלעך. דאָ, אויף דעם אָרט מוז דעם טאַ־טעשי וויי־טון!

— פֿון וואַנען ווייסטו, סטעפּעקל, אַז דאָ מוז מיר וויי־טון?
— לויט דער אַנאַליז!
— וואָס זאָגט דאָרט די אַנאַליז? — בין איך געוואָרן נייי־געריק.
— די אַנאַליז זאָגט, אַז דו האָסט צו טון מיט פֿרויען־זאַכן...
— איך? איך האָב צו טון מיט פֿרויען־זאַכן? ווי קומט אַ מאַנספּערשוין צו פֿרויען־זאַכן?
— אַזוי שטייט דאָ, אין דער אַנאַליז! דאָ, אויף דעם אָרט, זעסט, טאַטעשי, אויף דעם אָרט, האָסטו עפּעס. ווען איך וויים נישט, אַז דו ביזט מיין טאַטע, וואָלט איך געווען זיכער, אַז דו ביזט מעוברת...
— איך? איך בין מעוברת? אַ טאַטע קאָן זיין מעוברת?
— אַזוי שטייט דאָ, אין דער אַנאַליז!
הקיצור, איר ווילט וויסן דעם סוף?
דער סוף איז געווען, אַז ער איז געווען גערעכט. ס'איז נאָר געשען אַ קליינע מיספֿאַרשטענדעניש, ער האָט אויסגעטוישט די יוצרות. צוזאַמען מיט מיין „מאַטעריאַל" האָט ער אויך גענו־מען דאָס „מאַטעריאַל" פֿון דער מאַמען... איז דאָס, וואָס ער האָט געזאָלט זאָגן דער מוטער, האָט ער מיר געזאָגט. אַזוי־אַרום האָט מיך מיין זון, דער דאָקטאָר, געמאַכט מעוברת...
נו, פֿרעג איך אייך, וואָלט נישט גלייכער געווען, ווען איך האָב אַ זון אַ שניידער, נישט אַ דאָקטאָר? וואָלט איך געהאַט אַ זון אַ שניידער, וואָלט איך געהאַט אַ „קאָזשישטש". האָב איך אַ זון אַ דאָקטאָר, מאַכט ער די מאַמע פּאַר אַ טיר־עפֿענערין און דעם טאַטן מאַכט ער — מעוברת... און דאָך איז מיין יידענע צופֿרידן, זי האָט אַ זון אַ דאָקטאָר...

אוי, דער בלוט־דרוק...

ווי געפעלט אייך די נייע מאָדע? א מאָדע מיט בלוט־דרוק! וווּ איר גייט און וווּ איר שטייט, הערט איר נישט מער: בלוט־דרוק און בלוט־דרוק. אין גאַס, אין געשעפט, אין מאַרק, אין דער יאַטקע, אין בית־המדרש, אין דער מקוה, אומעטום רעדט מען וועגן בלוט־דרוק. דער סוחר, דער פאַבריקאַנט, דער קצב, דער בעקער, דער אַדוואָקאַט, דער שוסטער, דער גבאי, דער שמש, דער בעדער, גרושות, אַלמנות, און סתם יידענעס — אַלע מעסטן זיך דעם בלוט־דרוק. אויף טריט און שריט הערט איר שמועסן:

— וואָס פאַרא בלוט־דרוק האָט איר?

— 120.

— נישט־קשה! און איר?

— 150.

— טאַקע. צו שטאַרק אויף אייערע יאָרן.

— מיין מאַן האָט, נישט פאַר איהן געדאַכט, 190.

— א בראָך צו מיר נישט! 190? 190 א בלוט־דרוק? נו, טוען זי נישט רייסן קברים?

אָדער אזא געשפּרעך:

— ווי האַלט איר עפעס מיט אייער בלוט־דרוק?

— ביי מיר איז ב"ה נאָרמאַל.

— דהיינו?

— 100.

— אָ, זענט איר אַ „זוך", כ'לעבן! אין אייער עלטער נישט מער, ווי אַ הונדערטער דרוק — זענט איר אַ מאַלאַדיעץ!

אַט אַזעלכע געשפּרעכן הערט איר אויף שריט און טריט. יעדער מעסט זיך דעם בלוט־דרוק. יעדער ווייסט זיין „דרוק" — הימל און ערד און בלוט־דרוק!

האָט מיך טאַקע די מעשה פאַרדראָסן. יעדער ייד האָט אַ בלוט־דרוק, טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט האָבן? אַלע יידן מעסטן זיך, פאַרוואָס זאָל איך מיר נישט מעסטן? לאָמיך אויך וויסן, טאָמער פרעגט מען מיך וועגן מיין בלוט־דרוק, לאָמיך כאָטש ווויסן צו ענטפערן.

נו, בין איך טאַקע אריין צום ערשטן בעסטן דאָקטאָר, ער זאָל מיך מעסטן.

פרעגט מיך דער דאָקטאָר:

— וואָס פעלט איך, פאַניע־לעבן?

— גאָרנישט, — האָב איך געענטפערט.

— גאָרנישט? — האָט זיך דער דאָקטאָר געוווּנדערט. — אויב ס'פעלט איך גאָרנישט, טאָ צו וואָס זענט איר געקומען צו מיר?

— כ'בין געקומען צו איך, פאַניע דאָקטאָזשע, דערפאַר, ווייל ס'איז דאָ אַ שפּריכוואָרט: אַז מ'דאַרף דעם גנב... יאָ, איך בין געקומען צו איך, איר זאָלט מיך אָפּמעסטן.

— אָפּמעסטן? ווי הויך איר זענט? — האָט מיך דער דאָקטאָר אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס.

— נישט ווי הויך איך בין, נאָר... נאָר... דעם דרוק מיינעם.

— אחאַ, כ'פאַרשטיי שוין, עס דריקט איך? ביים מאָגן? ביים הארצן?

— ווי פאַלט איר אויס? מיך דריקט נישט, נישט ביים מאָגן, נישט ביים הארצן, ס'זאָל איך, פאַניע דאָקטאָזשע, אַזוי דריקן, ווי עס דריקט מיך. ס'זאָל אַלע יידן אַזוי דריקן, ווי ס'דריקט מיך.

— נאָר וואָס דען פאַר אַ דריקעניש האָט איר?

— כ'וועל אייך, פאַניע דאָקטאָזשע, וויאַשניען, וועט איר פאַרשטיין, וואָס איך מיין:

ס'איז איצט געוואָרן אַ מאָדע בלוט־דרוקעניש. יעדער איינ־ציקער מעסט זיך דעם בלוט־דרוק. יעדער איינער ציילט, וויפל ס'דריקט אים. נו, וויל איך וויסן, צי כ'האָב אַ בלוט־דרוק.

האָט דער דאָקטאָר אָנגעטון זיינע שפּאַקולן און מיך גענו־מען אויספרעגן:

— ווי אַלט זענט איר?

— קרוב אַ זעכציקער, נישט פאַר אייך געדאַכט, — האָב איך געענטפערט.

— עס רוישט אייך מסתמא אין קאָפּ? — האָט מיך דער דאָקטאָר געפרעגט.

— יאָ, זייער אָפט.

— ווען, למשל?

— ווען מיין ווייב רעדט... אוי, מישט זיך מיר דעמאָלט אין קאָפּ!

— ס'קלעמט אייך ביים הארצן?

— אָבער נאָך אַ מין קלעמעניש!

— ווען?

— ווען מ'קומט מיט אַ פּראָטעסטל, ווען כ'לייען מיין ווייבס „ליבעס־בריוולעך" וועגן כסף — אוי, הערט איר, פאַניע דאָק־טאָזשע, דריקט מיך דעמאָלט!

האָט דער דאָקטאָר אויסגעהערט די סימנים פון מיין דריקע־ניש, האָט ער מיך צוערשט געהייסן אויסטון די תחתונים, פאַר־געבן, גענומען האָט ער מיט מיר קאָמאַנדעווען, ביז... ביז איך בין בייז געוואָרן און אַ זאָג געטון:

— פאַניע דאָקטאָזשע, איך בין געקומען צו אייך, איר זאָלט מיר מעסטן דעם דרוק, וועט איר מעסטן דעם דרוק, איז גוט, טאָמער נישט, שפּרינג איך שוין אַראָפּ פון דער קאַנאַפּע, איר הערט?

האָט טאַקע דער דאָקטאָר מיך געפאָלגט און האָט מיר גע־נומען מעסטן. ער האָט גענומען עפּעס אַ וועק־זייגער און אים מיר

אָנגעטאָן אויף מיין תפילין־העַנטל און געציילט. געציילט און גע־ציילט און צום סוף זאָגט ער צו מיר:

— פאַניע־לעבן, איר האָט אַ געהעכערטן בלוט־דרוק.

— ווי הויך, למשל?

האָט ער געקוקט אויפן זייגער און נישט געענטפערט.

— נו, זאָגט שוין, ווי שפּעט איז אויף אייער בלוט־זייגער?

— 130, — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— 130? וואָס באַדייט דאָס?

— דאָס באַדייט, אַז איר האָט אַ געהעכערטן בלוט־דרוק, און איר מוזט האַלטן אַ דיעטע.

— מיט וואָס עסט מען דאָס?

— דאָס הייסט, אַז איר מוזט טון אַ קליינינקייט.

— למשל, וואָס פאַר אַ קליינינקייט?

— איר מוזט אויפהערן צו עסן.

— נישט מער? ס'איז נישט קיין סך.

— ס'הייסט, נישט אינגאַנצן אויפהערן צו עסן, איר וועט מעגן עסן נאָר דאָס, וואָס איך וועל אייך הייסן.

— למשל?

— נישט געזאַלצן, נישט געשמאַלצן, נישט געפעפערט, נישט קיין שווערע זאַכן, נישט קיין פּיקאַנטע מאַכלים, נישט קיין פלייש, נישט קיין פיש, נישט קיין הערינג, נישט קיין אייער, נישט קיין מילך, נישט קיין ברויט, נישט קיין פּוטער, נישט טרינקען קיין בראָנפן, קיין ביר, קיין וואַסער, נישט קיין...

— אַנטשולדיקט, פאַניע דאָקטאָזשע, טאָ וואָס מעג איך יאָ עסן?

— נאָר לייכטע זאַכן.

— אַהאַ, לייכטע זאַכן: פּוך? פעדערן? זיידן־פּאַפּיר? — לייכטע זאַכן.

— איצט דערקלערט מיר, פאַניע דאָקטאָזשע, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ בלוט־דרוק?

— אַ בלוט־דרוק, — האָט מיר דער דאָקטאָר דערקלערט,— דאָס נעמט זיך פון... בלוט. בלוט האָט אַ טבע, אַז דאָס לויפט,

אזוי לאַנג, ווי ס׳לויפט נאָרמאַל, איז גוט, טאָמער נעמט עס אָבער לויפן משוגענערווייז, לויפט עס אָן אַ סדר און ס׳פאַרבלאָנדזשעט זיך זייער אָפט אין קאָפּ אַריין — פאַרשטאַנען?

— אַהאַ, איצט פאַרשטיי איך. הייסט עס, אַז מיין בלוט איז אויך נישט אינגאַנצן נאָרמאַל?

— זיכער נישט!

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

— דער זייגער! דער זייגער ווייזט עס מיר.

האָב איך דעם דאָקטאָר באַצאָלט פאַר דער וויזיט. איך בין אַוועק אַ צופרידענער, וואָס איך וועל איצט וויסן וואָס צו ענטפערן, טאָמער וועט מען מיך פרעגן: ווי האַלט אייער בלוט־דרוק? וועל איך כאָטש וויסן צו ענטפערן — 130.

געקומען אַהיים, האָב איך מיין יידענע דערציילט, אַז איך האָב שוין אויך דאָס אייגענע, וואָס אַלע יידן האָבן. כ׳האָב אויך שוין מיט מזל אַ בלוט־דרוק, און אַז איך וועל מעגן עסן נאָר פוך, פעדערן און זיידן־פּאַפּיר, האָט מיין יידענע מיך אָנגעקוקט, ווי משוגע:

— הערש מאַכל, ווער האָט דיך געהייסן גיין צום דאָקטאָר? דו ווייסט נישט, אַז דאָקטוירים קענען איינרעדן אַ לונג־און־לע־בער ביי דער נאָז?

האָב איך נישט געהערט, וואָס מיין יידענע רעדט, האָב אויפגעהערט צו עסן. האָב מיר אַליין געקויפט אַזאַ בלוט־זייגער און מיר כסדר געמאָסטן דעם דרוק. אין דער פרי, פאַרן לייגן די תפילין, האָב איך צוערשט געלייגט דעם בלוט־זייגער, פאַרן מי־טאָג — געמאָסטן, נאָכן מיטאָג — געמאָסטן, פאַרן שלאָפן גיין — געמאָסטן. אזוי האָב איך כסדר געהאַלטן אין איין מעסטן.

נישט נאָר איך אַליין האָב מיר געמאָסטן, מיין ווייב מעסט איך דריי מאָל אין טאָג איר דרוק. כ׳גיב איר אַ לייג־אַרויף דעם זייגער אויף דער האַנט און מעסט!

נישט נאָר מיין ווייב, אַפילו דער שיקסע מעסט איך איר דרוק. נישט ווי, נישט ווען, גיי איך אַריין אין דער קיך, גיב זי

אַ צי אוים אויף דער שלאָף־באַנק, טו איר אָן דעם זייגער אויף דער האַנט און מעסט איר אָפּ דעם „דרוק".

האָבן די שכנים זיך דערוווּסט, אַז איך האָב אַ „בלוט־זייגער", האָבן זיך גענומען די שכנים און שכנטעס, יעדער קומט, כ'זאָל אים אָפּמעסטן, טו איך זיי צוליב און מעסט. אַ גאַנצן טאָג איז די קאַנאַפּע פאַרנומען, אַ שכן אַראָפּ און אַ שכנטע אַרויף. יעדן שכן טו איך אָן דעם זייגער, יעדע שכנטע דערצייל איך די מעשה, אַז זי מוז אויפהערן צו עסן. כוהאַלט „אָדטשיטן", וואָס דאָס איז אַזוינס אַ בלוט־דרוק, פון וואַנען דאָס נעמט זיך.

איצט רעכן איך מיר צו עפענען אַזאַ מין בלוט־זייגער־קאַבינעט, אפשר וועט דאָס זיין אַ שטיקל פרנסה!?...

אַלזאָ, רבותי, טאָמער ווילט איר ווּסן, צי ס'דריקט אייך, טאָמער ווילט איר אויפהערן צו עסן, טאָ קומט אין מיין בלוט־זייגער־קאַבינעט!

יונגע מענזשאַטקעס, וואָס ווילן פאָרן אין די בעדער, מאַך איך אַ הויכן בלוט־דרוק — „נאַ פּאָטשעקאַניו"...

זי זוכט אַ קרענק...

צום דאָקטאָר קומט אַ יידענע, וואָס לויט איר „פּיזיאָנאָ־מיע", האָט זיך דער דאָקטאָר גלייך געשטעלט די פראַגע: צו וואָס דאַרף זי אַ דאָקטאָר? ווען זי זאָל זיך שטעלן צו דער פּאָ־באַר־קאָמיסיע, וואָלט מען זיכער געזאָגט: „גאָדין וו' סטראָי". מ'וואָלט זי זיכער פאַרשריבן אויף „קאַטעגאָריע אַ" — אַ פּאַר־שוין, אַ אָסאָבע, מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, פּיס, הענט און אַ קאָפּ־און־צונג — אַ גאַנצער ראָטהויז!...

באַטראַכט דער דאָקטאָר דאָס „געשטעל", באַקוקט זי פון קאָפּ ביז פיס, און צום סוף פרעגט ער זי נישט דרייסט:

— „טשי פּאַני דאָ מניע"?

— אַ שיינע שאלה, כ'לעבן, צו וועמען דען, צום רבי? — אודאי בין איך געקומען צו אייך!

— „נאַ זבאַדאַניע"?

— וואָס דען? באַוויען זיך מיט אייך? צום באַוויען זיך, האָב איך וואַזשנערע כלאָפּצעס פון אייך. אַודאי בין איך געקומען, איר זאָלט מיך זבאַדען, נאָר נישט פלעגמאַטיטשנע, ווי יענער אַלטער טאַבעק־שמעקער האָט מיך געזבאַדעט: אַ טאַפּעלע אויף די פּלייצעס, אַ גלעטל ביים בויך — און פאַרטיק!... איך וויל, אַז איר זאָלט מיך זבאַדן נישט פלעגמאַטיטשנע. „ענערגיטשנע" זאָלט איר מיך זבאַדען, זשאַלעוועט נישט קיין קוועטש, וואָס אַרט אייך? ס'קאָסט אייך געלט? איך באַצאָל און איר קוועטשט!... איר זאָלט אַזוי קוועטשן, אַז ביי יעדן קוועטש זאָלן מיר פליען פונקען

פאַר די אויגן. פון אַ טאַפּעלע אויף די פּלייצעס און פון אַ גלעטע־לע אויפן בויך, וועט איר בײַ מיר גאָרנישט געפינען. אויב איר ווילט בײַ מיר עפּעס געפינען, טאָרט איר נישט זשאַלעווען קיין קוועטש — פאַרשטאַנען?

— אהאַ, ראַזומיעם, — קוועטשן פּאַ מענסקו, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— אָט, אָט, אָט־אָ דאָס מיין איך טאַקע, — האָט די יידע־נע געענטפערט, — איך זע שוין, אַז איר זענט אַ וואַזשנע דאָק־טאָר. אַזאַ „דאָקטאָר" זוך איך מיט ליכט.

דער דאָקטאָר האָט זי ווידער באַטראַכט און געפרעגט:

— אויף וואָס טשערפּיעט איר?

— כאַ... כאַ... כאַ... — האָט זיך די פּאַציענטקע פאַנאַנ־דערגעלאַכט. — דאָס איז דאָך די גאַנצע צרה, וואָס איך טשער־פּיע נישט, צוליב דעם בין איך דאָך געקומען צו אייך!

— „יאַ ניע ראַזומיעם". אויב איר טשערפּיעט נישט, טאָ צו וואָס זענט איר געקומען צו מיר?

דאָ האָט די יידענע דעם דאָקטאָר אָנגענומען מיט איין האַנט פאַר די לאַצן און מיט דער צווייטער האַנט — פאַר דער גאָמבע און „וויאַשניעט":

— פּאַניע דאָקטאָזשע, איך בין אומגליקלעך, איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען אין קיין שום טאָוואַזשיסטווע. איך זיץ, ווי אַ ליימענער גולם, יעדע מענזשאַטקע האָט עפּעס, און איך האָב גאָרנישט. און אויב איר, פּאַניע דאָקטאָזשע, וועט מיר נישט העלפן, וועל איך מיר דאָס לעבן נעמען!...

— „יאַ ניע ראַזומיעם, אַ צאָ פּאַני כאָדזשי"? — האָט דער דאָקטאָר ווידער נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי וויל פון אים.

— ניע ראַזומיעם אַהין און ניע ראַזומיעם אַהער. אַ דאָק־טאָר זאָל האָבן אַזאַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, — האָט זיך די יידענע דע־נערווירט, — איך רעד דאָך, דאַכט זיך, „וויראַזשנע", און איר האַלט אין איין ניע ראַזומיען; איך זאָג אייך נאָך אַמאָל: אויב איר וועט בײַ מיר נישט עפּעס געפינען אַ שטיקל קרענקל, וועל איך מיר דאָס לעבן נעמען!

— דלאָטשעגאָ? — האָט דער דאָקטאָר זי געפרעגט.

— רבּ יונה של עולם פון דער גאַנצער וועלט! — האָט זיך די יידענע אויפגעקאָכט. — אַ דאָקטאָר זאָל מען די גאַנצע מעשה מוזן צעלייגן אויף קליינגעלט? איך האָב שוין איינמאָל געזאָגט און זאָג אייך דאָס אייגענע נאָך אַמאָל:

איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען אין קיין שום טאָ־וואַשזשיסטוואָ. יעדע מענזשאַטקע האָט עפּעס און איך האָב גאָר־נישט. אַלע רעדן און איך זיץ, ווי אַ ליימענער גולם. איינע דער־ציילט פון אירע „שטיינער", אַ צווייטע רעדט וועגן נערוון, אַ דריטע האָט אַ האַרץ, אַ פערטע טשערפּיעט אויף דער גאַל; יעדע האָט עפּעס און איך האָב גאָרנישט. איך זיץ, ווי אַ ליימע־נער גולם, וואָרום... וואָרום איך האָב דאָך גאָרנישט! איך „טשערפּיע" דאָך אויף קיין שום זאַך נישט! עס איז דאָך מיר אַ חרפּה און אַ בושה פאַר מיינע קאָלעזשאַנקעס. אַז מ'פרעגט מיך אין אַ טאָוואַזשיסטווע: „נאַ צאָ פּאַני טשערפּי?", ווער איך טויט און רויט, איך ווייס נישט, וואָס צו ענטפערן. זאָל איך זאָגן, אַז איך טשערפּיע אינגאַנצן נישט, וועל איך מיך באַגראָבן פאַר שאַנדע. וואָס פאַר אַ פּנים קאָן האָבן אַ יידענע, וואָס „טשער־פּיעט" נישט? די קאָלעזשאַנקעס וועלן דאָך פון מיר לאַכן אין די פויסטן אריין; וואָס זיי וועלן זאָגן, וועלן זיי דאָך זיין גע־רעכט — אַ יידענע אָן אַ פּיצל קרענקל!...

האָט דער דאָקטאָר געשמייכלט אונטער די וואָנסעס און געזאָגט:

— „טעראַז יוזש ראָזומיעם".

— געלויבט צו גאָט, אַז איר ראָזומיעט שוין. אויב ס'איז אייך שוין אריין אין אייער נארישן קאָפּ אריין, טאָ טוט אייך אָן ס'פּאַרטוך און נעמט אייך צו די כלים.

האָט דער דאָקטאָר געפאָלגט, האָט זיך אָנגעטון דאָס ווייסע פאַרטוך און געזאָגט צו זיין פּאַציענטקע:

— „פּראָשען שען פּאָלאָזשיטש!"

— „פּראָשען באַרדזאָ, נאַוועט ז' פּזשיעמנאָשטשאָן", — האָט די יידענע אַ פרייליכע זיך אַ ציי אויס געטון אויף דער קאָ־

זעטקע און איידער דער דאָקטאָר האָט באַוויזן זיך אויסצודרייען איז זי זיך געלעגן „ווינאַדרנע", ווי אויף דער פּליאַזשע, להבדיל...

דער דאָקטאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר, האָט גענו־מען טאַפּן און קלאַפּן, און נאָך די ערשטע דריי קלעפּ, האָט די יידענע אַ געשריי געטון:

— פּאַניע דאָקטאָזשע, מער „ענערגיטשנע!" מיט אַזעלכע טאַפּעלעך וועט איר ביי מיר גאָרנישט געפינען. זשאַלעוועט נישט קיין קוועטש!

האָט דער דאָקטאָר גענומען קוועטשן „ענערגיטשנע". ביי יעדן קוועטש האָט זי געמאַכט אַ יעלה:

— אוי!... אוי, וויי!... גוט אַזוי!... קוועטשט... איר וועט זיכער עפּעס אויסקוועטשן!...

נאָך די ערשטע „ענערגיטשנע" קוועטשן, פרעגט זי:

— פּאַניע דאָקטאָזשע, נו?

— גאָרנישט. די לעבער איז ביי אייך וו' פּאָזשאָנדקו!

— אוי, אַ בראָך צו מיר! אינגאַנצן וו' פּאָזשאָנדקו? טאָ קוועטשט ווייטער. אַביסל „אָראָפּצוציער". דאָרט, ביי דער גאַל, אפשר וועט איר דאָרט עפּעס געפינען.

האָט דער דאָקטאָר ווייטער געקוועטשט און געקוועטשט. נאָך יעדן קוועטש האָט זי געסטענקעט:

— אוי... אוי, וויי, קוועטשט!... זשאַלעוועט נישט קיין קוועטש!...

און נאָך אַ צען מינוט קוועטשן פרעגט זי ווייטער:

— פּאַניע דאָקטאָזשע, נו?

— ניץ! די גאַל איז „זופּעלניע וו' פּאָזשאָנדקו"!

— אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן! זופּעלניע וו' פּאָזשאָנד־קו? פּאַניע דאָקטאָזשע, האָט רחמנות און טאַפּט ווייטער!... איך וועל פון דאַנען נישט אַראָפּגיין, ביז איר וועט ביי מיר עפּעס גע־פינען.

נו, האָט דער דאָקטאָר געזען, אַז ער איז מיאוס אַריינגע־פאַלן, האָט ער גענומען זוכן ביי די נירן — טאָמער דאָך!...

האָט ער ווידער געקלאַפּט, געהאָרכט, געטאַפּט, די יידענע האָט ווידער געשריגן און מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן:

— פּאַניע דאָקטאָזשע, נאָך איין קוועטש און איר האָט עס!...

האָט דער דאָקטאָר געטאַפּט, געקוועטשט, געהאָרכט און גע־האָרכט. דער שוייס האָט פון אים גערונען. נאָך אַ האַלבער שעה סאַפּען, פרעגט אים די יידענע מיט שרעק:

— פּאַניע דאָקטאָזשע, נו?

— „ניעסטעטי, ניץ או פּאַני ניע זנאַלאַזלעם. פּאַני יעסט זדראָווא, יאַק קאָן!״...

דאָ האָט די יידענע אַ פּאָכע־געטון מיט די הענט און איז אַוועקגעפאַלן אין חלשות. אַז דער דאָקטאָר האָט זי אָפּגעמינטערט, האָט זי מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

— איך בין אומגליקלעך... יעדע יידענע האָט עפּעס, און איך האָב גאָרנישט — כ׳וועל מיר דאָס לעבן נעמען!

דער לעצטער ערב־שבת־צוג...

איך פרעג אייך, יידן, איין זאך: פארוואס אנטדעקט מען אלע פארברעכער און דעם „זבראדניאזש", וואס האט אויסגעטראכט דאטשעם — נישט!

מאכט זיך איינער א פאבריקל פון פאלש געלט און קאנקורירט מיטן מלוכה־אוצר, ווערט ער אנטדעקט און גייט אהין, ווו מ'דארף.

וויל איינער „אויסטווישן" א הונדערטער... אין אייער קעשענע, שיקט מען אים אויף א יאר „אדפאטשינעק".

פירט איינער אן „אנאנימען האנדל"... מיט בייגל, ווערט ער באלד אנטדעקט!

וויל זיך א נאש בראט פארגינען א לוקסוס, און נעמט זיך עטלעכע ווייבער: איינע אויף שבת, איינע אויף יום־טוב און איינע אויף אין דערוואכנס, פאקט מען אים באלד ביים עסק, און ער האט צו זינגען און צו זאגן...

האט איינער א שוואכן זכרון און מאכט „הבדלה" אין א פראסטן מיטוואך, באקומט ער א יארל אומזיסטע דירה און קעסט... אלע פארברעכער ווערן אנטדעקט און באקומען זייער שטראף, טא פארוואס, איך בעט אייך, האט מען נאך ביז איצט נישט אנטדעקט דעם פארברעכער, וואס האט אויסגעטראכט דאטשעם אויף דער וועלט?! איך זאג אייך און איר מעגט עס מיר גלויבן: ווען איך בין א ריכטער, און ס'קומט מיר אונטער דער פאסקודניאק, וואס האט אויסגעקלערט דאטשעס, וואלט איך אים פארשיקט אויף אייביקע קאטארגע!...

א קלייניקייט, אזעלכע צרות, אזעלכע פיין, איובס צרות זענען דאך געווען א שפילעכל אקעגן די צרות פון א ליעטניק.

איך דאַרף דאָך אייך נישט דערציילן קיין מעשיות. איר זענט דאָך אַליין אויך אַ ליעטניק, ווייסט איר דאָך דעם טעם־דאַטשע, און דער עיקר — דאָס פאָרן אויף דער דאַטשע, און ווען פאָרט אַ ייד אויף דער דאַטשע? — מיטן לעצטן ערב־שבת־צוג!

נו, איז דאָס אַ „יאַזדע“, ווינטש איך עס נישט מיינע שונאים. איך וועל אייך טאַקע דערציילן, ווי אַזוי איך בין דעם לעצטן פרייטיק געפאָרן מיטן לעצטן צוג.

ווי אַזוי אַ ליעטניק ווערט אַ גאַנצע וואָך פאַרשוואַרצט און פאַרפינסטערט אין דער שטאָט, ווייסט איר דאָך. יעדן טאָג עסט מען מיטאָג אין אַן אַנדערן רעסטאָראַן, איין טאָג אין אַ רעסטאָ־ראַן, אַ צווייטן טאָג אַ היימישן מיטאָג.

דערפאַר, אַז ס׳קומט דער גליקלעכער פרייטיק, עסט מען שוין אינגאַנצן נישט, מ׳האַלט זיך הונגעריק צום פרייטיק־צו־נאַכטס. פון באַגינען אָן לויפט מען אַרום. אין דער פרי נאָך אַ גמילות־חסד, שפּעטער מאַכן דעם איינקויף; איינער קויפט איין אַ גאַנצן „קאָמפּלעט“: פון חלות ביז אַ געקאָכט יאַכל. אַ צווייטער באַגנוגנט זיך מיט „דראָבנערע“ זאַכן: אַביסל פּרוכטן, אַ פלעשל ווייַן אויף קידוש, נאַשעכץ פאַרן קליינוואַרג. אַ דריטער מאַכט דאָס נאָך שמעלער: עטלעכע פּאַקעטלעך אין דער האַנט, אַ רייזע־טעשל און גענוג. אָבער יעדער האָט עפּעס אין דער האַנט. אַ ליעטניק אָן פּעקלעך — נישטאָ אַזעלכער!...

איז ווען פאָרט מען אויף דער דאַטשע? — מיטן לעצטן צוג. פינף מינוט פאַרן צוג־אָפּגיין, לויפן יידן מיט פּעקלעך, מיט טשע־מאָדאַנעס, אָנגעלאָדן, ווי די מויל־אייזלען. דער שווייס רינט, מ׳סאַפּעט, דער צוג איז געפּראָפּט, ווי הערינג אין פאַס, ווי שפּראָטן אין שעכטל. אויף איין באַנק זיצן צען יידן, מ׳שרייט און מ׳זידלט זיך — ס׳איז ליהודים!...

נו, האָב איך געהאַט אַ „יאַזדע“ מיט דעם לעצטן ערב־שבת־צוג, וועל איך עס שוין אָנזאָגן קינדס קינדער, זיי זאָלן נישט פאָרן מיטן לעצטן ערב־שבת־צוג.

געקומען בין איך צום צוג, פּונקט ווי אַלע ליעטניקעס — פינף מינוט פאַרן צוג־אָפּגיין. ביי דער בילעטן־קאַסע איז געשטאַנען

א ריי, פונקט ווי אין יענע גוטע מלחמה־יאָרן — ביים בעקער נאָך א קאָמיטעט־ברויטל. יידן האָבן זיך געשטופּט, געשטויסן, יעדער האָט געוואָלט דאָנזשען, און ער, דער קאַסירער, האָט צייט, ער איילט זיך נישט. בין איך דאָך געוואָרן נערוועיש און א געשריי געטון:

— „פּאָניע נאַטשעלניקו, טראָכען פּרענדזעי!”, — האָט ער זיך נאָך גוט אָנגעבייזערט, און געזאָגט, אַז ס'ברענט נישט, אַז נאָך דעם צוג גייט נאָך א צוג.

הערט א חכם פון א גוי! אודאי גייט נאָך א צוג, און וואָס איז מכוח זמן ליכט־צינדן? מיטן צווייטן צוג וועל איך דאָך קומען נאָכן „לכה דודי”!...

נאָר גיי רעד מיט א גוי וועגן זמן ליכט־צינדן, גיי, גיב דעם גויאישן קאָפּ צו פאַרשטיין דעם פּשט פון קבלת שבת...

קוים מיט צרות, מיט מאַטערניש, געכאַפּט א בילעט, איך וויל אַריין אין א וואַגאָן, ווער? וואָס? וואָס מיר וואַגאָן? ווער מיר פּלאַץ? אַז מ'הענגט אין דער לופטן; אַלץ און אַלע זענען צונויפּ־געגאָסן אין איין שטיק מאַסע. יידן, ווייבער און מיידלעך, אַלץ אויף איין קופּע. קולות און געוואַלדן. איינער שרייט:

— יידן, ס'צעקוועטשט דאָך מיר ס'געפּילטע פישל!

— יידן, האָט רחמנות אויף מיין קורטשאַק!

איין יידענע מאַכט יעלות:

— האָטס גאָט אין הארצן... איך בין אין אַנדערע אומ־שטענדן!...

אָבער ווער הערט זיי? וועמען אינטערעסירן די געוואַלדן און געשרייען, אַז אַלע זענען איינגעקוועטשט און קאָנען מיט קיין אבר נישט רירן!

בין איך אויך געשטאַנען אין א קלעם, ווי אין א פּרעס־מאַשין. ביי יעדן דזשובע, וואָס איך האָב באַקומען אין הארץ אַריין, זענען מיר געפלויגן שוואַרצע רעדער פאַר די אויגן.

בעט איך מיך ביי מיין נאָענטסטן שכן:

— ר' ייד, נעמט אראָפּ דעם פוס פון מיינע אָטשיסקעס, ס'ציט דאָד מיך ביים האַרץ!

הערט מיך יענער, ווי דעם קאַטער, טרעט מיט די שטיוול איבער מיינע אַטשיסקעס, און איך זע לא עליכם דעם טויט פאַר די אויגן...

אַ יידענע ווידער האָט מיך באַזיינגען:

— ר׳ ייד, שעמט אייך אין אייער ווייטן האַלז אַריין! ווי שעמט איר אייך נישט בפרהסיה אַזוי צו קוועטשן אַן אשת איש?

זאָג איך צו איר:

— יידענע, מ׳קוועטשט דאָך מיך אויכעט!

ענטפערט זי מיר:

— פעטער, מ׳קען אייך!

אינמיטן דערינען, ווי איך שטיי אַזוי אין מיינע געהאַקטע וואָגדן, שפּיר איך, ווי איינער דראַפּעט מיר דעם פוס, זאָג איך צו יענעם:

— פעטער, וואָס דראַפּעט איר?

ווערט יענער אין כעס און זאָגט צו מיר:

— וואָס אַרט אייך, אַז איך דראַפּע מיין פוס?

— אָבער איר האָט דאָך אַ טעות... איר דראַפּעט דאָך נישט אייער פוס, נאָר מיין פוס!

אָט אַזוי בין איך אַ גאַנצע האַלבע שעה געשטאַנען אין גע־האַקטע וואָגדן, מ׳האָט מיר אָפּגעריסן די אַטשיסקעס, מ׳האָט מיר אונטערגעהאַקט די זייטן און געמאַכט בלויע צייכנס אויפן גאַנצן קערפּער. אַ פרעמדער ייד האָט געדראַפּעט מיין פוס, אַ יידענע האָט מיך געשאָלטן, פאַרוואָס איך קוועטש אַן אשת־איש, און דער שפּיץ איז געווען, אַז איך בין קוים אַ לעבעדיקער אַראָפּ פון דעם גהינום אָן דעם באַגאַזש, אָן דעם קורטשאַק, אָן די פיש און אָן דעם יאַיכל.

יידן, איך וואָרן אייך: האָט חס אויף אייערע יאָרן און פאָרט נישט מיטן לעצטן ערב־שבת־צוג!...

ווען איך בין אַ ריכטער, וואָלט איך דעם „זבראָדניאַזש״, וואָס האָט אויסגעקלערט דאַטשעס, פאַרמשפּט אויף אייביקער קאַטאָרגע!...

אוי, האָט ער אַ פּייפּער...

אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט אַנטיסעמיטן. היטלער, זאָגט איר, איז אַן אַנטיסעמיט? קוזע? נאַוואַטשינסקי? און איך זאָג אייך, אַז דער גרעסטער אַנטיסעמיט איז דער פּייפּער — די קאָליע מיין איך!...

אַ גאַנצע יחסנטע איז זי, די קאָליע — זי גייט „אויף דער פּונקט". אויסגערעכנט די טריט, ווי אַ היינטיקע „פּאַניענקע" להבדיל!... אייביק לויפט זי, ווי ס׳וואָלט זי עמעצער געיאָגט. קיינ־מאָל האָט זי קיין צייט נישט. אייביק סאָפּעט זי און איילט זיך, ווי די געשעפטן וואָלטן איר אַנטלאָפן.

ווילט איר זיין אַ ליעטניק און ווייסן, ווען זי, די קאָליע, קומט, און ווען זי לויפט אַוועק, מוזט איר האָבן אין קעשענע אַזאַ מין „שיר המעלות" — אַ „ראָזקלאַד", הייסט עס, ווו ס׳שטייט גע־שריבן וויראַזשנע: קומט אָן 21 מיט 34 מינוט, גייט אָפּ 17 מיט 12. אָדער: גייט אָפּ פון לאָדזש 14 מיט 04 דירעקט. קומט אָן 19 מיט 01 פון קראָקע פאַרבינדונג מיט וואַרשע. און אַז איר קוקט עטלעכע מאָל אַריין אין דעם דאָזיקן „שיר המעלות" (הנקרא „ראָזקלאַד"), ווי אַ האָן אין בני אדם, הויבט איר ערשט נישט אָן צו ווייסן, וואָס ער האַקט אייך אַ ספּאָדעק... 13 אַזייגער, 17 אַזייגער, 21 אַזייגער מיט 04 מינוטן. פּאַסיקלעך מיט שטרייכע־לעך, ראשי תיבות מיט עפּעס אַזאַ מין מאָדנע יקום פורקן־שפּראַך— זיי זאָלן אַזוי ווייסן, ווו זיי וועלן אַהינקומען, ווי איך ווייס, וואָס אין דעם „שיר המעלות" טוט זיך!...

דעם עוישטן ברוך הבא פון דעם „ראָזקלאַד'' האָב איך גע־
האַט פּרייטיק — הערט, יידן, מיין אומגליק:

ווי איר פאַרשטייט שוין מסתמא, בין איך, נישט פאַר אייך גערעדט — אַ ליעטניק, און ווי וווינט אַזאַ ס'גאָל ייד? יאָ, אודאי אין שניאַקיוווקע! וואָס דען — אויף דער ריוויערע?...

פרייטיק האָב איך מיך מקדים געווען. צו וואָס זאָל איך פאָרן מיטן לעצטן צוג, ווען מ'פאָרט אויפן דאַך, אָדער מ'שלעפּט זיך נאָך מיט איין פוס אין וואַגאָן און מיטן צווייטן פוס אויפן „האַמולעץ''; צו וואָס דאַרף איך זיצן אויף אַ בלעכענער מילך־קאַן און שפּעטער זאָל איך מיר מוזן מאַכן קאַלטע קאָמפּרעסן אויפן „כ'בעט איבער אייער כבוד''?...

האָב איך מיך טאַקע מקדים געווען, איינגעפּאַקט דעם ערב־שבת־באַגאַזש: פּעק און פּעקלעך, טרוקענע זאַכן און „פייכטע'' זאַכן. אַ קוק אַדורך געגעבן דעם „ראָזקלאַד'' און געלאָפן כאַפּן די קאָליע...

קוים אַ לעבעדיקער געקומען אויפן „פּוקסאַל'', אוועקגע־שטעלט זיך אין „אָגאָנעק'' פאַרן פענסטערל, דער גוי, וואָס זיצט הינטער די „קרוטעס'', איילט זיך נישט; באַטאַפּט יעדן זלאָטי, יעדן בילעט באַטראַכט ער און באַטאַפּט אים, ווי ער וואָלט דאָס געזען צום ערשטן מאָל. איך קוק אין „ראָזקלאַד'', און ער, דער גוי הינטער די „קרוטעס'', טאַפּט יעדן זלאָטי און גלעט יעדן בילעט.

ווער איך דאָך אין כעס און גיב צו אים אַ זאָג: „פּאַניע פּאָ־ריצו, גדזיע יעסט יושר? פּשעטשעזש זאַראַז בענדזיע זמן ליכט־צינדן!'' ענטפערט ער מיר אפילו נישט און טוט זיך ווייטער ס'זייניקע, ווי נישט אים מיינט מען — אַן אַנטיסעמיט!...

קוים באַקומען מיין בילעט, כאַפּ איך מיין באַגאַזש: די פּעק און פּעקלעך, די טרוקענע זאַכן און נאַסע זאַכן, און לאָז מיך גאַלאָפּ כאַפּן די קאָליע, און הערט, יידן, מיין עגמת־נפש: ווי איך בין נאָר אַרויס אין דרויסן, איך בין שוין געווען אַט... אַט... טאָ וואָס טוט מיין בחור? ווי ער האָט מיך דערזען, טוט ער אַ פייף און ויברח משה — אַנטלאָפן די קאָליע!...

איך האָב געגומען שרייען: האַלט! סטאָפּ! „סטאַנאָנטש!"
וואַרט אַ ווײַלע! וואָס איז ס'געלויף אויף דיר, וואָס? וועסט נישט
אַהיימקומען אויף שבת?

איך האָב געשריגן, געבייזערט זיך, און ער איז געפלויגן,
ווי שדים וואָלטן אים געיאָגט...

האָט מיך דאָך די מעשה פאַרדראָסן: זעסט אַ ייִד, ערב
שבת, אײַלט זיך צום ווײַב און קינדער מיט אַזאַ באַגאַזש אָן
עין הרע קיין שניאַקיוזקע, טאָ וואַרט צו אַ מינוט! איז ער דאָך
אָבער אַן אַנטיסעמיט, פּיפּט ער אָן און פליט אַוועק...

האָב איך מיך נישט געקענט אײַנהאַלטן, בין צוגעגאַנגען
צו דעם גאַנצן אדון בפקדך אין „רויטן היטעלע", און אים גע־
געבן ניין מאָל ניין:

— „פּאַניע נאַטשעלניקו", — האָב איך געזאָגט, — „טשי
טאָ יעסט דראָגאַ קראַיאַי"? (דאָס איז דרך־ארץ?), „יאַק יאַ חס
וחלילה ספּוזשני זמן ליכט־צינדן, טאָ יאַ יעסטעם וויסיפּאַני"
(בין איך אויסגעשיט).

קוקט ער מיך אָן, דער מיט דער רויטער טשאַפּקע, און נאָך
דעם גאַנצן רעדן, ציט ער מיט די פּלייצעס און ענטפערט: „ניע
ראָזומיעם".

זע איך דאָך, אַז איך האָב דאָ צו טון מיט אַ נײַעם אַנטי־
סעמיט, אַז דאָס זאָגט ער כלומרשט „ניע ראָזומיעם"; איך רעד
דאָך צו אים „קלאָרע דיבורים", „ריין פּויליש"?

אין מיטן דערינען, ווי איך שטיי אַזוי און רעד מיט דעם
רויט־היטלדיקן גוי, זע איך אַ ליידיקע קאָליע, וואַגאָנעס און וואַ־
גאָנעס, און געציילטע מענטשן. אין יעדן וואַגאָן עטלעכע
מענטשן.

טראַכט איך נישט לאַנג, לאָז שטיין מײַן גוי מיט דער רוי־
טער טשאַפּקע, וואַרף אַרײַן מײַן באַגאַזש אין ערשטן בעסטן וואַ־
גאָן און אין איין מינוט שפּעטער זיץ איך מיר אין דער קאָליע,
ווי ביים טאַטן אין ווײַנגאָרטן. איך האָב מיר געמאַכט באַקוועם;
איין פּאַק אויף דער אויבערשטער פּאָליצע, אַ צווייטע פּאַק הינ־
טער דער באַנק. די קלײנע פּעקלעך אויף איין באַנק, די טרוקענע

זאַכן און די נאַסע זאַכן אויף דער צווייטער באַנק, וואָס איז? כ׳קאָן מיר דען נישט דערלויבן? ס׳איז דאָך דאָ פּלאַץ די וויתר!

אין האַרצן האָט מיר די מעשה הנאה געטון. כ׳האָב געהאַט אַ נקמה אין דעם פּייפער: פריער האָסטו מיר אָנגעפּיפן, און איצט וועל איך דיר אָנפּייפן!...

איך האָב מיך צעלייגט אויף דער גאַנצער באַנק, האָב מיר אַרויסגענומען אַ בלאַט־צייטונג, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָסל — צום ערשטן מאָל, אַז איך פאָר אויף שניאַקיווקע אַזוי „וויגאָד־נע”...

איז דאָך שוין גוט? מיינט איר דאָך, אַז דאָס האָב איך דער קאָליע אָנגעפּיפן? אויב איר מיינט אַזוי, האָט איר במחילה גאָר אַ גרויסן טעות — הערט, וואָס איז געשען:

אַז די קאָליע איז אָנגעקומען פאַר דער סטאַציע, האָב איך צוזאַמענגענומען מיין באַגאַזש, פון דער אויבערשטער פּאָליצע און פון הינטער דער באַנק, און מיך געלאָזט צו דער טיר, כדי כ׳זאָל קאָנען אַראָפּ דער ערשטער.

אָבער וואָס מיר אָפּשטעלן? ווער מיר אַראָפּגיין? אַז ער לויפט, ווי אַ רוח, ווי טייוולאָנים וואָלטן אים געיאָגט, פּייפט און ריטשעט און פליט.

איך נעם קלאַפּן אין פענסטער, כ׳רוף דעם קאָנדוקטאָר: האַלט! „סטאַנאָנטש!” „טו פּשעטשעזש יעסט שניאַקיווקע!” ער הערט מיך, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי—ער פּייפט, ער ריטשעט און פליט!...

ער פליט, ווי שדים וואָלטן אים געיאָגט, און אפשר ווילט איר ווּיסן, ווו ער האָט זיך קוים אָפּגעשטעלט? — זעקס סטאַ־ציעס ווייטער...

מיינט איר דאָך, אַז דערמיט איז די מעשה געענדיקט? האָט איר ווידער אַ טעות. דאָ הויבט זיך אָן אַ פרישע צרה— אַ צרה מיט אַ פּראָטאָקאָל: אַראָפּגייענדיק פון צוג, האָט מען מיך פאַרבעטן אין אַ חדר־מיוחד אויף אַ פאַרהער: ווי אַזוי קומט עס, ווי קום איך אַהער? מיין בילעט איז דאָך נאָר ביז שניאַקיוור־

קע? און א צווייטע קלאָץ־קשיא: מיט וועלכער רעכט בין איך אויף א בילעט פון א געוויינלעכן צוג געפאָרן מיט דעם צוג?

וואָס האָט מיך געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט, זאָל מיר אויסגיין צו אייערע קעפ! איר האָט גאָר צו מיר טענות? איך, וואָס צום ערשטן מאָל האָט מיר דער פייפער אָנגעפיפן פאַר דער נאָז, און איצט, אז איך האָב געקלאַפּט אין דער טיר און געשריגן: האַלט! סטאָפּ! „סטאַנאָנטש!'' און ער איז געפלויגן משוגענערווייז, האָט איר נאָך צו מיר טענות?!...

— די קאָליע איז א „פּאָספּיעשנע'', — האָט מיר ווידער א צווייטער גוי מיט א רויטער טשאַפּקע דערקלערט, — און איך האָב געהאַט א בילעט אויף „זוויטשיינע'' קאָליע.

וואָס איז געווען דער סוף? דער סוף איז געווען, אז מ'האָט מיך פאַרשריבן, ווי איך הייס, ווו איך וווין, ווי דער טאַטע האָט געהייסן און ווי די מאַמע האָט געהייסן, און איך וועל נאָך האָבן א „ספּראַווע'' אין „סאָנד'' פאַר פאָרן אויף דער „פּאָספּיעשנע'' קאָליע...

יאָ, און דעם עיקר האָב איך גאָר פאַרגעסן: שבת האָב איך אָפּגעהאַלטן, נישט אין שניאַקיווקע, נאָר... אין דער פרעמד. נאָך גוט, וואָס איך האָב ביי מיר געהאַט די טרוקענע און נאַסע זאַכן, ווען נישט דאָס, וואָלט איך זיכער געשטאָרבן פון הונגער...

נו, פרעג איך אייך: ווער איז מער אַנטיסעמיט: היטלער, צי דער פייפער, ימח שמו!...

אַ פאַריין פון שטרויענע אַלמנס...

רבותי, עס איז געבליבן בהסכם, צו גרינדן אַ פאַריין פון שטרויענע אַלמנס.

ס'איז דאָך באמת אַן עולה, סוחרים האָבן פאַריינען, האַנטווערקער, לאָקאַטאָרן האָבן זייערע פאַריינען, וועלכע נעמען זיך אָן די עולות, פאַרטיידיקן די באַעולטע מיטגלידער, טאָ פאַר־וואָס זאָלן מיר, שטרויענע אַלמנס, נישט האָבן אַן אייגענעם פאַריין?

זענען דען דאָ אויף דער וועלט נאָך אַזעלכע באַעולטע, פאַרשקלאַפטע, געפּלאָגטע און געפּייניקטע באַשעפענישן, ווי דאָס זענען — שטרויענע אַלמנס?

ווייזט מיר, רבותי, נאָך איין מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל אַזוי עקספּלאָאַטירט ווערן, וואָס זאָל אַזוי פאַרשוואַרצט און פאַרפינסטערט ווערן, ווי מיר, שטרויענע אַלמנס? ווייזט מיר נאָך אַ מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל אַזוי נישט האָבן קיין טאָג און קיין נאַכט, נישט וויסן פון עסן צו דער צייט און שלאָפן אויף אַ לייטיש געלעגער, ווי דאָס איז דער שטרויענער אַלמן?

און ווער, מיינט איר, רבותי, האָט דאָס אויסגעטראַכט די פאַרשאָלטענע ליעטניסקעס? — אַ יידענע! איך שווער אייך ביי באָרד און פאות, אַז דאָס האָט אַ יידענע אויסגעטראַכט. און ווייסט איר צוליב וואָס? כדי אונז, מענער, צו פאַרשוואַרצן די יאָרן, צו ווייזן אונז, ווי שלעכט עס איז אָן זיי, אָן די ווייבער, הייסט עס. ווי ביטער עס איז צו זיין אַליין, אָן אַ ווייב. און ווי שלעכט ס'איז צו גיין אין די רעסטאָראַנען, עסן „יאַרסקע״

מיטאָגן, גראָז מיט טראַטשינעס, און ווי ביטער ס'איז צו שלאָפן איינער אַליין אין לײדיקע שטובן.

איר הערט, איך האָב שוין קיין כוח נישט פון דעם גאַנצן סלאָמיאַנעווען. יעדן טאָג גיי איך אין אַן אַנדערן רעסטאָראַן עסן „יאַרסקע". יעדן טאָג פרעגט מיך אַן אַנדערע קעלנערקע:

— וואָס וועט איר עסן אויף פאָרשפּייזע?

— וואָס האָבן זי פאַר מיר?

— סאַלאַטקי, אָגורעטשקי ז' שמיעטאַנאָן, שפּינאַק.

נאָכדעם, ווי כ'האָב אַריינגעכאַפּט די ערשטע פּאָרציע גראָז, שטייט ווידער ביי מיר די קעלנערקע:

— „צאָ דאַלעי"?

— דאַלעי? זאָל איך אַזוי וויסן פון אייך! — „צאָ פאַני מאַ?"

גיט זי אַ שיט אוים איר ביסל גרינצייג:

— „זופּאַ אָוואָצאָווואַ, זופּאַ שמיעטאַנקאָוואַ, זופּאַ פּאָמידראָ־ראָווואַ, זופּאַ גזשיבאָוואַ, קלוסעטשקי מיט פיש־יוך, מאַקאַראָן ז' סערעם".

נאָכן זופּן, שטייט שוין ווידער נעבן מיר די קעלנערקע:

— „צאָ דאַלעי, פּראָשען פּאַנאַ?"

— „צאָ פאַני מאַ?"

— ריבי — פיש נאָר־וואָס פון וואַסער אַרוים, קאַרפּי, לעש־טשע, באַרווילי, סאַנדאַטש, אַ גוט שטיקעלע העכט, אַ מאָזשע אַ גוט שטיקעלע געפילטע פיש מיט מראָזשאָנע פיש־יויך? אַ מאָ־זשע פּאַן כצע אַ קאַלאַפּיאָר, קרעפּלעך מיט קעז?

ווי נאָר איך האָב מיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דעם יונגן קאָפּ פון אַן אַלטן העכט, שטייט זי שוין ווידער ביי מיר און מינטערט מיך:

— „פּראָשען פּאַנאַ... פּראָשען פּאַנאַ..."

— וואָס איז שוין ווידער?

— „מאַרכעווקי נאַ מאַשלע?"

— זאָל זיין מאַרכעווקי נאַ מאַשלע. נאָר אַ סוף זאָל עס אַמאָל האָבן.

אריינגעכאַפּט די אַנדערהאַלבן טיי־לעפעלעך מאַרכעווקי נאַ מאַלשע, שטייט זי שוין ווידער נעבן מיר:

— „פּראָשען פּאַנאַ... פּראָשען פּאַנאַ..."

— וואָס נאָך ווילט איר?

— „קאָמפּאָט, פּראָשען פּאַנאַ. ווישני, אַגרעס, יאַגורקי נאַ צוקזשע. אַ מאַזשע פּאַן שאַנאָווני כצע אָמלעט?"

— „אָמלעט, ניעך בענדזשע אָמלעט".

מיינט איר דאָך, אַז איך בין שוין אירע פּטור? ע׳, ווי פאַלט איר דאָס אויס? זי שטייט ווידער נעבן מיר:

— „פּראָשען פּאַנאַ... פּראָשען פּאַנאַ..."

— מיינע וויסטע חלומות צו מיינע שונאימס קעפּ! וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט צו מיר, וואָס? וואָס לאָזט איר מיך נישט אָפּדעבען, וואָס? וואָס איז שוין ווידער?

— „הערבאַטקע? טשאַרנאַ קאַווע? לעמאָניאַדע?"

— „ניעך בענדזשע הערבאַטע, ניעך בענדזשע טשאַרנאַ קאַווע, ניעך בענדזשע לעמאָניאַדע" — נאָר אַ סוף זאָל עס נעמען!

אַזוי גייט עס יעדן טאָג. יעדן טאָג אין אַן אַנדערן רעסטאָראַן, יעדן טאָג ווער איך געפּייניקט פון אַן אַנדערע קעלנערקע, יעדן טאָג עס איך מיך אָן — ווי אַ בהמה — מיט פאַרשידענע גרעזער און איך האָב שוין נישט קיין כוח צו שטיין אויף די פיס.

דאָס איז מיט מיטאָגן, און ווי גייט עס מיט פרישטיק און אָוונט־ברויט? פרישטיק און אָוונט־ברויט מאַך איך מיר שוין אַליין. יעדן טאָג „פּוץ איך אויס" אַ האַלב טוץ גלעזער. ווי נאָר איך גיס אַריין אַביסל הייס וואַסער — בענץ! געפּלאַצט אַ גלאָז... האָב איך טאַקע אין משך פון איין חודש צייט „אויסגעפּוצט" אַ פּופצן טוץ גלעזער...

איצט די מאַשין! איך האָב אַ שפּירט־מאַשינקע, שטיי איך שעהן־לאַנג און פּלומפּ. פּלומפּ אַהין און פּלומפּ אַהער — זי רירט זיך נישט פון אָרט. טאָמער דערבייזערט זי זיך, גיט זי אַ שאָס און איך מוז דערנאָך גומל־בענטשן.

ווייסט איר, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי? ווייל איך קאָן מיך נישט אומגיין מיט איר. כ׳האָב געמאַכט איין קליינעם פעלער:

אַנשטאָט צו גיסן שפּירט אין אויבערשטן שיסעלע און נאַפט אין דער מאַשינקע, האָב איך געטון פאַרקערט: כ׳האָב אָנגעגאָסן א מאַשינקע מיט שפּירט און אין אויבערשטן שיסעלע — נאַפט. האָב איך געפּלומפּט און געפּלומפּט, און דער שפּיץ איז געווען אַ „וויבוך״ און איך האָב געמוזט גומל־בענטשן.

דאָס איז געווען מיטן עסן, און ווי איז עס מיטן שלאָפן? איר שלאָפט? איך נישט. איך טו קיין אויג נישט צו. זייט איך בין אַ שטרויענער אַלמן, האָב איך קיין דזשים נאָך נישט געטון. פאַר־וואָס? ווייל איך האָב מורא צו שלאָפן איינער אַליין אין דריי שטובן, ווי די וועלדער. קומסט איינער אַליין, דרייסט זיך איינער אַליין ארום, ווי אַ שאָטן, טוסט דיך אַליין אויס, לייגסט דיך איי־נער אַליין אין בעט אריין. דו הערסט יעדן שאָרך, יעדן סקריפּע פון דער טיר. וואַרפסט דיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער — און נעכטיקע טעג.

קומסט אַהיים שפּעט ביינאַכט, עס פרעגט דיך נישט דיין ווייב:

— מאַנישל, וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? — דו האָסט זיך גישט פאַר וועמען צו פאַרענטפערן. דו ליגסט איינער אַליין אין געהאַק־טע צרות, דו זעסט נישט אין די קינדער־בעטעלעך פאַרשידענע „פּאָזיציעס״. איינס מיטן פּנימל אַראָפּ... ס׳צווייטע קאָפּעט אַראָפּ די קאָלדרע. ס׳דריטע סטענקעט. ס׳פערטע פייפט מיטן נעזל... ס׳איז „היימלעך״. ס׳איז אַזוי „פּזשיעמנע״ צו זען די „פּאָזי־ציעס״ אין די קינדער־בעטלעך. ס׳איז אַזוי גוט צו הערן זייער סטענקען און פייפן מיט די נעזלעך... און דאָ ליג איינער אַליין אין געהאַקטע ווונדן — אַז נישט געדאַכט זאָלן ווערן די אַלע ליעטני־קעס! ווען איך פּאַק די יידענע, וואָס האָט אויסגעטראַכט ליעט־ניסקעס, וואָלט איך זי עוקר מן השורש געווען.

הכלל, רבותי, ס׳איז שוין די העכסטע צייט, אַז מיר, שטרויע־נע אַלמנס, זאָלן אויך גרינדן אַ פאַריין, וואָס זאָל פאַרטיידיקן אונ־זערע אינטערעסן...

וואָס זאָגט איר, רבותי, צו מיין פּלאַן?

זי אַ טריבע און ער אַ שטאַמלער...

(ווי אזוי זיי „שמועסן" וועגן אַ זומער־וווינונג)

ווען איר וועט אָנקוקן דאָס פּאָרל, וועט איר באַין אופן נישט וויסן, אַז זיי זענען נעבעך ביידע קאַליקעס, אַז זי איז טויב, אַזוי ווי די וואַנט, און ער שטאַמלט. ביז איר קריגט פון אים אַרויס אַ וואָרט, שפּרינגט איר פון דער הויט אַרויס; טאָמער פרעגט איר אים, ווי שפּעט ס'איז און ער „זאַוואַדזשעט" זיך פּונקט, קאָנט איר זיך דרייסט אַוועקזעצן, אויסטרינקען אַ „פּול טשאַרני", איבער־לייענען אַ צוויי־דריי צייטונגען — און צום סוף, אַז איר העלפט אים אַרויס — צען מינוט צו צוויי, דערכעט ער אָפּ און זאָגט:

— י...אָ.

אָט אַזאַ שטאַמלער איז ער. אַנומלטן טרעפט אים אַ באַקאַנ־טער גיין פון דער באַן, פרעגט ער אים:

— ר' הערציקע, כ'וועל נאָך דאָנזשען צום צוג?

— אוי...אוי...אויב א...אי...איר וועו...וועט ל...ל...

הכלל, דער שפּיץ איז געווען, אַז יענער האָט פאַרשפּעטיקט דעם צוג, ער האָט נאָך געהאַט גענוג צייט, ער וואָלט דרייסט גע־קאָנט גיין צו דער באַן, קויפן אַ בילעט, נאָר ביז ער האָט אויסגע־שטאַמלט די פיר ווערטער: „אויב איר וועט לויפן" — איז דער־ווייל דער צוג אַוועקגעגאַנגען...

און היות, ווי אַלע שטומע רעדן אַ סך, איז אויך ר' הערצקע אַ פּלאַפּלער. רעדט פאַר פייער און וואַסער, און היות, ווי ער איז אַ ייד אַ נגיד, שטערט עם אים נישט, ער זאָל האַלטן רעדעס און באַגריסונגען. אָט האָט ער אַנומלטן באַגריסט אַן אָנגעזעענעם

עסקן, אַ גאַסט פון יענער זייט ים, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער טריבונע און געזאָגט:

— מיינע הערן. דער, וואָס זיצט דאָ, איז אַ גרויסער כאַ... כאַ... כאַ...

דער גאַסט איז געוואָרן טויט און רויט, ס׳בלוט איז אים גע־קומען אין קאָפּ אריין, און ביז ער האָט אויסגעשטאַמלט: כאַ... כאַווער, איז אים שיער נישט די נשמה אַרויס.

אַנומלטן שטעלט ער אין געזעלשאַפט פאַר אַ באַקאַנטן דאָק־טאָר, זאָגט ער:

— פאַנאָוויע, דאָס איז אַן אַלטער באַקאַ... באַקאַ...

און ביז ער האָט אויסגעשטאַמלט: „באַקאַנטער דאָקטאָר״, האָט מען דעם דאָקטאָר געמוזט מינטערן...

אַזוי ווי ער איז אַ שטאַמלער, איז זי אַ נאָך מער טויבע. זי איז טויב, ווי די וואַנט. און היות ווי טויבע שרייען הויך, מאַכט זי אַזעלכע קולות, אַז איר ווילט אַנטלויפן, ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. נאָר אַזוי ווי זי איז אַ נגידיתטע, הערט מען אויס אירע יעלות, מ׳שרייט איר צוריק אין אויער אַריין. איר שרייט, רייסט זיך דעם גאָרגל, און זי פרעגט:

— העע?... וואָס?... כ׳הער נישט!...

נאָך אַזאַ „שמועסל״ דאַרפט איר אַ חודש שווענקען דעם האַלז מיט קוואַס־באָרנע, שלינגען גאָגל־מאָגל און לייגן קאָמפּרעסן.

אַ נקמה האָב איך, ווען זי רעדט מיטן סעקוועסטראַטאָר, אָדער מיטן קאָמאָרניק. זיי שרייען, מאַכן געוואַלטן, ווערן רויט און אָנגעבלאָזן, זי קוקט זיי אין מויל אַריין און פרעגט:

— „צאָ״?... „פּאַן צאָש מוּוויל?״... „ניע סלישע״...— און נאָך אַ שעה גאָרגל־רייסעניש, האָט זי צו זיי טענות:

— „נאָ, צאָ פּאַן טאַק קשיטשי? צאָ פּאַן מישלי, זשע יאַ יעסטעם גלוכאַ?״...

מילא, אַז זיי רעדן נאָך באַזונדער, ד. ה. ער רעדט מיט אַ הערנדיקן און זי נישט מיט אַ שטאַמלער, איז נאָך אַ האַלבע צרה. העלפט מען זיך. אים העלפט מען אונטער מיט אַ וואָרט. צו איר נעמט מען אַן „אויבער צע״. מ׳גיט זיך אַן עצה. דאָס ערג־

סטע איז אָבער, ווען דאָס פּאָרל „שמועסט'' צווישן זיך. און נאָך ערגער איז, ווען איינער פון זיי איז אויפגערעגט. וואָס מער ער דענערווירט זיך, אַלץ מער „זאַוואַדזשעט'' ער זיך, און וואָס מער זי דענערווירט זיך, אַלץ מער ווערט זי טויב. רעדט ער הוידעם און זי ענטפערט בוידעם. אויף זיינס איין וואָרט, ענטפערט זי הונדערט, און דערצו קומט נישט איינס צום צענטן, און ס'איז ליהודים.

אָט אַזאַ „דיאַלאָג'' איז טאַקע צווישן דעם פּאָרפאָלק פאָר־געקומען די היינטיקע וואָך. די היינטיקע וואָך זיצט ער און לייענט אַ צייטונג, האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט די אונטערצינ־דונגען אין ארץ־ישראל. זיצט ער פאַרטיפט אין דער צייטונג און זיפצט. פּלוצים קומט אָן דאָס ווייב פון דער גאַס, פאַכעט זיך מיט אַ טאַשן־טיכל. אַגב האָט זי געהערט, אַז אירע קאָלעזשאַנקעס האָבן שוין געדונגען זומער־וווינונגען, גייט זי צו צום מאַן און גיט אים אַ צי פאַרן בערדל:

— נו, הערצקעלע, וואָס הערט זיך?

— ס'איז בי...בי...טער, — האָט ער איר געשריגן אין אויער אריין.

— שוין פוטער? האָסט דאָך ערשט געגעסן פליישיקס! — האָט זי געענטפערט.

— נישט פי...פי...טער, נאָר בי...בי...טער. ס'איז ביטער!

— זאָל זיין גיטער. ווער איז ביי דיר אַ גוטער? אָבער זאָג מיר, דו לייענסט דאָך די צייטונג. דער זומער איז שוין דאָ, טאָ וואָס שמועסט מען? מ'וועט כאָטש קענען פאָרן?

האָט ער געמיינט, אַז דאָס מיינט זי ארץ־ישראל, האָט ער געענטפערט:

— אַך... פאָרן? איצט פאָ...פאָרן?

— פאַראָוואָס נישט?

— צוליב די אַ...אַראַבער!

— כ'דאַרף נישט קאַ וואַבער! וואָס אַרט מיך וואַבער? אַנ־דערע וואַבער פאָרן אויך, וויל איך אויך פאָרן...

— נישט וואַ...וואַבער, נאָר אַר...אַבער, אָ, זע, לייען, סע... סעב...ברענט אַ פייער!

— טייער? ס'איז נישט אַזוי טייער ווי דו מיינסט. ס'איז אויסגעטראַכט. טאָמער וועסטו נישט דינגעז וועל איך אַליין פאָרן אין אַ פענסיאָנאַט אַריין.

— זע, נאַ לייען, אין חי... חיפה...

— וווּ איז טריפה? איך וועל עסן טריפה?

— נישט... טר... טר... טריפה, נאָר הי... חיפה, אין פאַ... פאַ...פאַ...פאַלעסטינע!

— גיי דו אין קינאָ! כ'דאַרף נישט קיין קינאָ!

— נישט קי...קי...קינאָ, נאָר פאַ...פאַ...פאַלעסטינע! אַרץ־יש...יש...ראל.

— צום פעטער רפאל? אין דעם העק אַריין, צום פעטער רפאל, הייסטו מיך פאָרן?... נישט דערלעבן וועסטו דאָס!

— דו טוי...טוי...טויבער כיי...כיי...רעש, וואָס דו בי..זט!... איך זאָג אַרץ־יש...יש...ראל און דו זאָגסט פע...פע...טער רפ...רפ... רפאל. — ער רוקט איר די צייטונג צו דער נאָז און שרייט צו איר מיט אַלע כוחות:

— נאַ... נאַ... לייען... לייען דו אַליין. זי מיי...מיינט, אַז ס'לייענט זיך אַ...אַזוי ל...ל...לייכט.

האָט זי גענומען די צייטונג און זי האָט גענומען לייענען:

— „מ'טוט פאַרזיכערן פולשטענדיקע רו און אָרדענונג".

— ווי? אין פאַ...פאַ...לעסטינע?

— יאָ, אין קאַלי, — האָט זי געענטפערט.

זי לייענט ווייטער:

— „הייריאָר ריכט מען זיך אויף אַ ברענענדיקן סעזאָן".

— וווּ? אין ת...ת...תל־אביב?

— יאָ, אין טרוסקאַוויעץ.

— „נישט קוקנדיק אויף די געשעענישן, איז צו באַמערקן אַן אויפלעבונג".

— אַהאַ, אויפן מז...מזרח־יריד אין ת...ת...תל־אביב?

— יאָ, יאָ, אין די געוועלבער, ווייבער רייסן סחורה פון די הענט.

זי האָט גערעדט וועגן זומער־וווינונג און ער — וועגן ארץ־ישראל, ביידע האָבן זיי זיך אָפּגעריסן די הערצער. ער, ביז ער האָט ארויסגעברענגט אַ וואָרט, און זי פון איבערפרעגן און איבערדרייען די יוצרות. און דער סוף איז געווען, אז ס'איז געבליבן ביים אלטן:

אים אינטערעסירט ארץ־ישראל, און איר... די זומער־וווינונג.

אַ דירה אויף דרייַ חדשים...

עס קומט צו מיר אַ ייִד. בייַ דער טיר פרעגט מען אים:

— וועמען זוכט איר?

— איך דאַרף אַבערזשאַנעקן, כ'האָב פאַר אים אַ געשעפט.

געהערט אַ געשעפט, האָב איך דעם ייִד אַריינגעבעטן, גע־הייסן זעצן. דער ייִד האָט זיך געמאַכט באַקוועם, אויסגעטון דעם אויבערמאַנטל. איך בין שוין געווען טשעקאַווע צו הערן דאָס גע־שעפט, אפשר אַ שותּף צו דער ווידזעווער מאַנופאַקטור, טראַמ־וואַי־אַקציעס, אָדער גאָר אַ פאַרטרעטונג פון אַ שפּינערייַ, מאַלע וואָס פאַר אַ געשעפטן ס'זענען דאָ.

נאָכדעם, ווי דער ייִד האָט אויסגעווישט די ברילן, אָנגע־פילט די ליולקע מיט טאַבאַק, גיט ער מיך אַ פרעג:

— איר זענט אַבערזשאַנעק?

— יאָ, איך בין עס. וואָס האָט איר פאַר מיר?

— איך האָב פאַר אייך... אַ מעשה.

— אַ מעשה? דאָס איז ס',,געשעפט''? נו, אַרויס מיט דער מעשה!...

— איר האָט אַ ווייַב? — פרעגט דער ייִד.

— יאָ, וואָס האָט דאָס צו דער מעשה?

— אויב איר זענט אַ באַווייבטער, וועט איר מיך בעסער פאַרשטיין. אַזעלכע זאַכן קענען נאָר פאַרשטיין באַווייבטע. איז אויב איר זענט אַ באַווייבטער, איז גוט, הערט־זשע מיך אויס, פאַ־

ניע אַבערזשאַנעק מיט קאָפּ. עס וועט אייך נוצן צום געשעפט, איר וועט די מעשה צופּוצן, צושמעלצן, און איר וועט דערפון מאַכן א גאַנצן צימעס, אַזוי ווי איר קענט...

— געוועז איז דאָס היינט א יאָר, דאָס הייסט, צווישן פּסח און שבועות. אין דער צייט, ווען די ווייבער ווערט ענג אין דער שטאָט. ווען יעדע יידענע זוכט א שטיקל לאַנקע, א שטיקל וואַלד, אַביסל גראָז. אַזוי ווי אַלע יידענעס, טוט אויך מיין אשה ,,פּראַג־ניען'' זיך צו ,,אַדשוויעזשען'', אָפּדעכען, הייסט עס, אריינזאַפּן אַביסל פרישע קו־שטאַל־לופט, און אַמליבסטן האָט זי דאָס דאָרף אין פרילינג, ווען פון פעלד טראָגט זיך דער בשמים־ריח פון דעם ,,שמן־זית'', וואָס מ'גיסט אויף די פעלדער... אָט־אָ דער ,,גע־שמאַק'', זאָגט זי, טוט זי ,,אַדשוויעזשען''...

— נו, טו איך איר צוליב, און שיק זי אייביק אַרויס אין איר ליבלינגס־חודש, אָנפאַנג מאַי, געניסן פון דער קו־שטאַל־לופט און איינזאַפּן דעם שמן־זית, וואָס טוט זי ,,אַדשוויעזשען''...

אַנומלטן זאָגט זי צו מיר:

— פישעלע, ווייסטו, וואָס מיר איז איינגעפאַלן?

— וואָס איז דיר איינגעפאַלן? — האָב איך געפרעגט.

— מיר איז, זאָגט זי, איינגעפאַלן א פּלאַן, ווי אַזוי דו זאָלסט קענען ,,סקאַזשישטשען'' פון דאָרף פּונקט אַזוי ווי איך, און ס'זאָל דיך גאָרנישט קאָסטן, פאַרקערט: מ'זאָל נאָך קענען דערביי פאַר־דינען.

— אדרבא, לאָמיך הערן!

— הער, פישעלע, וואָס מיר איז איינגעפאַלן: ווי שטייט דאָס געשריבן, אַז נאָר איך דאַרף זיצן אין דאָרף און דו זאָלסט פאַרשוואַרצט און פאַרפינסטערט ווערן אין שטאָט? דו ביזט אויך נישט קיין גרויסער גבור, דאַרפסט דיך אויך אַביסל פּאַפּראַוויען, ליגן א לאַטע, הייסט עס. איז מיר איינגעפאַלן, אַז דו זאָלסט אויס־קויפן א וואָכן־בילעט אויף דער באַן, און יעדן פאַרנאַכט אַרויס־קומען אין דאָרף אריין. וועסטו נישט דאַרפן אַליין שלאָפן, ס'איז נישט ,,פּזשיעמנע'' אַליין צו שלאָפן. מ'איז דאָך נאָר

אַ מענטש, און אַ מענטש איז נישט קיין קאַפּעליוש... אַ קאַפּעליוש קאָן אויך „דעפּאַסאַנירט" ווערן; מכל שכן אַ מענטש?... דערנאָך וועסטו נישט דאַרפֿן עסן אין רעסטאָראַציעס די מיטאָגן פֿון פֿיר גענג, און נאָכן מיטאָג האָבן צען „גענג"... ביי מיר וועסטו האָבן אַ גוט ביסל טרוסקאַווקעס מיט סמעטענע, אָדער אַ פֿריש יאַכל מיט אַ שטיקל עוף, דערנאָך וועסטו דיך צושפּאַרן אויפֿן ליעזשאַק, וועסט ווייסן פֿון אַ לעבן!...

— ביזט גערעכט, וויבעלע, ס'איז טאַקע נישט „פּזשיעמ־נע" צו שלאָפֿן אַליין, ס'איז טאַקע נישט קיין געשמאַקע זאַך די פֿיר־גענגיקע מיטאָגן. אודאי וואָלט געווען גוט, איך זאָל אַרויסנע־מען אַ וואָכן־בילעט און יעדן טאָג עסן טרוסקאַווקעס מיט סמעטע־נע, אַ פֿריש יאַכל מיט אַ שטיקל עוף, אָבער דאָס שמעקט דאָך מיט געלט!

— אָט וועגן דעם וויל איך טאַקע מיט דיר רעדן. כ'האָב אַ פּלאַן, אַ פּלאַן, ווי אַזוי ס'זאָל דיך נישט קאָסטן. פֿאַרקערט: מ'זאָל נאָך קענען דערביי פֿאַרדינען, אָפּלעקן אַ ביינדל.

— ווי אַזוי?

— טאַ הער־זשע: ווייבאַלד דו וועסט נישט שלאָפֿן אין דער היים, טאַ צו וואָס דאַרף מען צאָלן דריי חדשים דירה־געלט? איז מיר איינגעפֿאַלן, מ'זאָל די דירה פֿאַרדינגען אויף דריי חדשים. וועסט שטעלן אין דער צייטונג, אַז דו ווילסט פֿאַרדינגען אַ דירה מיט אַלע ווינקעלעס אויף דריי חדשים, וועסטו זען, וויפֿל אַמאַטאָרן דו וועסט האָבן. מ'וועט דיר געבן פֿאַר אַ קוואַרטל ז' גורי, און פֿאַר דעם געלט וועסטו דיך „פּאַפּראַוויען", וועסט אַרויסקומען יעדן אָוונט, אי דו וועסט האָבן אַ „קאָזשישטש", אי ס'וועט דיך גאָר־נישט קאָסטן.

דאַכט זיך, אַ ווילער פּלאַן. וואָס קאָן זיין בעסער: האָבן אַזאַ שאַנס און ס'זאָל גאָרנישט קאָסטן. באמת אַ טייערער פּלאַן. האָב איך געפֿאָלגט מיין ווייבל, אַוועק אין דער רעדאַקציע און גע־שטעלט אַזאַ אַנאָנס:

אַ זעלטענע געלעגנהייט!

איך גיב אָפּ אַ וווינונג פון דריי שטובן מיט אַ קיך, מיט אַלע ווינקעס, מיטן גאַנצן מעבל אויף די דריי זומער־חדשים.

נו, איז געוואָרן לעבעדיק. ס'האָבן זיך גענומען שיטן חתנים מיט כלות, יונגע פּאָרלעך, אָפּגעקומענע נגידים, וואָס קאָנען זיך נישט אָפּזאָגן פון די סעקוועסטראַטאָרן, סוחרים, וואָס ווילן אַנטלויפן פון די בעלי־חובות. יעדער האָט געקוקט, געהאַנדלט מיטן פּרייז, און צום סוף איז געוואָרן פון געשעפט. אַן עלטער פּאָרפאָלק, וואָס רעכנט זיך אַ ליאַדע חודש אויף אַ סערטיפיקאַט קיין פּאַלעסטינע.

דאָס פּאָרפאָלק איז מיר געפעלן געוואָרן.

זיי שטייען שוין מיט איין פוס אויף יענער זייט ראָגאַטקע. ביז וואָס, ווען, ביז איך וועל צוריקקומען פון דאָרף, וועלן זיי שוין זיין מיט איין פוס אויף דער שיף. געלט גיבן זיי אויף אַ קוואַרטל ז' גורי, וועל איך מיך דערפאַר „פּאָפּראַוויען", עסן טרוסקאַווקעס מיט סמעטענע, יעדן טאָג אַ פרישן יאַיכל מיט אַ שטיקל עוף, וועל איך מיר ליגן אַ לאַטע, און וועל נאָך דערביי פאַרדינען...

— נו, וואָס זאָגט איר, פּאַניע אָבערזשאַנעק, צו דעם געשעפט? ס'געפעלט אייך?

— אַוודאי איז דאָס אַ געשעפט. אַ גלענצנד געשעפט!...

— אַ געשעפט, זאָגט איר? טאָ הערט־זשע אויס, וואָס ס'איז געווען.

ווי נאָר איך מיט מיין בני־בית זענען אַרויס אויף דער לאָנקע, האָב איך אויסגעקויפט אַ וואָכן־בילעט אויף דער באַן. אין דער פרי בין איך געקומען אין שטוב אַריין אַ געפרישטיקטער, פאַרנאַכט בין איך געפלויגן צו דער באַן, דרויסן האָט מיך מיין יידענע געפּאַשעט, ווי אַ שטאָפּ־גאַנז. טרוסקאַווקעס מיט סמעטענע, פרישע יאַיכלעך מיט עופות, געלייגט זיך אויפן לעזשאַק, געשעפט

די פרישע קו־שטאַל־לופט, און דעם בשמים־ריח פון דעם אויסגע־גאָסענעם שמן־זית פון די פעלדער. איך בין מיר געלעגן אויפן לעזשאַק, ווי אַ בן־מלך. מיין ווייבל האָט פון מיר געיאָגט די פליגן. איך האָב מיר מיט תענוג געקראַצט די פיס פון די מיקן — קיין שונא זאָל נישט וויסן דעם טעם!... איך בין געוואָרן דיקער ווי ברייטער, איבערן זומער געלייגט אַ לאַטע, און האָב מיין ווייבל געווינטשן דאָס לאַנגע לעבן פאַר איר געניאַלן פּלאַן.

סוף זומער, ווען מ'האָט זיך גענומען פּעקלען אַהיים, זאָגט צו מיר מיין ווייבל:

— פישעלע, וועסט זיין אין שטאָט, גיב אַ קוק אין שטוב אַריין, וואָס ס'הערט זיך. וואָס מאַכט דאָס פּאָרפאָלק, צי זיי האָבן שוין די סערטיפיקאַטן און אַגב זיי דערמאָנען, אַז זיי דאַרפן זיך גרייטן צו „ווינאַשען"...

האָב איך געפאָלגט מיין ווייבל. איך קום אַריין אין שטוב, און ס'נעמט מיר שווינדלען פאַר די אויגן — אַ האָטעל!... יידן און יידענעס, יונגען און מיידן, אַלע שטובן פאַרנומען, אין יעדער שטוב אַן אַנדער פּאָרפאָלק. אַ טאַראַראַם, אַ געפילדער, מ'קריגט זיך און מ'שילט זיך. ס'איז ליהודים.

פרעג איך דעם ייד, וואָס האָט ביי מיר גענומען די דירה אויף דריי חדשים:

— פּאַניע, ווער איז דאָס פּאָרפאָלק, וואָס וווינט אין עס־צימער?

— אַ סובלאָקאַטאָר!

— אַ סובלאָקאַטאָר? וועמענס סובלאָקאַטאָר?

— מיינער! — האָט דער ייד רואיק געענטפערט.

— וואָס הייסט? ווי קומט איר צו סובלאָקאַטאָרן? איר זענט דען דאָ בעל־הבית?

— ווער דען, אפשר איר? ווער ס'וווינט, דער איז בעל־הבית, — האָט ער קאַלט געענטפערט.

— אזוי גאָר! און ווער איז דאָס אַלטע פּאָרפאָלק, וואָס וווינט אין קינדער־צימער?

— דאָס איז מיין טאַטע און מיין סובלאָקאַטאָרס מאַמע. זיי האָבן זיך דאָ אין שטוב באַקענט און האָבן חתונה געהאַט. נו, האָב איך זיי אָפּגעגעבן אַ צימער...

— וואָס הייסט, איר האָט אָפּגעגעבן? וואָס פאַר אַן אָפּגע־בער זענט איר? איר האָט דאָך גענומען די וווינונג נאָר אויף די דריי זומער־חדשים, ווי לאַנג מיר וועלן זיין אין דאָרף?... און ווער זענען עס די יונגען און מיידן, וואָס זענען דאָ גאַנצע מחותנים?

— דאָס זענען מיינע טעכטער און מיין סובלאָקאַטאָרס זין, מיר האַלטן זיך ביי משדך זיין. נו, ווו דען זאָלן זיך קינדער „באַ־וויען״, אַז נישט ביי די עלטערן אין דער היים?...

— אזוי, איר האַלט זיך ביידע ביים משדך זיין, און וואָס גיט איר אייערע טעכטער נדן?

— נדן? און אַזאַ אויסמעבלירטע וווינונג איז גאָרנישט!?... נאָך דער חתונה וועל איך יעדן געבן אַ צימער מיט מעבל...

— אהאַ, איר וועט געבן אַ צימער... מיט מעבל... די צימערן מיט דעם מעבל?

— וואָס דען? דאָס מעבל געפעלט אייך נישט?

— אהאַ... און וואָס הערט זיך עפּעס מכוח סערטיפי־פיקאַטן? — האָב איך אים געפרעגט.

— סערטיפיקאַטן? אַ ליאַדע יאָר אי״ה.

איר ווילט וויסן דעם סוף פון דער מעשה? דער סוף איז, אַז איך בין אַ סובלאָקאַטאָר. אַ סובלאָקאַטאָר אין מיין דירה. קוים מיט צרות מ׳האָט מיר „פּאָזוואָליעט״ אַריינצופּאַקן אין אַ שטיבל. האָב איך צרות נאַ לאָקטשי. אַלע שטובן זענען פאַרנומען. אין קינדער־צימער — דעם סובלאָקאַטאָרס טאַטע און דעם סובלאָקאַ־טאָרס מאַמע, וואָס האָבן זיך ביי מיר אין שטוב „פאַרליבט״. אין אַ צווייטער שטוב — צוויי פּאָרפעלקער. דעם סובלאָקאַטאָרס זון און דעם סובלאָקאַטאָרס טאָכטער. ביידע האַלטן זיי אַ ליאַדע טאָג

ביים „אויסשיסן", וועל איך נאָך האָבן צוויי קינפּעטן, צוויי בריתן. און ווער ווייסט, צי איך וועל נישט פון דעם אַלטן פֿאַרפֿאַלק דער־לעבן נחת... אַ קשיא, וואָס ס'קאָן געשען!...

— נו, וואָס זאָגט איר, פּאַניע אָבערזשאַנעק, צו דער מעשה? דאַרף מען נישט די מעשה באַשרייבן?

— יאָ, דער ייִד איז גערעכט, די מעשה דאַרף מען טאַקע באַ־שרייבן, און זאָל דאָס זיין אַ מוסר־השכל פֿאַר אַנדערע ייִדן, וואָס פֿאָלגן קלוגע עצות פֿון זייערע ווייבער.

דער „פּאַזשאַנדעק" געפעלט איר נישט...

איר קענט, זאָגט איר, די ווייבער? אויב איר זאָגט אַזוי, זענט איר אַ בארימער. אויף וויפל איר קענט זיי, קענט איר זיי נישט. איר הויבט זיי נישט אָן צו קענען.

נעמט, למשל, אַזאַ פאַכמאַן אין דער ווייבער־בראַנזשע, ווי איך; וויפל איך האָב שוין אין מיין לעבן „אָבראַטעוועט", וויפל איך האָב שוין שטודירט, און דאָך זענען זיי געבליבן פאַר מיר אַ סוד. כ'האָב זיי באַין אופן נישט געקאָנט דערגיין. וואָס מער כ'האָב זיי געפאָרשט, אַלץ מער האָב איך מיך איבערצייגט, אַז דאָס „איידעלע געשלעכט" איז און וועט בלייבן אַ רעטעניש פאַר דער מענערישער מענטשהייט.

אַקעגן וואָס זאָג איך דאָס? צוליב אַ מעשה מיט מיין אייגע־נער אשה. אויך זי איז פאַר מיר אַ רעטעניש. זיבעצן יאָר זענען מיר אונטער איין דאַך, און דאָך קען איך זי נישט. וויפל איך באַ־מי מיך זי צו דערגיין, געלונגט עס מיר נישט.

אַמאָליקע צייטן האָט זי צו מיר געהאַט טענות:

— אַ מאַן ביזטו? אַ האַרץ־געשפּאַן, נישט קיין מאַן. אָט גיב אַ קוק, ווי אַנדערע מענער טוען. לערן דיך ביי אונזער שכן; אַז ער קומט אַהיים, גיט ער איר אַ קוש, פרעגט זי: וואָס מאַכסטו, פּאָלטשעלע? ווי פילסטו דיך? יעדן טאָג ברענגט ער מיט פון גאַס פעקלעך און „פּאָדאַרונקעס". קיינמאָל קומט ער נישט אַהיים מיט ליידיקע הענט. און דו? אויך מיר אַ מאַן, מ'שטיינסגעזאָגט!

איצט, אויף דער זומער־וואוינונג, האָב איך געהאַט געברענ־טע צרות. יעדעס מאָל דעם אייגענעם פזמון:

— יעדער מאַן, אַז ער קומט אַרויס אויף דער ליעטניסקע, ברענגט ער עפּעס מיט פאַרן ווייב, דאָס האַרץ צו דערכאַפּן, און דו קומסט צו פליען מיט ליידיקע הענט. ס'איז דאָך מיר אַ חרפּה און אַ בושה פאַר די אַנדערע ווייבער. איך פּלאַץ דאָך פון זאַ־זדראַשטש...

האָב איך איינגעזען, אַז מיין יידענע איז גערעכט. אַנדערע מענער ברענגען די ווייבער אויף דער ליעטניסקע עפּעס אַזעלכעס דאָס האַרץ צו דערכאַפּן, טאָ פאַרוואָס זאָל איך מיין ווייבל נישט ברענגען עפּעס דאָס האַרץ צו דערכאַפּן? אַנדערע מענער, אַז זיי קומען אויף דער ליעטניסקע, קושן זיי די ווייבער און פרעגן: וואָס הערט זיך? וואָס מאַכסטו? פאַרוואָס זאָל איך זיין אַ יוצא מן הכלל? פאַרוואָס זאָל איך נישט טון אַזוי, ווי אַלע אַנדערע טוען, פאַרוואָס? האָב איך באַשלאָסן, היי־יאָר, צו טון, אַזוי ווי אַנדערע מענער טוען און זאָל מיין יידענע נישט פּלאַצן פון זאַזדראַשטש...

דעם ערשטן פרייטיק, ווי נאָר איך בין געקומען אויף דער ליעטניסקע, האָב איך אַרומגעכאַפּט מיין ליעטניטשקע און זיך מיט איר האַרציק צעקושט, ווי אַ חתן מיט אַ כלה — נישט צוגלייכן... דערביי האָב איך איר דערלאַנגט אַ גאַנצע חברה פּעקלעך און טיט־לעך, און האָב איך באַמערקט די „זאַזדראָסנע” בליקן פון די אי־בעריקע ליעטניטשקעס, האָב איך זי גענומען אויספרעגן:

— וואָס מאַכסטו, פּאָלטשעלע? ווי גייט עס דיר? ביזטו כאָטש געזונט? האָב איר דערציילט, ווי שטאַרק געבענקט איך האָב אַ גאַנצע וואָך. כ'האָב געציילט די טעג, די שעהן. אַז יעדן אָוונט בין איך אַהיימגעגאַנגען ניין אַזייגער, אַז עלף אָוונט בין איך שוין געלעגן אין בעט.

דעם צווייטן פרייטיק ווידער דאָס אייגענע: ווידער דאָס איי־גענע קושן, די אייגענע פּעקלעך און טיטלעך, דאָס האַרץ צו דער־כאַפּן, ווידער די אייגענע אויספרעגעכצן, ווידער די אייגענע מעשיות: שטאַרק געבענקט, געציילט די טעג און די שעהן, אַהיימ־געגאַנגען ניין אָוונט. עלף שוין געלעגן אין בעט.

בין איך דאך געווען זיכער, אז מיין ווייבל ווינטשט מיר דאס אייביקע לעבן, אז זי איז אין זיבעטן הימל, וואס איך ברענג איר מיט דאס האריץ צו דערכאפן, וואס איך מאך אזוי, אז די ליעטניטשקעס זאלן פלאצן פון „זאזדראשטש". אזוי האב איך געמיינט, און ארויסגעשטעלט האט זיך גאר עפעס אנדערש.

דעם דריטן פרייטיק, אז איך האב גענומען אויספירן מיין „פראגראם", האב איך באמערקט, אז מיינע איז עפעס „פאכמור־נע"... לפנים נעמט זי די פעקלעך און טיטלעך דאס האריץ צו דער־כאפן, זי מאכט כלומרשט אן אנשטעל, אז זי איז צופרידן, נאר עפעס איז דאס נישט דאס דאזיקע. פרעג איך:

— פאלטשעלע, וואס איז געשען? ביזט חלילה נישט מיט אלעמען?

האט זי אראפגעלאזט די אויגן און געזאגט מיט א האלב־וויינענדיקן קול:

— איך וועל דיר זאגן דעם אמת, יאסל, עס געפעלט מיר נישט די מעשה.

— וואס פאר א מעשה? — בין איך געווען נייגעריק.

— דאס, וואס... וואס דו ביזט עפעס מיט אמאל געווארן צו מיר אזוי „טשולע"... עס געפעלט מיר נישט די פעקלעך און טיטלעך, וואס דו ברענגסט מיר יעדן פרייטיק. עס געפעלן מיר נישט דיינע „סערדעטשנע" קושן, ס'געפעלט מיר נישט דיין פרי אהיימגיין שלאפן — די גאנצע מעשה, יאסעלע קרוין, געפעלט מיר נישט. די מעשה איז עפעס נישט גלאטיק... ווער ווייסט, וואס דו, יאסעשי, האסט אויף דיין געוויסן!...

דא בין איך שוין געבליבן שטיין א צעמישטער. וואס הייסט דאס? מיט וואס זאל מען דאס פארשטיין? האב איך איר נישט געברענגט קיין פעקלעך און טיטלעך דאס האריץ צו דערכאפן? האב איך נישט געטון, ווי אנדערע מענער טוען? בין איך געווען א האריץ־געשפאן? האט זי געפלאצט פון „זאזדראשטש"? און איצט, אז איך טו אליץ כמו שכתוב, אזוי ווי ס'שטייט אין ווייבע־רישן קאדעקס, איז ערשט אויפסניי נישט גוט. איז ביי איר די מעשה נישט גלאטיק.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט. הערט, וואָס נאָך ס'איז געווען:

פאַרטאָג, איך בין נאָך געשמאַק געשלאָפן, פּלוצים, מ'קלינגט. איך לויף צו דער טיר, עפן אויף, און ווער, מיינט איר, איז עס געווען? יאָ, זי, מיין פאַלטשעלע.

— וואָס איז געשען? וואָס עפּעס אַזוי פּלוצים און אַזוי פרי?

האָט זי גאָרנישט געענטפערט, האָט אויסגעטון דעם מאַנטל און גענומען זוכן.

פרעג איך:

— פאַלטשעלע, וואָס זוכסטו?

האָט זי ווייטער קיין וואָרט נישט געענטפערט, האָט אַדורכ־געניִשטערט צוערשט אין דער קיך, דערנאָך אין שטוב און צום סוף אין שלאָף־צימער אין די שענק, אין די שופלאָדן, אין דער ביורקע. נאָך דער „רעוויזיע" האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און מיר גענומען שטעלן קשיות:

— זאָג מיר, יאָסעלע, פון ווען אָן איז עס ביי דיר, אַז איך בין נישטאָ — אַזאַ „פּאָזשאָנדעק"? זייט איך בין אַוועק פון דער היים, האָט נאָך קיין איין גלאָז נישט געפּלאַצט... אַמאָל, אַז איך בין נישט געווען אין דער היים, איז אַלץ געווען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף און איצט עפּעס אַזאַ „ווזאָראָווע פּאָ־זשאָנדעק"!... יעדע זאַך שטייט זיך אויף זיין אָרט, אַלץ בלאַנקט. די בעטן אויפגעבעט, די פּאָדלאָגעס אויסגעקערט, קיין ברעקל שפּינוועבס אויף די ווענט — פון וואַנען נעמט זיך צו דיר אַזאַ „פּאָזשאָנדעק"? וועסט דאָך מיר נישט איינרעדן, אַז דאָס טוסטו מיט דיינע הענט!... יאָ, און פאַר וועמען האָסטו עס צוגעגרייט דעם וואַזאָן מיט בלומען אויפן טיש?

— איצט איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן, איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס דו ביזט מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי „טשולע" צו מיר... פאַרוואָס דו האָסט מיך מיט אַמאָל גענומען קושן און ברענ־גען פעקלעך און טיטלעך דאָס האַרץ צו דערכאַפּן... איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז די מעשה איז נישט גלאַטיק... כ'האָב באַלד

פאַרשטאַנען, אַז דו האָסט עפּעס אויפן געוויסן... איצט זע איך דאָך, כ׳זע דאָך דעם „פּאַזשאַנדעק" אין שטוב. ווען איך בין גישטאָ אין דער היים. איך זע דאָך דעם וואַזאָן בלומען אויפן טיש — איצט ווייס איך שוין אַלץ.

הכלל, רבותי, דאָס „שיינע געשלעכט" איז געוועז און וועט אייביק בלייבן אַ רעטעניש פאַר דער מענערישער מענטשהייט...

כלל ישראל און ר׳ ישראל...

די טעג קומט צו מיר אריין מיינער א שכן, ר׳ ישראל, און ר׳ ישראל, דארפט איר וויסן, גייט נישט אליין, אן זיין זגתו רירט ער זיך נישט. איז ער אויך דאסמאל געקומען אין באגלייטונג פון זיין חלק שני.

— כ׳האב אייך געוואלט פרעגן אן עצה.

— למשל, וואס פאר אן עצה ווילט איר?

— כ׳האב אייך געוואלט פרעגן, גיט מיר אן עצה, ווו פארט מען? ווו טוט מען זיך אהין?

פארשטיי איך דאך, אז דאס מיינט ער די ביטערע לאגע פון כלל ישראל. מ׳יאגט אונז, מ׳פלאגט אונז, דא וויל מען אונז נישט האבן, און אין ערגעץ לאזט מען אונז נישט אריין, זאג איך:

— איר רעדט וועגן כלל ישראל? דאס איז דאך אן אלגעמיינע יידישע צרה. דאס איז א פראגע, וואס ליגט ביי יעדן פון אונז אויף די ליפן — ווו פארט מען? ווו טוט מען זיך אהין?

— גייט שוין גייט, — האט זיך אריינגעמישט מיין שכנטע, — וואס ארט מיך דער כלל ישראל? מיך אינטערעסירט מיין פערזאן. אין דאווענען שטייט אויך: „מאן טובה״ (מה טובו), איז דער טייטש, אז יעדער דארף זארגן פאר זיך... מיר זענען טאקע דעריבער אייך געקומען פרעגן: ווו פארט מען? ווו טוט מען זיך אהין?

— אויב אזוי, אויב איר טראכט וועגן זיך אליין, דאס איז

שוין אַ פראַגע פון מעגלעכקייטן. אויב איר האָט מעגלעכקייטן, דאַרפט איר טאַקע פאָרן!

— יאָ מעגלעכקייטן, נישט מעגלעכקייטן, — האָט מיין שכן געענטפערט, — און אַז מ׳האָט נישט קיין מעגלעכקייטן?

— אַז מ׳האָט נישט קיין מעגלעכקייטן, מוז מען זיצן אין דער היים.

— אין דער היים, זאָגט איר? ווי קאָן זי זיצן אין דער היים? זי איז דאָך אַ חרובדיק מענטש... קוים זי זשיפּיעט... ס׳איז דאָך איר דאָ דושנע, זי קאָן דאָך דעם וואָזדעך נישט כאַפּן, אויב זי זאָל זומער בלייבן אין דער היים...

— איך פאַרשטיי נישט, וועגן וואָס אייגנטלעך רעדט איר? האָב איך געפרעגט. — איר רעדט וועגן עמיגראַציע?

— נישט עמיגראַציע, נאָר — קוראַציע. עפּעס מישט איר דאָך אויס קאַשע מיט זויערמילך. איך רעד פון קוראַציע, און איר האַקט אַ טשייניק מיט עמיגראַציע! ווער האַלט ביי עמיגרירן, ווער? ווער האָט כוח דערצו, ווער? איך מיין נישט עמיגראַציע — נאָר קוראַציע. קוראַציע פאַר מיין יידענע. איר פאַרשטייט? — קוראַ־ציע!...

— נו, טאָ וואָס ווילט איר פון מיר? איך בין דען אַ דאָק־טאָר, וואָס איר קומט מיך פרעגן עצות וועגן קוראַציע?

— יאָ, אמת, קיין דאָקטאָר זענט איר טאַקע נישט, אָבער אַ קרענק פאַרשטייט איר. איך בין מיך טאַקע געקומען מיט אייך משאל־עצה זיין. טאַקע וועגן זיי, וועגן די דאָקטוירים. איך זאָג אייך, מ׳קען דאָך פון זיי, פון די דאָקטוירים מיין איך — משוגע ווערן. לויט זיי קומט דאָך אויס, אַז איך מוז מיין יידענע צע־פּערטלען.

— צעפּערטלען? וואָס הייסט צעפּערטלען?

— אָט, אָט, אַז איר רעדט, ווי אַ מענטש, וועל איך אייך דאָס דערקלערן, הערט־זשע:

— מיין יידענע, אָט־אָ דער פּאַרשוין, וואָס זיצט דאָ פאַר אייך, אַז איר קוקט זי אָן, דאַכט זיך אייך, אַז זי איז אַ ריז, אַ מחבל, אַז זי טויג נאָך צו עפּעס. אַזוי דאַכט זיך אייך, יאָ? זאָג

איך אייך, אַז זי טויג אויף טישאַנצע כּפּרות... איר זעט רויטע ליפּעלעך, רויטע בעקעלעך, חן־גריבעלעך, שוואַרצע ברעמען, אַ פּריזור מיט לאָקן — אַ קראַסאַוויצע, האַ? זאָג איך אייך, אַז דאָס איז אַלץ קיין פּרוטה נישט ווערט. דאָס איז אַלץ געמלאכהנט, ר׳ יאַנקל. ווען איר זאָלט זי זען ביינאַכט, ליגט אין בעט אַ זעקל ביינער, גישט קיין יידענע, אַ חרובדיק מענטש — אין שמעלץ אַריין!...

— בין איך די וואָך געווען מיט איר ביי אַ דאָקטאָר פרעגן, ווי זאָל זי פאָרן. האָט ער זי גענומען זבאַדען, קלאַפּן, צום סוף זאָגט ער:

— איר ליידט אויף אַרטרעטיזם, מוזט איר האָבן אַ טרוקענעם באָדן, טרוקן, ווי פעפער, דערפאַר ראַט ער זי, זי זאָל פאָרן קיין בייסהאַקיסוווקע. דאָרט, די זומער־וווינונג, בייסהאַקיסוווקע, איז טרוקן, ווי פעפער.

— נו, אויב זי ליידט אויף אַרטרעטיזם, דאַרף זי טאַקע האָבן טרוקענעם באָדן, טרוקן, ווי פעפער, טאָ דאַרפט איר זי טאַקע שיקן קיין בייסהאַקיסוווקע.

— אַזוי? קיין בייסהאַקיסוווקע, זאָגט איר? זענט איר דאָך פונקט אַזאַ חכם, ווי יענער דאָקטאָר. ווי אַזוי קאָן זי פאָרן אויף אַ טרוקענעם באָדן, אַז אַ חוץ אַרטרעטיס, איז זי נערוועזיש אויך. איין קנויל נערוון איז זי. ביי דער מינדסטער נאַרישקייט, קאָכט זי זיך אויף; טאָמער פליט איר עפּעס פאַר דער נאָז, גייט ס׳יום־טובדיקע געפעס „וו׳ רוכו״... טאָמער באַקומט זי אַ נערוועזישן נאַפאַד, צינדט זי זיך אָן, ווי אַ הבדלה. דאָס האַרץ צאַפּלט ביי איר, ווי אַ לעבעדיקער שלייען, און דאָקטוירים זאָגן, אַז נערוון מוזן האָבן פייכטן באָדן, אַז טרוקענער באָדן פאַר נערוועזישע, איז סם. סם המות.

— אויב אַזוי, אויב זי איז נערוועזיש, דאַרף זי טאַקע פאָרן אויף אַ פייכטן באָדן.

— אַזוי זאָגט איר? זאָגט איר דאָך שוין ווידער דאָס אייגענע, וואָס יענער חכם, דער דאָקטאָר. ער זאָגט, אַז אויב זי ליידט אויף נערוון, מוז זי האָבן פייכטן באָדן, ווייל — ווילגאָטנע פּאַוויעטזשע, און אויב ווילגאָטנע פּאַוויעטזשע, זאָל זי, זאָגט ער,

פֿאַרן קיין שמיעטניקאָוועק. דאָרט טאַפּטשעט מען אין די בלאָטעס. און איר זאָגט אויך אַזוי? וואָס הייסט, זי זאָל פֿאָרן קיין שמיעטניקאָוועק, אויף אַ ווילגאָטנעם באָדן? נו, און דער אַטרעטים? פֿאַר אַטרעטים איז דאָך ווילגאָטש — סם?

— אודאי אַזוי, אודאי זענט איר גערעכט. אודאי איז ווילגאָטש סם פֿאַר אַטרעטים־ליידנדע. אויב זי ליידט אויף אַטרעטים, דאַרף זי אומבאַדינגט האָבן טרוקענעם באָדן, טרוקן, ווי פּעפּער. דאַרפֿט איר טאַקע זי שיקן קיין בייסהאַקיסאָוווקע. דאָרט איז דאָך, זאָגט איר, טרוקן, ווי פּעפּער.

— וואָס הייסט בייסהאַקיסאָוווקע? נו, און די נערוון? פֿאַר נערוון, זאָגט דאָך דער דאָקטאָר, איז טרוקענער באָדן סם. סם המות.

קומט דאָך אויס, לויט אייערע רייד, אַז דער דאָקטאָר איז גערעכט. אַז די פּיס דאַרף איך שיקן קיין בייסהאַקיסאָוווקע, אויפֿן טרוקענעם באָדן, און די רעשט, דאָס לייב־און־לעבן, הייסט עס, קיין שמיעטניקאָוועק, אויפֿן ווילגאָטנעם באָדן? אויב אַזוי, טאָ וואָס וועל איך מאַכן מיט אירע נירן? זי ליידט דאָך אויף די נערקעס אויך! און נערקעס דאַרפֿן דאָך גאָר האָבן טרוסקאַוויעץ. קומט דאָך אויס, לויט אייערע רייד, אַז מיין יידענע דאַרף זיך איינטיילן אין דריי חלקים: די פּיס קיין בייסהאַקיסאָוווקע, אויפֿן טרוקענעם באָדן, דאָס לייב־און־לעבן קיין שמיעטניקאָוועק, אויפֿן ווילגאָטנעם באָדן, און די נערקעס — קיין טרוסקאַוויעץ. טאָ וואָס פֿאַר אַ ייִד זענט איר, אַז איר הייסט נעמען אַ יידיש קינד, אַ מאַמע פֿון קליינע ווערעם, און זי צעפּערטלען — וואָס פֿאַר אַ מענטשלעכקייט איז ביי אייך, העט?...

אַ ניי אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ. נאַדיר אַ יידענע, וואָס מ'דאַרף זי צעפּערטלען. איך רעד פֿון כלל ישראל און ער וועגן ר' ישראל...

אַז ס׳איז אויפגעלייגט אַן אומגליק...

ווי איר ווייסט, בין איך שוין אַן אַלטער ליעטניק. יעדעס יאָר שיק איך מיין בני־בית אויף אַ ליעטניסקע. נישטאָ אַ וואַלד, ווו איך בין שוין נישט געווען, נישטאָ אַ טייך, ווו מיין יידענע האָט זיך נישט טובל געווען, נישטאָ אַ פּליאַזשע, ווו זי האָט זיך נישט געבראָטן, נישטאָ אַ וואַלד, ווו זי האָט נישט אין די אָוונט־שעהן „געמאַזשעט״, נישטאָ אַ לאָנקע, ווו זי האָט זיך נישט גע־פּאַשעט. אומעטום, אין יעדן דאָרף האָב איך שוין געוווינט. איך בין אַן אַלטער ליעטניק, אַ ליעטניק בן ליעטניק.

יעדן זומער בין איך אַ ליעטניק, יעדן פרייטיק בין איך דער קידוש־מאַכער, דער שמחה־באַשיינער, קום אין דאָרף אַריין, כאַפּ אַריין מיין פּאָרציע לופט און השיבנו נאַזאַד — אין שטאָט אַריין.

דערפאַר האָב איך געהאַט גרויס נחת פון מיין אורלויב. יעדן זומער פלעג איך מיין חודש אורלויב פאַרברענגען מיט מיין בני־בית צוזאַמען.

איז דאָס געווען אַן „אורלויב״, ווינטש איך עס נישט מיינע שונאים. ווי נאָר איך בין געקומען אין דאָרף אַריין, האָט מיך מיין ליעטניטשקע באַגעגנט מיט אַ שמחה:

— נו, מאָטעלע, ביזט שוין געקומען אויף אורלויב?

— יאָ, מיין טייערע, אויף אורלויב, — האָב איך געענט־פערט.

איז געוואָרן אַ שמחה, אַ גדולה, קליינוואַרג האָט גענומען זוכן אין די טאַשן נאַשוואַרג און זי, מיין ליעטניטשקע? זי האָט

געשיינט פון נחת. זי האָט זיך באַלד גענומען גרייטן צו מיין אור־לויב.

קודם־כל האָט זי אָפּגעשאַפּט די דינסט. אַז איך בין אויף אורלויב, טאָ אויף וועלכע כפּרות דאַרף זי אַ דינסט? האָט זי טאַקע באַלד דעם ערשטן טאָג גענומען „סקאָזשישטשען" מיין אורלויב.
זעקס פאַרטאָג האָט זי מיך געוועקט:
— מאַטעלע, וואָס פּאָפּסטו? ס'איז דאָך שוין זעקס אַזייגער!
— נו, איז וואָס?
— וואָס הייסט? דו וועסט דאָך פאַרשפּעטיקן די מעלק!
— האַק מיר נישט אין קאָפּ אַריין, מעלק, שמעלק, וואָס אַרט מיך די מעלק? — האָב איך מיך געבייזערט.
— מאָטל, דו שטייסט אויף, צי נישט? קריך אַראָפּ פון דער גניאַזדע, וואַש־אויס ס'טעפּל און גיי אין שטאַל אַריין נאָך אַ האַלבן ליטער מילך — דו הערסט?

האָב איך מיך נישט געמאַכט הערן און מיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט — זאָל זי מיר רעדן צום... דאַשעק.
און וואָס איז, מיינט איר, געווען דער סוף? דער סוף איז געווען, אַז אויסגעפירט האָט זי. וואָס מיינט איר, האָט זי געטון? אַ קלייניקייט: זעענדיק, אַז איך מאַך מיך נישט הערן, האָט זי אויפגעהויבן די קאָלדרע און אונטערגעגאָסן אַ שעפּ וואַסער.
— איצט, — האָט זי געזאָגט, — וועסטו שוין קענען שווימען אויך!...

האָב איך דאָך געזען, אַז איך וועל גאָרנישט אויספירן, בין איך אַ נאַסער אַרוים אין דער שטאַל אַריין ברענגען מילך.
געקומען מיט דער מילך, האָט זי צו מיר אַ זאָג געטון:
— נו, איצט, מאַטעלע, וועסטו גיין אין דער יאַטקע נאָך פלייש.

האָב איך נישט געענטפערט אַ וואָרט און געגאַנגען אין דער יאַטקע.

פרעגט מיך דער קצב:
— אויף אַ יויך, צי אויף אַן איינקאָכעכץ?
— זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז! פון וואַנען זאָל איך דאָס

ווּיסן? ווייסט איר וואָס, גיט מיר חצי דאָס און חצי יענץ, דאָס הייסט, אַביסל אויף אַ יויך און אַביסל אויף אַן איינקאָכעכץ.

אָהיינגעקומען מיט דער פּאָרציע, האָט מיין יידענע געמאַכט אַ געוואַלט:

— שלימזל! טויגענישט! וואָס האָסטו מיר געבּרענגט? בלויז כאָבּעס און בּריאָכנעס. ס'איז דאָך דאָ מער ביינער, ווי פליישׂ! ווי לאָזט מען זיך אַריינהאַקן אַזאַ צולאָג? אַ מאַנספּערשוין זאָל מען נישט קענען שיקן נאָך אַ חלק פליישׂ?...

אַזוי איז עס געגאַנגען כסדר: איך בין געגאַנגען נאָך מילך, אין דער יאַטקע נאָך פליישׂ, האָב געשעפּט וויאַדרעס וואַסער, גע־האַקט האָלץ, פייער געמאַכט אין דער קיך, געוואַשן ס'געפעס, אָפּ־געשייערט די פּאָדלאָגע, געגעבן צו עסן די קינדער, געפאָרן מיטן ווּזעק אין וואַלד אַריין. אַזוי איז עס געגאַנגען דעם גאַנצן אור־לויב, און אַז איך בין צוריקגעקומען פון מיין „אורלויב", האָב איך מיך געלייגט אין בעט אַריין, גערופן אַ דאָקטאָר, האָט ער מיך באַהאָרכט און פעסטגעשטעלט, אַז... איך בין „פּזשעפּראַצאָוואַנע", און אַז איך מוז אומבאַדינגט „אָדפּאָטשניען"...

אַזוי איז געווען יעדן זומער. נאָך יעדן „אורלויב" האָב איך מיך „פּזשעפּראַצעוועט". איך האָב געפילט, אַז אויב איך זאָל נאָך האָבן אַזעלכע צוויי־דריי „אורלויבן", וועט מיין ווייבל בקרוב ווערן אַן אַלמנה, און אַזוי ווי איך האָב איר דאָס „פּזשיִעמנאָשטש" נישט פאַרגינען, האָב איך באַשלאָסן: איך דינג נישט מער קיין ליעט־ניסקע.

— וואָס הייסט? — פרעגט מיינע.

— אַזוי הייסט עס! מיר וועלן זיך פירן, אַזוי ווי אַלע מאָ־דערנע מענטשן פירן זיך.

— ווי פירן זיך מאָדערנע מענטשן?

— איך וועל פאָרן אויף אורלויב אין אַ פּענסיאָנאַט אַריין, דו וועסט אויך אָוועקפאָרן אין אַ פּענסיאָנאַט, די קינדער וועט מען אָוועקשיקן אויף אַ קאָלאָניע — און פאַרטיק אַן עסק!

כך הוה. אַזוי איז טאַקע געווען. די קינדער זענען געפאָרן אויף אַ שול־קאָלאָניע ביים ים, מיין יידענע איז אָוועקגעפאָרן אין

א פענסיאָנאַט, און איך האָב געדאַנקט און געלויבט גאָט, וואָס איך בין פּטור געוואָרן פון די ליעטניסקעס, פון די פּרייטיק־באַגאַזשן, פון דעם פּאַקן זיך אין די צוגן און דער עיקר, וואָס איך וועל שוין מער נישט „זאַסטאַמפּיען" די שיקסע אין מיין אורלויב־חודש, וואָס איך פאָר מיר הייאָר „סאָלאָ", וועל זיין א „וואָלני פּטאַשעק", וואָס איך וועל צום ערשטן מאָל „סקאָזשיסטען" פון מיין אורלויב.

נו, האָב איך מיך טאַקע צוגעגרייט צו מיין אורלויב, האָב מיר באַטשעלט אַן עלעגאַנטע זיידענע פּיזשאַמע, א מאָדערנעם העלן אַנצוג, עלעגאַנטע ספּאָרטאָווע העמדער, באָד־הייזלעך, ווייסע טעניס־הויזן, ווייסע פּאַנטאָפל — א גאַנצער פּראַנט!

וואָס נאָך האָב איך געטון? כ'האָב מיך אָפּראַזירט „נאַ גלאַדקאָ", די גרוילעכע האָר האָב איך מיר אָפּגעשוואַרצט אויף קויל־שוואַרץ, די וואָנסעלעך צוגעשוירן „פּאָ פראַנצוזקו", נאָר אונטער דער חופּה צו פירן...

איצט האָב איך מיך גענומען נאָכפרעגן, וואַהין צו פאָרן. אין וועלכן פּענסיאָנאַט. האָב איך מיר אויסגעקליבן א פּענסיאָנאַט צווישן „מלאָדזשעזש".

געקומען אַהין, און זעענדיק דעם „לאָרד", איז דאָרט געוואָרן ששון ושמחה. דאָס „איידעלע געשלעכט" האָט מיך ארומגערינגלט פון אַלע זייטן. איך האָב מיך פאָרגעשטעלט פאַר „א קאַוואַליר צום האַבן", יעדע האָט געוואָלט „געווינען מיין האַרץ". איך האָב „געבאַוויעט" דעם עולם. מ'האָט מיר גערעדט שידוכים מיט פעטע נדנים. איך בין מיר ארומגעגאַנגען, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. ס'איז מיר געוואָרן ווויל און איך האָב געדאַנקט גאָט, וואָס איך דאַרף נישט גיין אין דער יאַטקע אריין נאָך פליש, אין דער שטאַל אריין נאָך מילך, נישט וואַשן ס'געפעס, נישט געבן די קינדער עסן, וואָס איך בין מיר א „וואָלני פּטאַשעק", און וועל מיר אָפּלעבן אַן אורלויב כדת וכדין.

נאָר אַז ס'איז אויפגעלייגט אַן אומגליק, קומט עס אין שטוב אַריין. איז מיר אויפגעלייגט געווען א צרה, האָט זי מיך געטראָפן אַפילו אין פּענסיאָנאַט — הערט א מעשה:

אין סאַמע בעסטן, דערציילט מיר מײַן פּענסיאָנאַטניק, אַז אין פּענסיאָנאַט איז געקומען אַ שײנע בלאָנדינקע, אַ יונגע, רײַכע אַלמנה, און אַזוי ווי זי האָט געהערט, אַז ס'געפינט זיך דאָ אַ „פּזשיסטאָינער קאַוואַליר", ווײַל זי זיך מיט דעם „מאָראָוויעץ", מיט מיר, הייסט עס, באַקענען.

„באַרדזאָ פּראָשען" — האָב איך אים געענטפערט. אַ יונגע, רײַכע אַלמנה, אַ שײנע בלאָנדינקע, וואָס קאָן זײַן בעסער? האָט דער פּענסיאָנאַטניק מיט מיר אָפּגערעדט זיך צו טרעפן אין אָוונט אין טאַנץ־זאַל. איך האָב מיך צוגעגרייט צו דער „ספּאָטקאַניע", האָב מיר צוגעפאַרבט די האָר, צוגעשפּיצט די פראַנצוזקע וואָנסעלעך, אָנגעטון דעם נײַעם העלן אַנצוג, אַ ווײַס זײַדן ספּאָרטהעמד, אָפּראַזירט „נאַ גלאַדקאָ", צוגעקעמט זיך מיט אַ יעזש, אײַנגעשפּריצט זיך מיט פּערפום, אַ רויז אין לאַץ און געוואַרט אויף דער יונגער, רײַכער אַלמנה, אויף דער שײנער בלאָנדינקע.

דאָס האַרץ האָט בײַ מיר געקלאַפּט, כ'בין שוין געווען נײַגעריק צו זען די שײנע בלאָנדינקע, וואָס וויל זיך באַקענען מיט מיר, דעם „מאָראָוויעץ", און אַז מ'וואַרט, דערוואַרט מען זיך. זיצנדיק אַ ווײַלע פאַרטראַכט, קומט צו מיר צו דער פּענסיאָנאַטניק און רוימט מיר אײַן אויפן אויער:

— די יונגע אַלמנה איז שוין דאָ. זי וואַרט אויף אײַך אין צווייטן צימער.

איך דאַרף דאָך אײַך נישט דערציילן, אַז די „יונגע, רײַכע אַלמנה" איז געווען... מײַן אייגן ווײַב. ווי זי האָט דערזען דעם „מאָראָוויעץ", האָט זי געמאַכט אַ געוואַלט:

— מאָטל!... — און איז אַוועקגעפאַלן אין חלשות.

און איך אַליין? איך האָב פאַרלוירן ס'לשון, ס'האָט מיר געהאַקט אַ צאָן אין אַ צאָן, און אַז מיר זענען בײדע געקומען צו זיך, האָב איך זי געפרעגט:

— יענטל, פון ווען אָן ביזטו עס געוואָרן אַן אַלמנה? דער מת לעבט דאָך נאָך!

— פון ווען אָן ביזטו עס געוואָרן אַ יונגע, שײנע בלאָנדינקע? דו ביזט דאָך ערשט געווען אַן אַלטע שאַטינקע?

— נו, און דו? פון ווען אָן, — האָט זי געפרעגט, — ביזטו עס געוואָרן א „קאוואליר צום האבן"? דו האָסט דאָך שוין קינדער שידוכים צו טון?

— פון ווען אָן ביזטו דאָס געוואָרן א „מאָראָוויעץ" מיט שווארצע האָר? דו האָסט דאָך ערשט געהאט א האלבע ליסינע מיט גרויע האָר? ווי אזוי קומען צו דיר מיט אמאָל אזעלכע פראנצוזקע וואָנסעלעך?

איר ווילט וויסן דעם סוף פון דער מעשה? דער סוף איז גע־ווען, אז איך האָב געכאפט די מאנאטקעס און געגאנגען פליטה פון פענסיאָנאט. דאָס אייגענע האָט געטון זי, די „יונגע, רייכע אלמנה", זי האָט אויך איינגעפאקט איר באגאזש און אוועק אָן א זיי געזונט.

איצט, גרייטן מיר זיך ביידע צו פאָרן ערגעץ אויף ליעטניסקע פארענדיקן מיין אורלויב. זי פארזיכערט מיר, אז זי וועט מער נישט גיסן קיין וואסער אין בעט אריין, און וועט מיך נישט שיקן אין דער יאטקע אריין נאָך פלייש.

נו, פרעג איך אייך, רבותי, אן עצה:

— זאָל איך איר גלויבן?

ווּ געפינט זיך מײַן ווײַב?...

ייִדן, ווינטשט מיר מזל־טוב! ס'זאָל זײַן אין אַ מזלדיקער שעה, זאָל גאָט געבן, מ'זאָל שוין פון איצט אָן הערן גוטע בשורות אײנער פון אַנדערן. איר פון מיר און איך פון אײַך. מיר זאָלן אַלע אויסגעלייזט ווערן פון גלות, פון קריזיס, פון די ענדעקעס און — פון די ווײַבער!

איך בין שוין מיט מזל אויסגעלייזט געוואָרן, אויף גאַנצע צען וואָכן אויסגעלייזט געוואָרן פון דעם ביטערן גלות; צען וואָכן נישט טראָגן דעם כאָמעט אויף די פּלייצעס, צען וואָכן באַפרײַט זײַן פון דעם נאָכקוקער, פון דעם דעה־זאָגער, פון דעם הויזן־טאַשן־קאָנטראָלער; איך האָב שוין מיט מזל משלח געווען דעם „באַגאַזש", ס'איז מיר אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ, אַ באַרג פון די פּלייצעס — איך בין שוין מיט מזל אַ סלאָמיאַני וודאָוויעץ, דאָס נעמלעכע צו הערן פון אײַך גיך און געשווינד!

אמת, ביז איך האָב זי געזען אויף יענער זײַט ראָגאַטקע, ביז איך האָב זי מיט דעם „אַנסאַמבל" געזען זיצן אויף דער באַן, האָב איך, נישט פאַר אײַך גערעדט, געזען דעם טויט פאַר די אויגן. אַ קלייניקייט, היינטיקע צײַטן משלח זײַן אַזאַ „באַגאַזש". יעדן מוז מען עפּעס מאַכן. איר אַ צוויי־דריי טוץ קליידלעך: אַ זײַדן קליידל, אַ מאָנגאָל־קליידל, פּלוטשענקעס, אַ פּיזשאַמע, רויטע הויזן און בלויע הויזן, קאָמפּיעלאַקעס און אַנדערע שמאָכטעס. איצט לעטשלעך, פּאַנטאָפעלקעס און זאָקן — גאַנצע טוצן. הויכע זאָקן און שקאַרפּעטקעס, און ווו איז דאָס קליינוואַרג? אַנצוגלעך און

קליידלעך, סוויטערלעך, פּיזשאַמסעס און באָד־הייזלעך, שיכלעך און זעקלעך; פאַר די ייִנגלעך אַ פוטבאָל און פאַר די מיידלעך ראַקעטן מיט באַלעמלעך צו שפּילן טענים. איצט ליעזשאַקעס, האַמאַקעס און אַנדערע מכשירים? אַ גאַנצע וואָך האָט זיך מיין בייטל נישט פאַרמאַכט. פון אין דער פרי ביז ביינאַכט האָב איך געהערט דאָס לידל:

— „מענזשושו, פּלאַטש". — מ'האָט געהאַלטן אין איין לי־ווערן „סחורה" און איך האָב געוויינט און געציילט — ווי אַ טאַ־טע האָב איך געציילט.

איצט דערציי איך עס שווין אין פריידן. געלויבט השי"ת. איך בין מיר אַ פרייער מענטש, פריי, ווי אַ פייגעלע, אויס שקלאַף, אויס שלעפּ־פערד, אויס מאַן, אויס טאַטע, איך בין אַ קאַוואַליר און פיר מיר אַ פּראַוודזשיווע קאַוואַלערסקע לעבן.

דאָס ערגסטע איז אָבער די ערשטע וואָך. ביז „מ'אַרבעט זיך איין", ביז מ'באַקענט זיך מיט דער בעל־הבתישקייט. איך טו אַליין קאַפּויער: האָב איך מיר אָפּגעקאָכט אייער, האָב איך זיי, אָנשטאָט מיט זאַלץ, באַשיט מיט קרישטאַל. האָב איך מיר אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי, האָב איך אַריינגעשיט קוואַסבאַרנע, קאַווע האָב איך געמאָלן אויף דער פליש־מיל, גיי איך אַוועק פון דער שטוב, לאָז איך שטעקן דעם שליסל אין דער טיר, קום איך אַהיים, זע איך אַ שליסל, מאַך איך אַ געוואַלט:

— „פּאָליציאַ, זלאָדזשעיע!" — קומט אַ פּאָליציאַנט, שטעלט זיך אַרויס, אַז ס'פעלט נישט קיין פאָדעם. און אַזוי ווי איך בין אַסעקורירט קעגן גנבה, האָט מען מיר געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, אַז איך האָב סימולירט אַ גנבה, כדי כ'זאָל באַקומען די אַסעקוראַציע...

דעם צווייטן טאָג נעם איך אין דער פרי אַביסל וואַסער צום וואַשן, לאָז איך אויף דעם קראַן, ווערט אין שטוב אַ מבול, ס'וואַ־סער רינט אַראָפּ צום שכן אונטער מיר, רופט מען אַ שלאָסער און מ'רייסט אויף די טיר און מ'מאַכט „פּאָזשאָנדעק"...

צינד איך אין אָוונט אָן דעם עלעקטרי, פאַרגעס איך אין דער פרי צוריק אויסצולעשן, ברענען אַלע לאָמפּן אַ גאַנצן מעת־לעת, ווי אויף אַ חתונה.

דאָס אַלץ איז גאָרנישט, די ערשטע וואָך גייט עס אַביסל שווערלעך. ביז מ'געוווינט זיך צו צו דעם קאַוואַלערסקע לעבן, טרעפט מען דערנעבן, אָבער שפּעטער גייט עס, „יאַק פּאַ מאַשלע“. דאָס ערגסטע איז אָבער מיט די געסט. די געסט, וואָס יאַווען זיך און גיבן מיר קיין רו נישט.

איך ליג מיר, ווי אַ פּריץ, איינע אַליין אין בעט, קלינגט מען ביי דער טיר.

— „קטאָ טאַם“?

— „פּראָשען, סוווי“, — האָט אַ קוויטשנדיק פרויען־קולכל געענטפערט.

העע? ווער איז דאָס דער „פּראָשען“? ווער קען דאָס זיין דער „סוווי“? האָב איך געהאַט אַ ישוב־הדעת: יאָ עפענען, צי נישט עפענען? זאָל איך עפענען, ווי פּאַסט דאָס, אַ זשאַנאַטע, איינער אַליין אין דער שטוב, עפּעס איז עס דאָך נישט מעשה חסיד...

נישט עפענען? ווי קאָן מען עס זיין אַזאַ דבר אחר? ווי קאָן מען עס לאָזן שטיין אונטער דער טיר אַזאַ זיסן „פּראָישען“? ווי לאָזט מען עס נישט אריין אַזאַ „סוווי“, וואָס צעגייט ממש אין אַלע אברים? מ'דאַרף דאָך האָבן אַ האַרץ פון אַ טאָטער! והשנית, וועל איך דאָך קיין פאַרענטפערונג נישט האָבן אויף יענער וועלט, און וואָס וועלן זאָגן מענטשן? מ'וועט דאָך זאָגן, אַז איך בין אַ בהמה און כ'דאַרף קייען שטרוי. האָב איך טאַקע באַשלאָסן צו עפענען.

— „ז' קים מאַם זאַשטשיט?“ — האָב איך געפרעגט דער יונגער בלאָנדינקע, און זי געבעטן זיצן.

— „באַרדזאָ פּזשעפּראַשאַם“, — האָט זי געענטפערט, — כ'בין נישט געקומען צו אייך „וו' גאָשטשי“, נאָר גאָר...

— „צאָ זאַ רוזשניצאַ?“ — האָב איך מיט אַ שמייכעלע געענטפערט. — „פּזשעטשעזש פּאַני יוזש יעסט... פּראָשען... ניעך פּאַני ספּאָטשני“... — האָב איך זי אָנגענומען פאַר איר פּוכיק הענטל.

— „אַדוואַל שען פּאַן!“ — האָט זי מיר אַ קלאַפּ געטון איי־

בער דער האַנט. — זייט נאָר נישט אַזוי שמיאָלע. איך בין מיך נישט געקומען צו אייך באַוויזן, נאָר...

— נאָר וואָס?

— איך בין געקומען, איר זאָלט מיר באַצאָלן דעם רעכענונג!

— אַ רעכענונג? וואָס פאַר אַ רעכענונג?

— אָט האָט איר דעם רעכענונג, איך בין אייער פרוים שניי-דערין. ווי לאַנג וועל איך לויפן נאָך די פאָר זלאָטעס?

— אַזוי גאָר? אַ רעכענונג גאָר? אַבי כ'האָב געמיינט...

— וואָס האָט איר געמיינט! איר... איר...

איז וואָס, מיינט איר, איז געווען דער סוף? דער סוף איז גע-ווען, איך האָב רעגולירט דעם רעכענונג. איך האָב מיך נישט גע-דונגען און ווען זי איז אַוועק, האָט זי מיך געפרעגט:

— „קיעדי שען זאַבאַטשימי?"...

אַזוי גייט עס כסדר, די „געסט" לאָזן מיך קיין אויג נישט צו-טון, און צום שלימזל דוקא פון „ווייבלעכן געשלעכטס". אַמאָל קומט אַ יידענע מיט אַ בוך אונטערן אָרעם און קריכט גלייך אין שלאָף-צימער אַריין, און דערלאַנגט לשון:

— פאַניע פּלאַכטע, אייער ווייב וועט זיך בראָטן אויף דער זון און זיך טובלען אין די בלויע מייטקעס, און וואָס וועט זיין מיט מיין לעבער? מיט מיינע בריסטן?

— ווער זענט איר דען?

— די קצבטע! איר זעט, סאַראַ געשוואָלן בוך איך האָב, אַז געשוואָלן זאָלן ווערן אַלע מיינע שונאים, און די, וואָס פרעסן מיין לעבער און מיינע בריסטן אויף טשאָפ!

האָב איך די יידענע קוים אוספּאָקאָיעט און צוגעזאָגט צו דערליידיקן.

ווי די קצבטע איז אַרויס, איז געקומען אַ צווייטע יידענע, די געוועלבערין, אויך מיט אַ ויצעקו:

— אויף ליעטניסקעס וועט עץ כאַליען? אַנזעצערס! „זווילע-סויוועניקעס", פרעסערס, פאַר פרעמד געלט!

נאָך דער געוועלבערין איז געקומען די פישערקע, האָט זי גע־מאַכט אַזעלכע יעלות, אַז איך האָב געציטערט, ווי אַ פיש. אַ קשיה אויף אַ פישערקע? און דערצו ליג איך אין בעט. ס׳קאָנען זיך נאָך צוזאַמענלויפן מענטשן, אַ יידענע אין דער שטוב. איך ליג אין בעט. זי מאַכט געוואַלטן... וואָס וועט מען זאָגן, וואָס?

אַזוי גייט עס כסדר: איינע אַרויס און אַ צווייטע אַריין, יעדע זינגט מיר אָן אַ פּזמון, און צום שלימזל זענען אַלע מיין ווייבס „וויעזשיטשעלעס" — פון „איידעלן געשלעכטס" און אַ טבע האָבן זיי צו קומען פּונקט אין דער פרי, ווען איך ליג נאָך אין בעט. — נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, די ווייבער!

אָבער דאָס אַלץ בין איך אייך מוחל, דאָס זענען אַלץ זאַכן, צו וועלכע אַ סלאַמיאַני וודאָוויעץ מוז זיך צוגעוווינען. די ערגסטע מפּלה האָב איך געהאַט דעם ערשטן פרייטיק.

דעם ערשטן פרייטיק האָב איך מיך געגרייט אַרויסצופאָרן צו מיין ווייב אויף דער ליעטניסקע, האָב איך איינגעקייפט אַלץ, וואָס אַ ליעטניק דאַרף מיטנעמען פאַר דער ליעטניטשקע. דער טשעמאָדאַן איז שוין געווען פול־געפּאַקט, די פּעקלעך זענען אויך שוין געווען גרייט, און ווען איך בין שוין געווען אויף דער גאַס, בין איך געבליבן שטיין:

— וואוהין? וואוהין פאָר איך? ווו, אויף וועלכער ליעטניסקע וווינט מיין ווייב — איך האָב זי גאָר פאַרגעסן צו פרעגן.

שטיי איך מיט דעם „פּראָוויאַנט" אינמיטן גאַס און קלער: ווו וווינט מיין ווייב? קלער היינט, קלער מאָרגן, דער זייגער רוקט זיך. וואָס טו איך מיט דעם באַגאַזש? וואָס וועט מיין יידענע זאָגן? וואָס זי וועט זאָגן, וועט זי דאָך זיין גערעכט.

איר ווילט וויסן דעם סוף? דער סוף איז געווען, אַז איך בין דעם ערשטן שבת. געבליבן אין דער היים, צוזאַמען מיטן באַ־גאַזש. דעם שבת, וואָס איך האָב געהאַט דאָ און מיין יידענע דאָרט, ווינטש איך נישט מיינע שונאים.

איצט פרעג איך אייך:

— רבותי, אפשר ווייסט איר, ווו ס׳געפינט זיך מיין ווייב? ווער ס׳ווייסט, ווו זי געפינט זיך, ווערט געבעטן קעגן באַלוינונג צו... האַלטן עס בסוד און מיר וועגן דעם נישט מודיע צו זיין, אפשר וועט זי אויך פאַרגעסן מיין אַדרעס, בין איך אַ געהאָלפע־נער מענטש!...

אויסגעלייזט דעם שופר...

(אַ ראש־השנה־מעשהלע)

ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך נישט עפּעס אַבי ווער. איך האָב דעם קאָפּ אויף דער רעכטער זייט און אַ בן־תורה דערצו, און וווּ תורה, איז חכמה. און חכמה הייסט, אין די היינטיקע צייטן מיטן בלויזן שטעקעלע צו קענען מאַכן אַ לעבן, מפרנס זיין אַ ווייב און קינדער, צאָלן אַ קוואַרטעלע דירה־געלט, שכר־לימוד א. ד. גל. אַט־אַ דאָס הייסט היינטיקע צייטן — חכמה.

אמאָל, פאַר דער מלחמה, בין איך געווען אַ גוטער סוחר. וואָס הייסט אַ גוטער סוחר? כ׳האָב געטון, אַזוי ווי אַנדערע האָבן מיר געטון: האָט מען מיר באַצאָלט, האָב איך אויך באַצאָלט. אלא נישט, טאָמער האָט מען מיר גענומען צוריקשיקן „קוכנס״, האָב איך אויסגעדרייט דאָס היטל און געזאָגט: „רעדט מיר צום דאַ־שעק״!... אין די נאָרמאַלע צייטן, בין איך געווען אַ נאָרמאַלער צאָלער, איז אָבער דער רבונו של עולם געוואָרן אַ „משנה עתים״, בין איך געוואָרן אַ „מחליף הזמנים״ — כ׳האָב כסדר פּראָלאָנ־גירט. האָב איך אַזוי לאַנג פּראָלאָנגירט, ביז כ׳האָב באַנקראָטירט.

און אַ פּרינציפּ איז ביי מיר געווען, אַז געהאַנדלט האָב איך מיט די בעסטע זאַכן. בין איך געווען אַ פאַבריקאַנט, האָב איך פאַבריצירט די בעסטע סחורות, און איצט, אַז איך האַנדל מיט יידישקייט, איז דאָס אויך פון בעסטן מין.

וואָס הייסט יידישקייט פון בעסטן מין? וועל איך אייך דער־קלערן:

זייט דער „סקאַרב״ האָט זיך מיט מיר גענומען חברן, די

סעקוועסטראַטאָרן האָבן מיך געגומען „אַבראַבּיען" און איך בין אַרויס „נקי", האָב איך מיך איבערגעוואָרפן אויף אַן אַנדער בּראַנזשע — צו סעזאָן־אַרטיקלען: פּורים בין איך געוואָרן אַ מגילה־לייענער, סוכות — אַן אתרוג־בּענטשער, פּסח — אַ מצה־שמירה־בּעקער, חנוכה — אַ דריידל־גיסער, אלול — אַן אל מלא רחמים־מאַכער, אין ראש־השנה — אַ בּעל־תּוקע, און היות, ווי פאַר דער מלחמה בין איך געווען אַ גוטער סוחר, כ׳האָב גע־האַנדלט מיט די בּעסטע זאַכן, — אַזוי איצט, האַנדל איך מיט יידישקייט פון בּעסטן מין. לייען איך פּורים די מגילה, לייען איך מיט אַזאַ ניגון, אַז די ווייבּער ווינטשן זיך:

— מיינע קינדער זאָלן זיין אַזעלכע מגילה־לייענער.

מאַך איך אויפן „ריינעם פעלד" אַן אל מלא, צעכליפּען זיך די ווייבּער, טאָקען איין די גראַצערס און גייען אַוועק מיט גע־שוואָלענע אויגן און מיט רויטע נעז. בּלאָז איך שופר, בּלאָז איך מיט אַזאַ קוראַזש, אַז דער שטן אַנטלויפט, ווי שדים וואָלטן אים געיאָגט...

נו, איז טאַקע קיין חידוש נישט, וואָס איך מאַך דעם גרעסטן אומזאַץ מיט מיין „יידישקייט". פון ווי ווייט קומט מען צו מיר הערן לייענען די מגילה. אויפן בּית־החיים ווערן מיינע „אל מלאס" פאַרצוקערט, און קומט פאַר ראש־השנה, רייסט מען זיך איבּער מיינס אַ תּקיעה... דאָס איז דערפאַר, ווייל איך „דערלאַנג סחורה", איך גנאַר נישט, כ׳גיב פאַרן געלט.

דאַנק איך און לויב גאָט, וואָס איך האָב אַ גוט „פאַך" אין דער האַנט; וואָס מיטן בּלויזן שטעקעלע צי איך פּרנסה, וואָס איך מאַך אַ לעבן פון מיין ביסל יידישקייט.

וואָלט דאָס אַלץ גוט געווען, ווען נישט דער „סקאַרבּ". אַי, וועט איר פרעגן, ווי קומט דער סקאַרבּ צו יידישקייט? דערווייל איז דאָך בּיז איצט קיין שופר־פּאַדאַטעק נישטאָ? פון אל מלא רחמימס צאָלט מען דאָך אויך נישט קיין אַבּראַטאָוועץ? איז דער תירוץ: — נאָכווייען! איך האָב נאָך נאָכווייען פון מיין אַמאָליקן עולם־הזה־מסחר. נישט ווי, נישט ווען, קומט מען נאָך צו מיר אַריין מיט אַ פּאַק אַלטע שיר־המעלות־לעך, נישט ווי. נישט ווען,

נעמט מען אדורכלופטערן די שאנק און מ׳זוכט, און אז מ׳זוכט, געפינט מען. אנומלטן האט ער געפונען די מגילה, פרעגט ער מיך:

— ,,צא טא יעסט׳׳?

— ,,טא יעסט היסטאריא׳׳, — האב איך געענטפערט.

— ,,היסטאריא׳׳? אויך אן ארטיקל.

האט ער גענומען די ,,היסטאריא׳׳, האט איבערגעלאזט א קוויט און אוועק.

איז נאך געווען א גליק, וואס דאס איז געווען נאכן סעזאן, נאך פורים, הייסט עס. האב איך נישט גערעדט קיין ווארט. נעם און ווער דערוואָרגן מיט דער ,,היסטאריא׳׳ צוזאמען — אזוי האב איך מיר געטראכט.

א צווייט מאל האט ער ווידער גענומען בודק זיין און געפונען דעם שופר, פרעגט ער מיך ווידער:

— ,,צא טא יעסט׳׳?

— ,,טא יעסט טראמבקא׳׳.

— ,,טראמבקא? צא זא טראמבקא? ס׳קאנד מא דא פאנא׳׳?

— ,,בא יא... יא... יעסטעם טרעמבאטשעם׳׳, — האב איך אים דערקלערט.

האט יענער מיך אנגעקוקט און געפרעגט:

— ,,צא זא טרעמבאטש׳׳?

— ,,נא טאק, טאקי, צא טראמבי׳׳.

האט ער מיך ווידער באטראכט פון קאפ ביז פיס און געפרעגט:

— ,,ניע ראזומיעם. טשי פאן יעסט סטראזשאקיעם׳׳?

— ,,ניע טאקי זוויטשאיני, טילקא טאקי, צא טראמבי וו׳ נאווים ראקו׳׳, — האב איך אים געגעבן צו פארשטיין.

איז עס דאך אבער א גויאישער קאפ, האט ער געצויגן מיט די פלייצעס און געזאגט:

— ,,ניע ראזומיעם׳׳.

האב איך דאך געזען, אז ער פארשטייט נישט קיין ווארט פויליש, האב איך איר ,,וויאשניעט׳׳:

— „טאָ יעסט טאַקאַ טראָמבקאַ, צאָ שען טראָמבי ראַז נאַ ראָק, אַ יאַק טראָמביע, טאָ ניעבאָ שען אָטוויערא״...

איז ער געוואָרן אינגאַנצן צעחושט, האָט באַטראַכט דעם שופר פון אַלע זייטן און צום סוף פרעגט ער מיך:

— „וויעלע טאָ קאָשטויע טאַקאַ טראָמבאַ״?

— „אָהאָ, מאַיאָנטעק״, — האָב איך געענטפערט.

דערהערט: „מאַיאָנטעק״, האָט ער נישט לאַנג געטראַכט, איינגעפּאַקט דעם שופר און אַוועק.

האָב איך ווידער געהאַט אַ מזל, וואָס ס׳איז געווען נאָכן סעזאָן, נאָך די ימים־נוראים, האָב איך נישט גערעדט קיין וואָרט. נעם און ווער דערוואָרגן — אַזוי האָב איך געטראַכט.

האָט שוין דער „סקאַרב״ געהאַט אי די מגילה, אי דעם שופר. אָבער וואָס טוט מען? וואָס וועל איך טון פּורים? פון וואָס וועל איך לייענען די מגילה? בין איך די פּורים־וואָך אַוועק צום נאַטשעלניק און מיט אים גענומען איינטענהן:

— פּאַניע נאַטשעלניקו, — האָב איך געזאָגט, — דאָס איז דאָך גאָרנישט יושרדיק. וואָס הייסט, דו נעמסט ביי מיר צו ביידע זאַכן: אי די „היסטאָריאַ״, די מגילה, אי די טראָמבקאַ? ס׳איז דאָך קעגן דעם אוסטאַוו. ס׳איז דאָך פּונקט אַזוי, ווי דו וועסט ביי אַ שניידער צונעמען די מאַשין.

האָט דער נאַטשעלניק מיך אויסגעהערט מיט קאָפּ און מיך געפרעגט:

— טאָ וואָס פאַרלאַנגט איר?

— איך האָב אַ פּראָפּאָזיציע.

— „צאָ״?

— איך וועל ביי דיר איבערלאָזן די „טראָמבקע״ און וועל אַרויסנעמען די „היסטאָריאַ״. ווען איך וועל נויטיק האָבן די „טראָמבקע״, וועל איך ברענגען די „היסטאָריאַ״ און אַרויסנע־מען די „טראָמבקע״.

האָט זיך דער נאַטשעלניק דערויף גע„זגאָדזשעט״. יעדן פּורים לייג איך אַריין דעם שופר און נעם אַרויס די מגילה, און

יעדן ראש־השנה טראָג איך אַוועק די מגילה און נעם אַרויס דעם שופר.

אַזוי גייט עס שוין עטלעכע יאָר. איז דאָך מיר אָבער אויפֿגעלייגט געוועזן אַ צרה, טוישט מען דעם נאַטשעלניק. אויף זיין אָרט איז געקומען אַ צווייטער, וואָס ווייסט נישט פֿון דער גאַנצער מעשה. נעם איך די פּורים־וואָך דעם שופר און גיי אַוועק אין „סקאַרב'', פֿרעגט מיך דער אדון:

— „צאָ פאַן סאָביע זשיטשי''?

— „נאָ'', — זאָג איך, — „זאַמיעניטש''!

— „צאָ זאַמיעניטש''? — פֿרעגט ער מיך.

— „נאָ, טראָמבקע נאַ היסטאָריע''.

קוקט ער מיך אָן און שמייכלט אונטער די וואָנסעס:

— „צאָ זאַ טראָמבקע? צאָ זאַ היסטאָריע''?

האָב איך דאָך געזען, אַז ער ווייסט נישט פֿון דער גאַנצער מעשה, האָב איך אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז איך האַנדל מיט „יידישקייט'', אַז איך האָב אַ מגילה און אַ שופר, און אַז אויף יעדן „סעזאָן'' טויש איך אויס די „אַרטיקלען''. האָט ער ווידער געשמייכלט, געצויגן מיט די פּלייצעס און צום סוף זאָגט ער צו מיר:

— „ניעך פאַן זלאָזשי פּאָדאַניע''.

האָב איך אים געפֿאָלגט, בין אַוועק צו אַ פּראָשעניע־שרייבער און געשריבן אַ פּאָדאַניע, אין וועלכער כ'האָב באַשריבן די גאַנצע מעשה פֿאָדראָבנע, און דאָס האָט טאַקע געהאָלפֿן: ראש־השנה האָב איך איינגעלייגט די מגילה און אַרויסגענומען דעם שופר...

מײַן ײדענע שלאָגט כּפּרות...

װעגן מײַן ײדענע זאָגט מען, אַז מיט איר איז געשען אַ פּאַטאַלער טעות: געדאַרפט האָט זי געבױרן װערן אַ מאַנסבּיל און על פּי טעות איז זי אַרױסגעשפּרונגען אַ ײדענע. נישט נאָר איך, נאָר װער עס קען זי, זאָגט דאָס אײגענע: אַז זי איז מער זכר, װי נקבה...

זי איז הױך און בּרײט, װי אַ דעמבּ. מאַסיװ געבּױט מיט מוסקולירטע הענט, װי אַ בּאָקסער להבדיל. אַ קאָפּ און צונג און פּיס, װי אַ בּעלגיש פערד, און אַ קול האָט זי פון אַ לײבּ. אַ מױל, װאָס שלינגט מיך אײַן מיט די קאָפּעטעס — אַ חיה!

און איך? איר זעט דאָך: אַ קלײנס, אַ דאַרס, הױט און בּײן. אַ שטילס, קוים איך לעבּ, קוים איך האַלט די נשמה אין מיר. מיט אײן בּלאָז לײגט זי מיך אױף די לאָפּאַטקעס. בּין איך דער מאַנספּערשױן, אױף װעמען ס'איז געזאָגט געװאָרן: „והוא ימשול בה''. איך, הײסט עס, דאָס קלײנע, דאָס דאַרע, דאָס חרובדיקע מענטשעלע, דאַרף געװעלטיקן איבּער דעם דאָזיקן מחבּל.

נו, פאַרשטײט איר דאָך, אַז ס'איז גראָד פאַרקערט: אַז זי „ימשולט'' איבּער מיר. אַז איך ציטער פאַר איר בּליק, אַז איך חלש פאַר איר קוק, און װער שמועסט, אַז זי עפנט איר מײלעכל, ציטערט אין מיר יעדער אבר, און טאָמער כאַפּט זי מיך פאַר אַ פּולקע און נעמט מיך טרײסלען, שאָקלט זי מיך, פּונקט װי אַ לולב. בּײ אַזאַ בּיסל שאָקלען, שאָקלען זיך מיר די קישקעס,

ס׳שאָקלט זיך מיר דער מוח, ס׳שאָקלט זיך מיר אַן אויג, ס׳שאָק־לען זיך מיר די ציין. זי שאָקלט און איך זאָג — ווידוי...

פאַרשטייט זיך, אַז איך מייד זי אויס. כ׳גיי איר פון וועג. וואָס זי וויל, מוז באַלד געבוירן ווערן, אַלץ ווערט ביי איר גע־בוירן, אַ חוץ... אַ בן־זכר. צו דעם, זעט איר, איז זי נישט „זדאָל־נע״, נאָר איך טו איר דאָס אויך „פשעבאַטשען״. כ׳רעד קיין וואָרט נישט, כ׳רעד נישט, ווייל איך וויל נישט ריזיקירן. טאָמער וועל איך רעדן איין וואָרט, קאָן זי נאָך חלילה בלייבן אַן אַלמנה און איך האָב נישט קיין האַרץ זי איבערצולאָזן אַ יונגע וויסטע אַלמנה.

דערפאַר גיי איך איר פון וועג, איך טרעט אָפּ, כ׳גיב איר אַלץ נאָך און וואָס זי וויל, מוז באַלד געבוירן ווערן. איך רעד קיין וואָרט נישט. וואָס זי דאַרף טון, טו איך. איך ניי מיר אָן אַ קנעפּל צום העמד, בענדלעך צו די גאַטקעס, גיי איך אין מרחץ אַריין, קוק איך נאָך די וועש, פאַרצערעווע מיר די שקאַרפּעטקעס, און אין איין וועגס פאַרצערעווע איך אירע זאָקן אויך. כ׳בעט מיר אַליין ס׳בעט, כ׳וואַש מיר אַליין אויס אַ גלאָז. נאָכמיטאָג וואַש איך אָפּ ס׳געפעס, קער אויס די שטוב, וויש איבער די שענק, און טאָמער נעמט זי צו אַ שיקסע, בין איך מער אין דער קיך, ווי זי...

יאָ, מיט מיין אשה איז געשען אַ פאַטאַלער טעות, זי האָט געדאַרפט געבוירן ווערן אַ מאַנסביל און אַרויסגעשפּרונגען איז אַ יידענע!

און צו מיינע צרות, איז זי נאָך פרום אויך. ס׳הייסט, קיין צנועה איז זי נישט, פרום ווערט זי ערשט אלול, פאַר די ימים־נוראים ווערט זי אַ צדקות. אַ גאַנץ יאָר טוט זי אָן אַלדאָס בייז. זומער „פּאַליעט״ זי זיך אויף די פּליאַזשעס, ווינטער שליטלט זי זיך אין זאַקאָפּאַנע, טאַנצט און שפּילט גאַנצע נעכט אין „רעמי״, און קומט פאַר די ימים־נוראים, ציטערט זי, ווי אַ פיש אין וואַ־סער. פאַר ראש־השנה ווערט זי ווייך, ווי פּוטער. עס ציטערט אויף איר די הויט, עפּעס ווערט זי קלענער, דאַרער, שמאָלער. עפּעס דו־נערט נישט איר לייבן־שטימע, ווי אַ גאַנץ יאָר, זי ציטערט פאַר דעם יום־הדין.

פאַר ראש־השנה ווער איך — אַ מאַן. איך מוז גיין פאַר איר דינגען אַ „שטאַט". דערביי זאָגט זי מיר אָן, וואָס פאַר אַ „שטאַט" זי וויל האָבן.

— זאָלסט מיר דינגען, — זאָגט זי, — אַ וויגאָדנע שטאַט מיט פּאַוויעטזשע, נישט קיין באָטשנע אין אַ זייט, אָדער בײַ דער טיר, נאָר אויבנאַן, בײַ דער טיר צו דער מענער־שול זאָל זיין אַ פענסטערל, כ'זאָל קענען קוקן אויפן חזן און אויף די מאַנס־לייט... דער חזן זאָל זיין אַ ברונעט, נישט קיין געלער, איך האָב פיינט געלע. זאָלסט זען, כ'זאָל האָבן אַ פּזשיזוואָיטע טאָוואַ־זשיסטוואָ, יונגע סאַנשאַדקעס, נישט קיין אַלטע, צעקראָכענע ווייַ־בער, כ'זאָל האָבן מיט ווּעמען אַ וואָרט צו רעדן. נעבן דער באַנק זאָל זיין אַ שטענדער, ס'זאָל זיין, ווו אַוועקצושטעלן ס'שפּיגעלע, די פּודערניטשקע, כ'זאָל מיר קענען פּאָפּראַוויען די ליפּן און די זשענסעס.

אַזאַ פסוק זאָגט זי מיר אָן, ווען איך גיי פאַר איר דינגען די „שטאַט".

נו, פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ פסוק לויף איך אַרום פון שול צו שול, כ'זוך די אַלע וויגאָדעס, און טאָמער דינג איך אַ „שטאַט", ווו ס'פעלט איין וויגאָדע, מעג איך באַצייטנס אָפּזאָגן ווידוי.

האָב איך טאַקע היי־יאָר געהאַט אַזאַ מפּלה. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג, אַ וויגאָדנע „שטאַט", מיט אַ פענסטערל אַריינ־צוקוקן אין דער מענער־שול, אַ דאָבראַנע טאָוואַזשיסטוואָ, יונגע סאַנשאַדקעס, אַ שטענדער אַוועקצושטעלן ס'שפּיגעלע און די פּו־דערניטשקע, נאָר איין „דעפעקט" איז געווען — דער חזן: דער חזן איז אַ געלער.

נו, האָב איך געהאַט אַ ראש־השנה, ווינטש איך עס נישט מיינע שונאים. ווי נאָר זי איז אַהיימגעקומען פון דער שול, האָט זי, אָנשטאָט „גוט יום־טוב", אָנשטאָט זי זאָל זאָגן: „זאָלסט דיר האָבן אויסגעבעטן אַ גוט יאָר", האָט זי מיך גענומען באַזינגען מיט איר שטימעלע:

— אַזאַ שוואַרצע וועלט זאָלסטו מיר האָבן, וואָס פאַר

א „שטאָט'' דו האָסט מיר געדונגען! דאָס גאַנצע דאַווענען איז מיר דאָך נישט איינגעגאַנגען! דער גאַנצער „סאַנע טויקעף'' איז מיר נישט באַקומען!...

— פאַרוואָס? — האָב איך געפרעגט. — דו האָסט דאָך אַלע וויגאָדעס!

— אַ גלעלן חזן האָסטו מיר געגעבן? דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט גלעלע, ווי חזיר!

דאָס איז געווען דעם ערשטן טאָג ראש־השנה.

דעם צווייטן טאָג ראש־הנשה האָב איך געהאַט אַן אַנדערע צרה. אַנשטאָט דעם מחזור פון ראש־השנה, האָט זי גענומען דעם מחזור פון פסח. אַלע ווייבער האָבן געדאַוונט דאָס ראש־השנה־דיקע דאַווענען און זי האָט אָנגעהויבן פון... בדיקת חמץ.

האָט זי מיך ווידער באַזונגען, און אַז זי האָט „געזונגען'', האָב איך געציטערט, ווי אַ פיש. זי האָט געזונגען און איך האָב געשוויגן, כ'האָב קיין וואָרט נישט גערעדט, וואָרום טאָמער רעד איך אַ וואָרט, וועט זי מיך נעמען שאָקלען, וועל איך פאַרשפּאָרן אתרוג צו בענטשן...

נאָך דעם ראש־השנה, האָב איך געהאַט אַן ערב יום־כּפּור. דעם ערב יום־כפור וועל איך האָבן צו געדענקען. הערט, וואָס ס'איז געווען:

פאַר יום־כפור זאָגט זי צו מיר:

— גיי אויפן מאַרק קויפן כפרות, נאָר זאָלסט זען, אַז איך זאָל האָבן אַ שיינע, ריינע כפרה, אַ שיינע, פעטע, ווייסע הון, ס'זאָל זיין אויף עפּעס אַ קוק צו טון.

נו, בין איך טאַקע אַרויס אויפן מאַרק, געזוכט פאַר מיין ווייב אַ שיינע, ריינע כפרה, אַ שיינע, פעטע, ווייסע הון. האָב איך געזוכט און געזוכט, געבלאָזן „ווו מ'דאַרף'', צי ס'איז גענוג פעט. נאָך לאַנגע זוכעניש, טאַפּעניש און בלאָזעניש, האָב איך ענדלעך געפּאַקט אַ שיינע, ריינע כפרה, אַ שיינע, פעטע, ווייסע הון, אַזוי ווי מיין יידענע וויל.

איז דאָך שוין גוט, הע? הייבט זיך ערשט נישט אָן. הערט, וואָס ס'איז ווייטער געווען:

פאַר כפּרות שלאָגן האָב איך גענומען די שיינע, ריינע כפּרה, האָב איר פאַרבונדן די פיסלעך, האָב אויפגעמישט דעם מחזור און ווי מיין יידענע האָט גענומען דרייען די הון איבערן קאָפּ, איז געשען אַ „מחשול״: די הון, ווייזט אויס, האָט געהאַט אַ „לויז מעגעלע״, און דאָס אומגליק איז געשען, ווען זי האָט גע־האַלטן די הון איבערן קאָפּ...

דערפילנדיק די מעשה, האָט זי געמאַכט אַ גוואַלט, די הון האָט זיך פון איר געוואַלט שטאַרק דערשראָקן און איינס־צוויי, איז זי געווען אויף דער צווייטער זייט פענסטער און הילד איננו— נישטאָ זי, אַרויס דורכן פענסטער, נישטאָ די כפּרה.

זעענדיק דאָס, האָב איך מקנא געווען די הון. ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך קען אַזוי פליען, ווי די הון. וואָלט איך געקענט פליען, וואָלט איך געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, נאָר אַזוי ווי איך קען נישט פליען און קיין כפּרה האָט זי נישט געהאַט, בין איך געווען איר כפּרה... ווי נאָר די הון איז אַרויס, האָט זי מיך אַ כאַפּ־געטון פאַר אַ פּולקע און מיך גענומען טרייסלען, האָט זי מיך אַזוי לאַנג געטרייסלט, ביז ס'איז שוין שיער נישט געווען וואָס צו טרייסלען.

אָט, ווי איר זעט, האָט מיין יידענע געהאַט אַ כפּרה; איז נישט געווען די הון, בין איך געווען די כפּרה...

צוליב אַ פרעמדן שלח־מנות...

דער שענסטער יום־טוב, זאָג איך אייך, איז פורים. פורים איז דער יום־טוב פון יידישער נקמה. יידן זענען זיך נוקם אין דעם צורר־היהודים, המן בן המדתא, און אַז אַ ייד איז זיך נוקם.. גרעגערט ער... גויים שיסן מיט האַרמאַטן און יידן — גריזגערן!...

יאָ, די יידישע נקמה איז אַ גרויזאַמע, אַן אומבּרחמנותדיקע, און קומט דער יום־טוב פון יידישער נקמה, פאַרזאַמלען מיר זיך אין שול, מ'לייענט די מגילה און דערמאָנט מען דעם נאָמען „המן", בּרויזט אויף דער יידישער צאָרן. מיר עפענען אַ „קאַנאָ־נאַדע", די המן־קלאַפּערס גייען אין גאַנג, און זאָל ער וויסן, דער צורר־היהודים, אַז מיט יידן טאָר מען נישט אָנהייבּן... און היות, ווי איך בּין בּטבע אַ נוקם ונוטר, האָבּ איך ליבּ פורים — דעם יום־טוב פון יידישער נקמה.

אַ חוץ דעם פורים, האָבּ איך ליבּ די מגילה, ד. ה. די העלדן פון דער מגילה: כ'האָבּ ליבּ אסתרן, די יידישע מלכּה, וואָס האָט געהאַט פּרנסה בּריווח און האָט נישט געבּלאָזן פון זיך. אַ יידישע קעניגין, וואָס האָט נישט געענדערט איר נאָמען פון אסתר אויף עסטושאַ, אויף ערנאַ, עדזשאַ, און בּיז דער לעצטער מינוט האָט זי גערעדט מיט איר שפּראַך און האָט זיך נישט געשעמט מיט איר יידישן פעטער, מרדכי — אַ ווױלע יידענע געווען, אסתר!...

און אונזער מרדכי! אַ טייער יידל געווען, דער מרדכי! הגם ער איז געווען אַ קרוב למלכות, האָט ער נישט געוואָלט זייז קיין

פּרעזעס פון דער קהלה, „אַ פּאַסעל נאָ סעים‟, און האָט נישט געשריגן: „יאָ יעסטעם!‟...

און אחשורוש, דער מלך טפּש? אַ ווייל מלכל געווען, דער טפּש! ער האָט נישט געוווּסט פון די אַלע דיפּלאָמאַטישע שטיק, האָט ליב געהאַט אַ כוסה און זיין יידיש ווייב, און האָט ער דעם אַנטיסעמיטישן מיניסטער געפּאַקט ביי אַ באַטשנע שטיקל אַרבעט, האָט ער אים אויפגעהאָנגען אויסצוטריקענען...

און זרש איז אַ הונט? און דלפון האָט זיך געשמדט? און ויזתא? ווען ויזתא זאָל היינט לעבן, וואָלט ער זיכער געווען וויצע־קאַנצלער פון דייטשלאַנד!...

יאָ, פּורים איז אַ טייערער יום־טוב, אַ שיינער יום־טוב, אַ יום־טוב פון יידישער נקמה.

נאָר אַזוי ווי איך האָב ליב פּורים, אַזוי האָב איך פיינט דעם שושן־פּורים. קומט דער שושן־פּורים, ציטערט אויף מיר די הויט, און ווייסט איר, רבותי, פאַרוואָס? צוליב אַ מעשה מיט אַ פרעמדן שלח־מנות. די מעשה מיט דעם פרעמדן שלח־מנות איז ווערט, מ׳זאָל די מעשה דערציילן פאַדראָבנע:

געווען איז עס מיט יאָרן צוריק, ווי געוויינלעך פּורים, האָב איך באַקומען צוגעשיקט שלח־מנות, און ווי אַזוי מ׳שיקט שלח־מנות, ווייסט איר דאָך: שיקט יענער פּאָמעראַנצן, שיקט מען צוריק ציטרינען, שיקט יענער צו אַ פלאַש כרמל־וויין, שיקט מען צוריק אַ באַטשינקע ראָזשינקע־וויין, שיקט מען איך אַ קויש וויינטרויבן, שאָקאָלאַד און פרוכטן, שיקט מען צוריק אַ טעלער געזאָטענע אַרבעס און אַן איינגעמאַרינירטן הערינג...

צום שלח־מנות לייגט מען צו אַ קאַרטקעלע, אַז דעם שלח־מנות האָט אייך געשיקט פלוני בן פלוני, און שיקט איר צוריק, לייגט איר אויך צו אַ צעטעלע מיט אייער נאָמען, און ווינטשט אים אַ פריילעכן פּורים — אַזוי שיקט מען שלח־מנות...

מאַכט זיך אַ מעשה, פּונקט ביי דער פּורים־סעודה, עפנט זיך די טיר, עס קומט אריין אַ „פּאָסלאַנעץ‟ מיט אַ רויט היטל, מיט אַ גרויסן טאָרט אין דער האַנט.

— „טשי טו מיעקשא פאן פישיויך"? — האט געפרעגט דער גוי מיטן רויטן היטל.

— „טאק, טו מיעשקא פאן פישיוויך", — האט מיין יידע־נע מיט שמחה געענטפערט, און דער גוי מיטן רויטן היטל האט מיין ווייב איבערגעגעבן דעם טארט, מיין יידענע האט אים גע־געבן „נא פיווקא" און אדיאזד!...

ווער איז דער שלח־מנות־שיקער? ווער איז דער ויזתא, וואס שיקט סתם אין דער וועלט אריין אזא שיינעם שאקאלאדאווע טארט? פארוואס האט ער נישט מיטגעשיקט קיין צעטעלע?

אבער ווען ארט דאס? וואס ארט מיך, ווער ס'האט גע־שיקט? גענוג, מיר האבן א שאקאלאדאווע טארט, און ליהודים היתה אורה!

ס'איז געווען לעבעדיק און לוסטיק. מיין יידענע האט זיך גענומען באארבעטן דעם טארט. צוערשט האט מען זיך גענומען צום שאקאלאדאווע טורעם און שפעטער צום טארט גופא. מיין יידענע האט געטיילט חלקים און חברה קליינוואַרג האט געלעקט די פינגער. איך אליין האב געארבעט מיט אלע באק־ציין. כ'האב געריטשעט איין שטיק טארט נאכן צווייטן און חי געלעבט! לאמיך אויך וויסן דעם טעם פון א פורים־טארט.

אבער ווער איז פארט דער שלח־מנות־שיקער? ווער קאן דאס זיין דער שוטה, וואס שיקט צו מיר אזא כלי? א גאנצן פורים האב איך געטראכט און געטראכט און האב נישט אויסגעטראכט.

נאר ווי זאגט א ווערטל: אז ס'איז אויפגעלייגט א צרה, קומט זי אין שטוב אריין, און טאמער האב איך געהאט א פרייליכן פורים, האב איך שוין דערפאר געהאט א פארשטערטן שושן־פורים, און טאקע צוליב דעם טארט — הערט א מעשה:

צומארגנס, איך קום אהיים, ליגט מיין יידינע, פארבונדן דעם קאפ מיט א נאס האנטוך, און סטענקעט.

— וואס איז געשען, פערעלע? — האב איך זי געפרעגט.

מיינע ענטפערט נישט און האלט אין איין סטענקען.

— וואס אי' מיט דיר געשען? א נאפאד אויף דער גאל?

— שוויג! — האָט זי אַ געשריי געטון. — די גאַל זאָל דיר אַזוי פּלאַצן, ווי זי פּלאַצט מיר. גזלן! רוצח! שעמען מעגסטו דיך אין דיין ווייטן האַלז אַריין!

— ביזט משוגע, צי חסר־דעה? וואָס האָסטו דיך אָנגעזעצט אויף מיר, וואָס?

— שוויג, זאָג איך דיר, דו אַלטער בעל־עבירהניק! קומען זאָל אויף דיר המנס מפּלה, טאַטע זיסער! — אַזוי האָט מיין יידענע געשריגן, און איידער איך האָב מיך אומגעקוקט, האָט גענומען האָגלען מיט... טעלער, טעפּ, בערשטן, ס'גאַנצע יום־טוב־דיקע געפּעס און אַנדער פּאָרצעליי... איר זעט די העפּטן אויף מיין פּנים? דאָס איז טאַקע אַ זכר פון יענער שושן־פּורימדיקער קאַנאָנאַדע...

ערשט אין אָוונט, ווען איך בין געלעגן מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, האָב איך מיך דערוווּסט די סיבה פון מיין ווייבס משוגעת — הערט, וואָס ס'איז געווען:

שושן־פּורים, ווען איך בין נישט געווען אין דער היים, האָט מיין יידענע געמאַכט אַ סיום אויפן טאָרט און שוין האַלטנדיק ביים רעפטל, האָט זי אין טאָרט געפונען אַ ראָזע קאָנווערט, אַ בריוו, געשריבן מיט אַזאַ נוסח:

„מיין טייערער, ליבער הערמאַן!

מיין ליבע צו דיר איז אומבאַשרייבלעך, אַז דיר איז מיין לעבן קיין שישקע פולווער נישט ווערט. ווען דו זאָלסט וויסן, ווי איך בענק נאָך דיר. איך לעב נאָר מיט דער איינציקער האָפענונג, אַז דו וועסט שלאָגן כפּרות מיט דיין אַלטער שקאַפּע, און מיר וועלן אייביק זיין צוזאַמען.

פון מיר, דיין געליבטע
סאָניע".

דערזעענדיק דאָס בריוועלע, איז מיר פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. וואָס פאַר אַ ליבע אינטימיטן דערינען? ווער איז די סאָניע, וואָס איז אַזוי שטאַרק אין מיר פאַרליבט? אַז איך וויים נישט פון וואָס צו זאָגן!

— פערעלע, — האָב איך פאַרזיכערט מיין ווייב, — כ'זאָל אזוי נישט וויסן פון קיין שום שלעכטס, ווי איך ווייס נישט פון קיין ליבעס, פון קיין סאָניעס. דאָס האָט מען מיר מסתמא אָנגעטון אויף טערקיש, א שונא מסתמא!

— מ'ווייסט שוין! אַלע זאָגט איר אַזוי, אַז מען כאַפּט אייך ביי דער האַנט. בחנם שיקט מען נישט שאָקאָלאַדאָווע טאָרטן! ווער מען דערציילסטו מעשיות, וועמען?

איר ווילט וויסן דעם סוף? דער סוף איז געווען, אַז דער שלח־מנות איז נישט געווען צו מיר. דער גוי מיטן רויטן היטל האָט געהאַט אַ טעות. אין דעם זעלבן הויז וווינט נאָך אַ הערמאַן, און אָנשטאָט ז'עם טאָרט אָפּצוגעבן יענעם הערמאַן, האָט ער אים אריינגעגעבן צו מיר, און אַזוי־אַרום האָב איך געהאַט אַ פאַרשטערטן שושן־פּורים... צוליב אַ פרעמדן שלח־מנות!...

ווען נישט דער „עץ־הדעת"...

ווען איך עפן אויף דעם חומש בראשית און קוק מיך צו, ווי אזוי דער רבש"ע האט די וועלט באשאפן, האב איך באמת עגמת־נפש. דאס הארץ טוט מיר וויי. אזויפיל פראצע אוועקגע־לייגט, אזעלכע שיינע, גוטע זאכן באשאפן: הימל און ערד, זון, לבנה און שטערן, ים און לופט. פון א תהו ובהו א וועלט בא־שאפן. א שיין וועלטל און צום סוף האט מען עס אזוי פארפאס־קודזשעט...

אזוי לאנג איז עס דעם רבש"ע געגאנגען גוט. האט ער גע־זאגט: „יהי אור", איז געווארן ליכטיק. האט דער רבש"ע גע־זאגט: „תדשא הארץ דשא", האט גענומען גיין א גאלדענער רעגן און אנגעטרינקען די ערד און פירות זענען געוואקסן. האט דער רבש"ע געזאגט: „יהי מארות ברקיע השמשים להבדיל בין היום ובין הלילה" — האבן זיך באלד באוויזן צוויי גרויסע ליכט. די זון, לבנה און די שטערן. אלץ האט געקלאפט. די ארבעט איז געגאנגען אויף דער גאנצער פארע. אפילו ביים באשאפן די עופות, בהמות און חיות, איז עס אויך געגאנגען אויסגעצייכנט.

— גוט איז עס געגאנגען, ביז ס'איז געקומען — צום מענטש... מיטן מענטש וואלט עס אפשר אויך געווען נישט שלעכט, ווען ס'וואלט קיין פרוי נישט געווען אינמיטן. ווי אן אומגליק, איז א פרוי אינמיטן.

וואס האט אדמען געפעלט אין גן־עדן?! געהאט צו עסן און צו טרינקען און קיין זאך האט אים נישט געפעלט. אויף קיין

מלבוש נישט געדאַרפֿט זאָרגן. שניידער־געלט אויך נישט. וועגן שיך אויך נישט. קיין קוילן אויף ווינטער האָט ער נישט גע־דאַרפֿט. שכר־לימוד פֿאַר די קינדער האָט ער אויך נישט געדאַרפֿט. אויף קיין קוואַרטל דירה־געלט האָט ער נישט געזאָרגט. פֿאַר קיין עקסמיסיע האָט ער נישט מורא געהאַט. קיין ידידי־בריוועלעך פֿון ווירט און פֿון קאָמאָרניק האָט ער נישט באַקומען. קיין סעקווע־סטראַטאָר האָט ער אין גן־עדן פֿאַר די אויגן נישט געזען — אַן אמתן גן־עדן האָט ער דאָך געהאַט.

פֿאַלט אים איין אַ שמע קולנו, ער דאַרף עפּעס... עס ציט אים צו עפּעס... דער האָבער שטעכט אים. עס פֿעלט אים אַן „עזר כנגדו".

און דאָ הויבט זיך אָן דאָס אומגליק. ביז איצט איז עס געגאַנגען, ווי געשמירט. אַלץ האָט געקלאַפּט, ווי אַ זייגערל. אַזוי ווי ס'איז געקומען דער „עזר", איז דער גן־עדן געוואָרן אויס גן־עדן.

און וואָס האָט איר, דער אַדמאָווע, געפֿעלט? פֿון שענסטן און בעסטן. די טייערסטע פּירות, די אמתע גן־עדן־פּאָוויעטזשע, אַרומגעגאַנגען איז זי נאַקעט, ווי גאָט האָט זי באַשאַפֿן — וואָס נאָך האָט איר געפֿעלט, וואָס?

איז זי דאָך אָבער אַ יידענע, האָט זיך געסמוטשעט, האָט זי גענומען זוכן געזעלשאַפֿט, און אַז מען זוכט, געפֿינט מען. האָט זי טאַקע געפֿונען אַ פּזשיאַטשעל — דעם נחש. האָט מען גענומען שמועסן וועגן דאָס, יענץ וכדומה. צוערשט האָט דער נחש זיך געלייגט, ווי אַ לעמעלע. גערעדט וועגן שיינעם וועטער אין גן־עדן. חוה האָט זיך באַקלאָגט, אַז זי האָט נישט קיין אָדפּאָוויעדניע טאָ־וואַזשיסוואָ אין גן־עדן. בלויז חיות און בהמות. דער נחש האָט זי שוין נישט מער אָפּגעטרעטן. איז מען געגאַנגען שפּאַצירן טיף אין גן־עדן. ביז... ביז זיי זענען צוגעקומען צום „עץ־הדעת".

— ווייסטו, חוהלע, — האָט דער נחש געזאָגט, — וואָס דאָס איז פֿאַר אַן „עץ"?

— לאָמיך הערן.

— דאָס איז, — האָט דער נחש איר דערקלערט, — דער „עץ־הדעת".

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— פון דעם בוים טאָר מען נישט געניסן. ווער ס'וועט גע־ניסן פון דעם בוים, מוז שטאַרבן.

— טאָ קום אַוועק פון דאַנען, — האָט חוה געזאָגט מיט שרעק.

— וואַרט נאָר צו, חוהלע, — האָט דער נחש געענטפערט,— ווען דו זאָלסט אָבער וויסן, וואָס פאַר אַ טעם די עפּל פון עץ־הדעת האָבן. זיי האָבן דעם טעם גן־עדן. אַז דו וועסט אָפּרייסן עפּל פון דעם עץ־הדעת, וועט דיר דער רבש"ע מוחל זיין. דו ביזט דאָך עפּעס אַ בת־יחידה!...

איז חוה געוואָרן טשעקאַווע און האָט זיך געלאָזט איבער־רעדן פון נחש... און דאָ הויבט זיך אָן די גרויסע טראַגעדיע: נישט נאָר פאַר אדמען, נאָר פאַר דער גאַנצער מענערישער מענטשהייט. חוה האָט גענומען פאָדערן ביי אדמען:

— אדם, דיך אַרט גאָרנישט, אַז איך גיי אַרום נאַקעט? אין גן־עדן דרייען זיך אַרום אַזויפיל חיות און בהמות, און איך גיי אַרום נאַקעט?!... וואָס פאַר אַ מאַן ביזטו, אדם?... דו פאַרגעסט, אַז איך בין אַ סקראָמנע ווייבל!...

האָט זיך אדם פאַרטראַכט און נאָך אַ ישוב־הדעת געזאָגט:

— חוהשי קרוין, דו ביזט טאַקע כשר גערעכט. איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביזט נאַקעט. אודאי פּאַסט עס נישט פאַר אַזאַ סקראָמנע ווייבל, ווי דו, אַרומצוגיין נאַקעט...

פּלוצים האָט זיך חוה אַ כאַפּ געטון:

— אדמל קרוין, גיב נאָר אַ קוק!

— וואָס איז געשען?

— קוק דיך נאָר אָן. דו ביזט דאָך אויך אדם־נאַקעט!... ווי שעמסטו זיך נישט, אַזאַ אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט, אַרומצו־גיין נאַקעט, אָן הויזן אפילו!...

האָט אדם אַ קוק געטון, און ס'איז אים פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. ביידע האָבן זיי זיך פאַרשעמט, און דער נחש פונדערוויטנס האָט געלאַכט אין די פויסטן.

יעדן שבת בראשית, ווען איך עפן אויף דעם חומש, טוט מיר דאָס האַרץ וויי פון עגמת־נפש. וואָס, אַ שטייגער, וואָלט מיר געפעלט, ווען חוה לאָזט זיך נישט איבעררעדן פון דעם נחש, ווען זי עסט נישט פון עץ־הדעת? איך וואָלט דאָך געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער ערד, ווען איך וואָלט נישט גע־דאַרפט זאָרגן פאַר מיין ווייבס קליידער, ווען איך וואָלט נישט גע־דאַרפט אויסשטעלן וועקסלען אויף לאַפּקאָווע פּאַלטנס און ניע־ביעסקע ליסן. ווען מיינע טעכטער וואָלטן נישט געוואוסט פון קיין מאָדע־זושרנאַלן, פון היטן, זיידענע זאָקן, — ווי וווּיל וואָלט מיר געווען, ווען חוה כאַפּט זיך נישט צו צום עץ־הדעת...

אייביק, מיין גאַנץ לעבן געדענק איך דעם נחש. באַקום איך אַ רעכענונג פון דער שניידערין, דערמאָן איך מיך אָן דעם עץ־הדעת און שעלט דעם נחש: „על גחנך תלך".

גיי איך מיט מיין יידענע אַרוים שפּאַצירן, איז ווי זי זעט אַ שויפענסטער, שטעלט זי זיך אָפּ. דאָ שטייט זי ביי אַ פענסטער מיט היטן:

— ווי געפעלט דיר, יאָסעלע, דאָס היטעלע מיט דער שוואַר־צער פיורעטשקע?...

דאָ שטייט זי ווידער ביי אַ פענסטער מיט קאָנפעקציע:

— וואָס זאָגסטו, יאָסעשי, צו דעם לאַפּקען־מענטעלע?...

ביי אַ פענסטער מיט פרויען־וועש:

— דו ביזט עפּעס אַ מבין, יאָסעניו, אויף די ראָזע רעפאַר־מעס? און דער שלאָפראָק ווי געפעלט דיר?

אָט אַזוי שטעלט זי זיך אָפּ ביי יעדער קרעטשמע. ביי יעדן פענסטער פרעגט זי מיך מבינות אויף היטעלעך מיט פיורעטשקעס, אויף לאַפּקע־מענטעלעך, אויף ראָזע רעפאָרמעס. אַהיימקומענדיק פון אַזאַ שפּאַציר, טראַכט איך מיר:

— אוי, דער „עץ־הדעת"!...

דאָס אייגענע מיט מיינע טעכטער, ווען זיי הייבן אָן הויך קידוש־מאַכן: טאַטעשי — דאָס, און טאַטעשי — יענץ, דערמאָן איך מיך אָן דער מאַמע חוה.

ביי אַלע אונזערע אומגליקן, וואָס קומען איצט פאָר אין דער וועלט, דערמאָן איך מיך אין חוהן; וואָלט זי נישט פאַרזוכט פון עץ־הדעת, וואָלט מען דאָך נישט געוווּסט פון קיין גוטס און שלעכטס.

ווען איך עפן אויף דעם חומש בראשית, טוט מיר וויי דאָס האַרץ. אַזויפיל פּראַצע אַוועקגעלייגט, אַזעלכע שיינע גוטע זאַכן באַשאַפן: הימל און ערד, זון, לבנה און שטערן, ים, לופט און בערג, אַלץ איז געגאַנגען גוט און ווויל. ס׳האָט געקלאַפּט, ווי אַ זייגערל. ביז ס׳איז געקומען צו דער פרוי. ווי נאָר ס׳איז געקומען צום קליידל, איז דער גן־עדן אין אַ גהינום פאַרוואַנדלט געוואָרן. אַן עץ־הדעת האָט זיך איר פאַרגלוסט.

געוואַלט, חוהלע, וואָס האָסטו געטון?!...

איר גרויסער נס*)...

(מאָנאָלאָג פון אַ 42-ער גרושה)

חנוכה, מיינע הערן און דאַמען, איז אַ גרויסער יום־טוב, ס'איז אַ נס געשען מיט דעם קריגעלע אייל, און מיר צינדן אָן דעם חנוכה־לייכטער אַלס אַ „פּאַמיאַנטקע" פון דעם גרויסן נס, מיר דערמאָנען אונזערע העלדישע חשמונאים, וואָס האָבן „געוואַלדעווען" מיט די יידישע שונאים, וואָס האָבן אונז געוואָלט אומברענגען, דערפאַר איז חנוכה אַ גרויסער יום־טוב, מ'צינדט אָן די ליכטלעך, מ'זינגט „הנרות הללו", מ'עסט לאַטקעס „נאַ אָלעיו", מ'מאַכט אַ קערטל, מ'„אוזשאַנדזשעט" חנוכה־בעלער, קינדער באַקומען חנוכה־געלט, ס'איז אַ גרויסער יום־טוב, אַ „פּאַמיאַנטקע" פון דעם גרויסן נס מיט דעם קריגל אייל.

„אַליע יאַ וואָס פּאָוויעם", אַז דער גרויסער נס מיטן קריגל אייל, „טאָ יעסט זעראָ" אַקעגן דעם נס, וואָס איז איצט געשען, „אי וויעציע גדזיע? וו' לאָנדיניע. טאָ יעסט, פּראָשען פּאַנסטווא, צוד נאַד צודאַמי" — אַ נס איבער אַלע נסים!...

„וויאָבראַזשטשע סאָביע" — אַזאַ נס! „טאַקאַ ניעספּאָדזיאַנקאַ". דער ענגלישער קעניג עדוואַרד דער 8־טער! אַזאַ „פּיענקנאָשטש"!... אַזאַ „מאָראָוויעץ"... „סטו פּראָצענטאָווי מענשטשיזנאַ"!... „וויספּאָרטאָוואַני כלאָפּיעץ"!... „נאַ ווסקראָש אינטעליגענטני"!... „פּאָוואָדזעניע" האָט ער ביי אַלע קאָביעטעם אין דער

---

*) צו דער חתונה פון ענגלישן עקס־קעניג, עדוואַרד דעם 8־טן, מיט דער 42־יעריקער גרושה, מאַדאַם סימפּסאָן.

וועלט, די שענסטע, די רייכסטע, די אַריסטאָקראַטישסטע פּאַננעס אין דער וועלט חלשן פאַר זיין בליק, נו, וואָס האָט ער געטון? ער האָט „וויביערעט" נישט קיין יונגע, נישט קיין שיינע, נישט קיין אַריסטאָקראַטקע, נישט קיין רייכע, ער האָט זיך „זאַקאָכעט" אין אַ „זוויטשיינע ראָזוואָדקע" פון 42 יאָר.

„טאָ יעסט מענשטשיזנאַ"! נישט ווי די היינטיקע כלאָפּצעס, וואָס זוכן יונגע קאָזעס, געמאַליעוועטע ליאַלקעס, „פּזשעפּראַשאַם זאַ וויראַזשעניע" — אויסגעווייקטע קעץ... דער ענגלישער קעניג האָט די מענשטשיזנעס געגעבן „דאָ זראָזומיעניאַ", אַז די בעסטע ווייבער זענען, נישט די יונגע, 20־יאָריקע קאָזעס, די פּאַנפּאַראָנ־קעס, נאָר עלטערע, אַזעלכע, ווי איך, צווישן 40 און 50.

איר הערט? אַ נס איז געשען! אַ גרויסער, גאָר אַ גרויסער נס! אַ סך אַ גרעסערער נס פון דעם נס חנוכה. איצט איז געקומען אַ ישועה אויף אונז, עלטערע ווייבער, גרושות, אלמנות, סטאַרע פּאַננעס אי טאַק דאַלעי. פון איצט אָן וועלן מיר, ראָזוואָדקעס, נישט דאַרפן זיך שעמען מיט אונזער גרושהשאַפט, „וורענטש פּזשעטשיוו־ניע" — מיר וועלן שטאָלצירן, וואָס מיר זענען ראָזוואָדקעס, מיר וועלן זיין „דומנע" מיט אונזערע יאָרן. מיר וועלן נישט דאַרפן לייקענען די יאָרן, „וורענטש פּזשעטשיווניע", מיר וועלן נאָך צו־לייגן.

ווער נאָך, „יאַק מי", ווייסן, וואָס מיר האָבן געהאַט אויס־צושטיין פון אונזערע פּעסער? דער פּאַס האָט דאָך אונז „פּאַרקירצט די יאָרן". איז מען געווען „וו' טאַוואַזשיסטוויע", האָבן מיר, די 42־ער ווייבער געהאַט אַ פּנים פון חוזק. מיר האָבן צוגעקוקט, ווי די יונגע קאָזעס מאַכן אַ לעבן, און מיר, די 42־ער, האָבן נעבעך געפּלאַצט „ז' זאַזדראָשטשי".

איז מען געקומען אויף אַ באַל „נאַ צעל דאָבראָטשיננוי", ווע־מען האָבן די מענשטשיזנעס „זאַפּראָשעט דאָ טאַנצאַ"? — זיי, די יונגע, און מיר האָבן „געפּענקניעט" פון צרות.

איז געקומען אַ שדכן צו אַ גרושה רעדן אַ שידוך, איז ווי־דער געווען דער פּאַס אויפן טיש:

— „אילע פּאַני מאַ ליאַט"?

האָט מען גענומען קאַקעצן:

— „יאַ... יאַ... דוואַדזיעשטשאַ שעשטש... דוואַדזיעשטשאַ שעדעם"...— און טאָמער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז מיר זענען נאָך די שלושים, האָט מען זיך געמעגט איינפּעקלען, אָדער גיין „נאַ אָדפּאָטשינעק" „דאָ דאָמו סטאַרצוּוו"...

איצט איז געשען אַ נס, גאָר אַ גרויסער נס, איצט וועט ווערן אַ פּאַסעק, נישט אויף יונגע קאָזעס, נישט אויף רייכע פּאַננעס, נאָר אויף גרושות, און דוקא אויף עלטערע גרושות, אויף 42-ער. אַזעלכע ווי איך, וועט מען זוכן מיט ליכט, „אַ וויעטשע דליאַטשעגאָ"? ווייל דער קעניג עדוואַרד איז דער מאָדע-געבער אין דער מענערישער וועלט. וואָס ער טוט, טוען נאָך די מענער אין גאַנץ אייראָפּע. האָט ער אָנגעטון שמאָלע הויזן, האָבן אַלע מענשטשיזנעס באַלד גענומען טראָגן שמאָלע הויזן, ווי קישקעלעך, האָט ער אָנגעטון ברייטע הויזן, איז געוואָרן אַ מאָדע ברייטע הויזן, ווי זעק, האָט ער אָנגעטון אַ קורצע מאַרינאַרקע, איז געוואָרן אַ מאָדע קורצע מאַרינאַרקעלעך, ווי ביי חדר-ייִנגלעך, האָט ער אָנגעטון אַ ברייטע מאַרינאַרקע, איז געוואָרן אַ מאָדע ברייטע מאַרינאַרקעס, האָט ער אָנגעטון אַ ווייכן קאַפּעלוש, איז געוואָרן אַ מאָדע ווייכע. הימל און ערד און ווייכע קאַפּעלושן. האָט מען אים געזען אין אַ מעלאָניק, האָבן אַלט און יונג אָנגעטון שטייפע קאַפּעלושן. וואָס ער טוט אָן, גייט עס אַריין אין מאָדע-זשורנאַל, און אַלע מענשטשיזנעס טוען אים נאָך.

און האָט ער זיך „זאַקאָכעט" אין אַ 42-יאָריקער ראָזוווּדקע, וועט איצט ווערן אַ מאָדע 42-ער גרושות. ס'וועט ווערן אַן אויסכאַפּעניש אויף דעם אַרטיקל. מ'וועט שטיין אין דער ריי, אַלע וועלן נאָכטון דעם ביישפּיל פון קעניג: פּרינצן, פירשטן, לאָרדן. אַלזאָ, אַלע, אַלע וועלן זיך יאָגן נאָך גרושות אין עלטער פון 42 יאָר. ס'וועט ווערן אַן אויפלעבונג אין דער גרושות-בראַנזשע. וועט מען פּאַקן אַ גרושה אין דער עלטער פון דער מיסים סימפּסאָן, וועט מען זי „אָזלאָטשען", באַגילדטן וועט מען זי. און וועט קומען אַ כלאָפּיעץ, וועט מען מיט שטאָלץ זאָגן:

— „יעסטעם וודזווקא... מאם טשטערדזיעשטשי דווא לאטא, מיאלאם דוווך מענזשווו”.

אז א בחור וועט דאָס הערן, וועלן אים פינקלען די אויגן, און וועט איינעם געלונגען צו כאפּן אזא גליק, וועט ער זיין דער גליקלעכסטער מענטש, וואָרום ער וועט דאָך זיין „מאָדערן”, ער וועט דאָך האָבן דאָס זעלבע „גליק”, וואָס דער קעניג עדוואַרד.

וועט מען קומען אויף א באַל, וועט מען די ערשטע די 42-ער „זאפּראָשען דאָ טאַנצאַ”, און די יונגע קאָזעס וועלן צעזעצט און צעפּשרינגען ווערן פון „זאַזדראָשטש”...

אויפן שפּאַציר וועלן האָבן „פּאָוואָדזעניע” די 42-ער ווייבער, אין די קור-ערטער וועלן האָבן פּיערווּשענסטוואָ די עלטערע ווייבער, אין דער מאָדאם סימפּסאָנס עלטער, און מאַמעס וועלן זיך ווינטשן:

— כ׳זאָל אזוי דערלעבן מיין זון צו פירן צו דער חופּה מיט א 42-יאָריקער גרושה.

יאָ, מיינע דאַמען און הערן. ס׳איז געשען א נס, א גרויסער, גאָר א גרויסער נס, א פּיל גרעסערער נס פון דעם נס חנוכה, און דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם ענגלישן קעניג עדוואַרד דעם 8-טן. ער האָט אונז אויסגעלייזט פון אונזערע צרות. אַן אויפריכטונג איז אויף אונז, גרושות, געקומען, איצט זענען מיר דאָס אויבערשטע פון שטייסל, מיר שטאָלצירן מיט אונזער גרושה-שאַפט, מיר זענען שטאָלץ מיט אונזער ביסל יאָרן, מ׳וועט אונז איצט שוין נישט מער — ווי א פערד — קוקן אין די ציין אריין, ווי אַלט מ׳איז. וואָס עלטער, איז בעסער, און טאָמער וועט איינע זיין יינגער פון 42 יאָר, וועט מען זיך באַמיען צוצולייגן א פּאָר יאָר...

א נס, א גרויסער נס איז אונז געשען. דעם היי-יאָריקן חנוכה צינדן מיר אָן די חנוכה-ליכטלעך נישט אזוי ווייט צוליב דעם נס מיט דעם קריגעלע אייל, נאָר צוליב דעם נס אין לאָנדאָן. דעם היי-

יאָריקן חנוכה ווען מיר, א חוץ דעם „בימי מתתיהו בן יוחנן", אויך זאָגן „בימי עדוואַרד בן דזשאָרזש".

היינט איז ביי אונז א דאָפּלטער יום־טוב: דער יום־טוב צו־ליבן נס חנוכה און דעם נצחון פון די 42־ער ווייבער.

לאָמיר אַלע ווינטשן דער מאַדאַם סימפּסאָן א האַרציקן מזל־טוב, אי"ה ביי אונז אין פריידן...

דער שטומער מלך און די טויבע מלכּה...

געווען איז עס אין יענע גליקלעכע בחורישע יאָרן, ווען איך האָב נאָך נישט געוווּסט פון קיין קינפּעטן און בריתן, פון אַקושערקעס און קליניקעס, פון מאַזלען און קריסטירלעך. פון ווייכע בייכלעך און האַרטע בייכלעך. פון פאַרשטאָפּטע מעגעלעך און לויזע מעגעלעך. כ׳האָב נישט געוווּסט פון קיין באָד־געלט, מוהל־געלט, חדר־געלט און... טאַשן־געלט. כ׳האָב נישט געוווּסט דעם טעם פון ווינדעלעך, וויקעלעך, און פון קיין בעבע־פּודער. כ׳האָב נאָך דאַן נישט געוווּסט פון קיין שיכעלעך, זעקעלעך, קליידעלעך, מייטעלעך, הייזעלעך. מ׳האָט מיר נאָך דעמאָלט נישט יעדע נאַכט רעווידירט די הויזן־טאַשן. כ׳האָב נאָך דעמאָלט נישט געהערט דעם טאָג־טעגלעכן שלאַגער: „טאַמער האָסטו״?... כ׳האָב נאָך דעמאָלט נישט געדאַרפט אָפּגעבן „ראַפּאָרט״:

— ווו ביזטו געווען אַזוי שפּעט?

— ווו שלייעסטו זיך אַרום האַלבע נעכט?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ראָזע בריוועלע, וואָס כ׳האָב געפונען אין דיין בוזעם־קעשענע?...

— ווער איז דאָס די פאַנפאַראָנקע, וואָס רעדט מיט דיר כסדר אויפן טעלעפאָן — „געשעפטלעך״?...

דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געדאַרפט אָפּגעבן קיין ראַפּאָרטן. כ׳בין נאָך דאַן געווען אַ „וואָלני פּטאַשעק״. דאָס איז געווען אין יענע גליקלעכע יאָרן, ווען איך בין געווען אַ בחור, ווען כ׳האָב געגעסן, ווען כ׳האָב געוואָלט און וואָס כ׳האָב געוואָלט. ווען כ׳בין

געגאַנגען, ווי כ'האָב געוואָלט, און געקומען, ווען כ'האָב געוואָלט און ווי כ'האָב געוואָלט. כ'האָב נישט געדאַרפט זאָרגן אויף דירה־געלט, יעדן חודש האָב איך געוווינט אין אַן אַנדער קאַוואַלערקע. איז געקומען פאַרן ערשטן, האָב איך גענומען דאָס וואַליזקעלע, די קאָלדרע, די פּאָר קעלנער — און הײַדאַ, אַוועק אין אַ צווייטער קאַוואַלערקע.

און עסן? אויף עסן האָב איך אויך נישט געדאַרפט זאָרגן. יעדן טאָג האָב איך „געשוויט" אַן אַנדערע כלה. יעדן אָונט בין איך געווען „זאַפּראָשעט" אויף אַ „קוק", האָב איך געהאַקט אויף אַלע באַק־ציין. כ'האָב מיך נישט געלאָזט בעטן. וואָס מ'האָט אויפגעשטעלט אויפן טיש, איז באַלד פאַרברענט געוואָרן. דערמיט האָב איך געוויזן די מחותנים, אַז איך בין נישט קיין מפּיל־קינד, אַז איך האָב ב"ה אַפּעטיט.

אַזוי איז עס געגאַנגען אַ גאַנץ יאָר. יעדן טאָג אַן אַנדערן „קוק", יעדן אָונט אַן אַנדערע קאָלאַציע. דאָס זעלבע איז געווען שבת און ימים־טובים. די „פעטסטע זאַכן" האָב איך אָפּגעלייגט אויף פּסח. יעדן פּסח בין איך פאַרבעטן געוואָרן צו אַן אַנדערן סדר. נאַטירלעך, האָב איך „נישט געמיינט די הגדה, נאָר די קניידלעך". אַ גאַנצן ערב פּסח האָב איך נישט טועם געווען, געוואַרט האָב איך אויפן סדר. נישט אַזוי וווייט דעם סדר, ווי דעם „שלחן עורך". דערלאַנגט האָט מען מיר דאָס שענסטע און בעסטע. די מחותנתטע האָט געהאַלטן אין איין ליווערן „פאַרן חתן", און די כלה האָט אַ נישט־דרייסטע, מיט האַלב־אַראָפּגעלאָזטע אויגן, געזאָגט:

— עסט, עסט, שעמט אייך נישט... פילט אייך, ווי בײַ זיך אין דער היים...

האָב איך זי געפאָלגט. כ'האָב מיך נישט געשעמט, געפילט זיך היימיש, און מקיים געווען די מצוה פון „עס און טרינק און לאָז דיך וווילגיין"...

אַזוי איז עס געווען יעדן פּסח. יעדן פּסח בין איך געווען אַ פאַרבעטענער חתן בײַ אַן אַנדערער כלה, אומעטום האָב איך

מקיים געווען די מצוה. כ'האָב געמאַכט דאָס אמתע בחורישע לעבן, און האָב געלאַכט פון דער וועלט.

אָבער ווי זאָגט אַ ווערטל: „דאָס קריגל גייט אַזוי לאַנג צום וואַסער, ביז דאָס אויער רייסט זיך אָפּ", און ביי מיר האָט זיך אויך אָפּגעריסן. כ'האָב געהאַט אַזאַ מפּלה, אַז כ'האָב שוין שפּע־טער אָנגעזאָגט קינדס קינדער, נישט צו גיין אויף אַ „קוק" פּסח צום סדר. וואָרום דער לעצטער סדר איז מיר אויסגעפאַלן באַקעם, הערט, וואָס ס'איז געווען:

אַזוי ווי דער מחותן איז געקומען פון דער שול, רוקט ער מיר אַריין די יד און זאָגט:

— ברוך ה... ה... ה...

זאָג איך:

— איך היים נישט ברוך, נאָר — דוד.

לאָזט ער מיר נישט אָפּ די האַנט און קאַקעצט ווייטער:

— ד... ד... דוד? אַ ש—ש—יינער נאָמען, ד—ד—דוד, און איך היים נ—נ—נ...

— נחמן?

— ניין. נ... נ...

— נתן?

— ניין. נ... נ...

— נטע?

— ניין. נ... נ... נ...

— נפתלי?

— ניין. נוי... נוי...

— אהא, נח?

— י...אָ. יאָ. אַ לע... לעבן אויף דיר. נ... נ... נח היים איך.

פון דעם ערשטן „ברוך־הבא" איז מיר באַלד וואַרעם גע־וואָרן. כ'האָב מיר אָפּגעווישט דעם שוויים פון שטערן, און גע־טראַכט האָב איך מיר:

— דאַכט זיך מיר, אַז איך בין דאָ מיאוס אַריינגעפאַלן. מיט אַזאַ סוחר זאָגן די הגדה, איז נישט קיין לייכטע זאַך. ביז ער

וועט צוקומען צום „שלחן עורך", וועל איך פריער חלשן פון הונ־גער!...

נאָר פאַרפאַלן, איך בין אין פעקל. האָב איך געמאַכט אַ שוויַיג, אַוועקגעזעצט זיך צום סדר און באַלד ביים קידוש בין איך אַרויס פון די כלים. אַזוי ווי ער האָט אָנגעהויבן:

— י... י... יום ה... השי... שי... — און ווען ער האָט גע־האַלטן ביי „ביום השביעי", בין איך שוין געווען נאָך דער „שהיחינו". אַזוי ווי ביים קידוש שטייט מען דאָך, איז ביז ער איז צוגעקומען צום „בורא פרי הגפן", האָב איך געפילט, אַז די פיס פּלאַצן מיר. אין איין האַנט האָב איך געהאַלטן דעם כוס און מיט דער צווייטער האַנט האָב איך מיך אָנגעהאַלטן אין טיש, און היות ווי די סדר־נאַכט איז פּונקט, צום שלימזל, אויסגעפאַלן שבת־צו־נאַכטס, איז נאָך אַ חוץ קידוש געווען אַ הבדלה אַ דאָ־דאַטעק, און ביז ער האָט אַדורכגעהאַקט דאָס שטיקל אַרבעט, זע־נען מיר געפלויגן שוואַרצע רעדער פאַר די אויגן, און ווען ער האָט מיט מזל געענדיקט, אַז איך האָב געהערט דעם גליקלעכן שה... שה... חינו וקי... מנו לז... לז... מן ה... הזה, בין איך אַוועקגעפאַלן אויפן בענקל, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים.

אַזוי איז עס געגאַנגען ביים גאַנצן סדר. ווען ער האָט גע־האַלטן ביי „עבדים היינו", האָב איך שוין געהאַלטן ביי „והיא שעמדה", ווען ער האָט געזאָגט: „י...יכ...ול מראש חו...חו... חודש", האָב איך שוין געהאַלטן ביים „דבר אחר" און ווען ער האָט געהאַלטן ביים „שאינו יודע לשאול", האָב איך שוין גע־האַלטן ביי די „מכות", און ווען ער איז צוגעקומען צו „יהודהם סמנים", האָב איך געפילט, אַז אָט־אָט... וועל איך אַוועקחלשן פון הונגער. אַ גאַנצן טאָג נישט טועם געווען, זיך הונגעריק געהאַלטן צו דער סעודה, און דאָ נאַדיר אַזאַ אָנשיקעניש! אַ קאַקעצער אויף מיין קאָפּ. און צו אַלע צרות, האָט ער מיך געהאַלטן אין איין מינ־טערן:

— ד... דודל, וו... וואָס איי... איילסטו דיך אַזוי? וו... וו... ווער י... יאָגט דיך?

גיי, דערציייל אים, ווער ס'יאָגט מיך! גיי דערציייל אים, אַז איך מיין נישט די הגדה, נאָר די קניידלעך!

און אַז גאָט האָט שוין געהאָלפן, אַז איך בין שוין בשלום אַריבערגעקומען, אַז ער איז שוין מיט מזל צוגעקומען ביזן כוס שיני, האָט זיך געמאַכט אַ נייע צרה: הערט, וואָס ס'איז ווייטער געווען:

נאָכן קידוש גיט ער אַ געשריי צו דער מלכה, צו דער מחותנתטע:

— ח... נה פע... סל, ג... גיב אריין צ... צו וו... אשן.

קוקט אים די מלכה אין מויל אַריין, שטעלט אוים דאָס אויער און זאָגט:

— העז?

— אַזוי, איז גוט!... ער יענקעט זיך, זי איז טויב. ער וועט זאָגן בוידעם, וועט זי זאָגן הוידעם. און דאָ גייט מיר די נשמה אוים.

וואָס וועט דאָ זיין?

וואָלט איך געווען אַן אייגענער, וואָלט איך אַליין געגאַנגען נאָך וואַסער. בין איך דאָך אָבער אַ גאַסט, אַ חתן, מוז איך דאָך האַלטן פּאַסאָן. בין איך געזעסן אין געהאַקטע ווונדן און זיך צוגע־הערט דעם געשפּרעך. ער זאָגט:

— וו... וואַ... סער.

קוקט זי אים אָן, ליינט צו ס'אויער און זאָגט:

— העז?

שרייט ער העכער:

— וו... וואַ... סער!

גיט זי אויף מיר אַ קוק און זאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— יאָ, יאָ, דער חתן איז טאַקע אַ בלאַסער...

דאָ בין איך שוין אַרויס פון די כלים, כ'האָב געוואָלט אויס־לאָזן מיין ביטער הארץ צו איר קאָפּ. נאָר ווי קען מען דאָס? כ'בין דאָך אַ גאַסט, אַ חתן, האָב איך איר גאַנץ איידל באַמערקט:

— נישט בלאַסער, נאָר וואַסער. דער מחותן וויל וואַסער... וואַסער צום וואַשן!

די זעלבע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט שפּעטער. דער שטומער מלך זאָגט:

— ח... ר... חרוסת, אַ! — דערלאַנגט זי אים — די כוסות. שרייט ער:

— מ... מלח... ז... זאַלץ! — ברענגט זי אַריין דעם טאָפּ שמאַלץ. פרעגט ער זי:

— ח... חנה פּע... סעלע, וו... ווּ זע... נען די קניידלעך?— ענטפערט זי:

— זיי שלאָפן שוין.

שרייט ער איר אין אויער אַריין:

— ווע... ווער ש... שלאָפט?

— די מיידלעך!... — האָט זי געענטפערט.

דער מלך יענקעט זיך. ביז ער רעדט אַרויס אַ וואָרט, קאָן מען חלשן. די מלכה איז טויב. הייסט מען איר געבן חרוסת, גיט זי כוסות, זאָגט מען איר זאַלץ, ברענגט זי שמאַלץ, די קניידלעך שלאָפן ביי איר, און דאָ זיץ און האַלט פּאַסאָן!...

הקיצור, וואָס זאָל איך דערציילן? נאָכן סדר האָב איך מיר געלייגט נאָסע האַנטיכער צום קאָפּ. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעטון, און טאָמער האָב איך יאָ געכאַפּט אַ דרימל, האָט זיך מיר געחלומט דער סדר מיט דעם שטומען מלך און מיט דער טויבער מלכה. און איר ווילט וויסן דעם סוף? דער סוף איז געווען, אַז צומאָרגנס האָב איך מיך בגנבה אַרויסגעכאַפּט פון שטוב און בין אַנטלאָפן, ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

דאָס איז געווען מיין לעצטער סדר, וואָס איך בין געגאַנגען שויען כלות.

איצט בין איך שוין ב״ה אַ באַווייבטער — און אַ באַטעב־טערטער, איך האַלט שוין אַליין ביי „זאַפּראָשען״ חתנים צום סדר, דאָך וואָרן איך אַלע בחורים, וואָס לעבן פון „שויען״ כלות:

— היט אייך, גייט נישט שויען קיין כלות פּסח צום סדר, וואָרום איר קאָנט אַמאָל האָבן מיין מפּלה!... איר קאָנט אויך אַמאָל טרעפן אויף אַ שטומען מלך און אַ טויבער מלכה!...

„געסט" אין מײַן סוכּה...

געװוען איז עס ערב סוכּות, מײַן ײדענע האָט גראָד געהאַלטן בײַם פילן די פיש, און אַז מײַן װײַב פילט פיש אין דער סוכּה אַרײַן, האָט זי אין זינען די שכנטעס, אַז די שכנטעס זאָלן צע־פּלאַצט װערן פון קנאה. מאַכט זי אַזעלכע „פּיקעלעך", װי אױ־טאָמאַביל־רעדער. זי איז אַזױ אַרײַנגעטון אין דעם פילעכץ, אַז זי זעט אַפילו נישט, װער ס'קומט אין שטוב אַרײַן.

האַלטנדיק אין סאַמע מיט, עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן אַ פאַרשױן מיט אַ „געל בענדל" אױפן היטל.

— „דזיען דאָבּרי".

זאָגט ער אײן מאָל „דזיען דאָבּרי", אַ צװײטן מאָל „דזיען דאָבּרי" — און מײַן װײַב האַקט מיטן האַק־מעסער די פיש. ער „דזיענדאָבּריט" און זי — האַקט... װערט ער „ניעטשערפּליװע", גײט צו נענטער און שרײַט איר גלײַך אין אױער אַרײַן:

— „דזיען דאָבּרי"!

לײגט זי אַװעק דאָס האַק־מעסער, װישט אָפּ מיטן פאַרטוך דעם שװײס פון שטערן און פרעגט אים:

— „צאָ פּאַן סאָביע זשיטשי"?

— „סטאַרי דלוג", — האָט ער געענטפערט.

— „צאָ זאַ דלוג"?

— „זאַלעגלי פּאַדאַטעק אָבּראָטאָװי".

— מײַנע װיסטע חלומות צו זײַן קאָפּ! פּונקט ערב סוכּות

זיך דערמאָנט אין אַ זאַלעגלי פּאַדאַטעק. — אַזוי האָט מיין ווייב געענטפערט און ווייטער זיך גענומען צום האַק־מעסער.

האָט זיך דער גוי אָנגעצונדן, ווי אַ הבדלה און געקלאַפּט אין טיש אַריין:

— „ריבי וו' טיגאָדניו בענדזשעטשע יעדלי, אַ פּאָדאַטקי ניע כצעטשע פּלאַטשיטש"!

— „פּזשעפּראַשאַם, יאַ טאָ טילקאָ ראָביע מאָיע סאָנשאַדקי נאַ צעזעצעניש", — האָט אים מיין יידענע געגעבן צו פֿאַרשטיין.

— „צאָ מי פּאַני אָפּאָוויאַדאַ זעצעניש. יאַ ניע ראָזומיעם, צאָ טאָ זנאַטשי זעצעניש... גדזיע מאָנזש"?

— „מאָנזש? מוי מאָנזש בודזיע", — האָט מיין יידענע געענטפערט.

— „צאָ? מאָנזש בודויע? גדזיע בודויע"?

— „נאָ טו, נאַ טים פּאָדוווזשו".

— „נאָ טים פּאָדוווזשו? דליאַ שעביע בודויע"? — האָט דער גזל־בענדלדיקער געפרעגט.

— „דליאַ שעביע אי דליאַ ווּשיסטקיך סאָנשאַדוו", — האָט מיין יידענע מיט גדלות געענטפערט.

האָט דער פּאַרשוין שוין מער גאָרנישט געפרעגט, האָט אַרויסגענומען אַ פּאַק כתבים, האָט פּאַרנאָטירט אַלץ, וואָס מיין יידענע האָט געזאָגט און אַוועק אָן אַ דאָווידזעניאַ.

דעם ערשטן טאָג סוכות, איך קום אַהיים פון שטיבל, דער־לאַנגט מיר מיין יידענע אַ „זאַפּראָשעניע" פון אוזשאָנד, כ'זאָל מיך תיכף ומיד שטעלן צום נאַטשעלניק גופא.

אין פלוג האָב איך מיך שטאַרק דערשראָקן. וואָס איז דאָס? וואָס עפּעס אַזוי „פּילנע"? באַלד האָב איך מיך אָבער בארויקט. שוטה בן פּיקהאָלץ, וואָס האָסטו מורא? אַז די סחורה האָט דער סעקעוועסטראַטאָר צוגענומען, דאָס מעבל „רוט אין פרידן" אין דער „סקלאַדניצע", טאָ וואָס האָב איך מורא, וואָס? האָב איך געמאַכט קידוש, איבערגעביסן און אַוועק אין אוזשאָנד.

ווי איך בין נאָר אַריבער די שוועל, האָט זיך דער „אַדון" אָנגעצונדן און מיך גענומען באַזינגען:

— „דליאטשעגאָ פּאַן ניע פּלאַטשי"?

— „בּאָ ניע מאָם".

— „אַ קטאָ בּודזיע דליאַ שעבּיע אי דליאַ וושיסטקיך סאַנשאַדוּוו"? — האָט ער געשריגן און געקלאַפּט אין טיש אַריין.

— „קטאָ בּודזיע? שייבּלער, פּאָזנאַנסקי, אָסקאַר קאָן, עטינגאָן — אָני בּודזיאָן", — אַזוי האָב איך אים קאַלט געענטפערט.

איז ער נאָך מער געוואָרן אין כעס און געשריגן:

— „אַ פּאַן ניע בּודזיע"?

האָב איך מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַרויס מיט אַ געלעכטער:

— „כאַ... כאַ... יאַ? יאַ בּודויען"?

— „יאַק פּאַן שמיע? פּזשעטשעזש זשאָנאַ סאַמאַ וויראַזשניע פּאָוויעדזיאַלאַ, זשע פּאַן בּודויע דליאַ שעבּיע אי דליאַ וושיסטקיך סאַנשאַדוּוו"...

האָב איך ערשט פאַרשטאַנען די גאַנצע מעשה, אַז דאָס האָט מיין ווייב מיר אָנגעאַרבּעט. איך האָב געבּויט די סוכּה. דער סעקוועסטראַטאָר האָט זיך געפרעגט, ווו איך בּין, האָט זי געענטפערט: „מאָנזש בּודויע", האָב איך אים געגעבּן צו פאַרשטיין:

— „פּאַניע נאַטשעלניקו, יאַ יעסטעם אַ קבּצן נאַ שעדעם פּאָלעס, ניע דליאַ פּאַנאַ פּאָוויעדזשאַוושי (נישט פאַר אייך געדאַכט). יאַ בּודאָוואַלעם סוקאַ דליאַ מניע אי דליאַ וושיסטקיך מאָיִך סאָנשאַדוּוו. יאַ מאַם טאַקאָן ראָטשנאָן סוקאַ, צאָ דאָסטאַלעם ירושה אָד טשענזשקי (פון שווער), טאָ יוזש או מניע יעסט טאַקי מנהג, זשע צאָ ראָק נאַ סיקים בּודויען סוקאַ דליאַ וושיסטקיך — טאָ וושיסטקאָ".

האָט מיך דער נאַטשעלניק אויסגעהערט מיט קאָפּ, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז געשען אַ מיספאַרשטענדעניש צוליבּ מיין ווייבס „פּויליש"־רעדן, האָט ער זיך אַבּיסל „אוספּאָקאָיעט", האָט געמאַכט אַ בּאַמערקונג אין די כּתבים און מיך געהייסן גיין.

צומאָרגנס, אינמיטן עסן די געפילטע פיש, יאַוועט זיך אַ צווייט „בּענדל" מיט אַ פונק־נייעם „דזיען דאָבּרי".

— וואָס איז?

— „כטשאַלעם מוּוויטש ז' וואַלאַשטשיטשעלעם".

— „פּראָשען, טאַ יאַ".

נעמט ער אַרויס אַ פּאַפּיר און נעמט מיר פאָרלייענען אַ מגילה, היות, ווי איך האָב גענאַרט דעם סקאַרב, איך האָב געזאָגט, אַז איך בין אַן אָרעמאַן, און דערוויל האָב איך געבויט אַ בנין, נו, לייגט ער מיר אַ סעקוועסטער אויף דעם בנין.

גיב איך אים צו דערקלערן, אַז איך האָב שוין די ספּראַווע „זאַלאַטוויעט" ביים נאַטשעלניק גופא, ענטפערט ער מיר:

— „יאַ ניץ ניע וויעם".

בין איך דאָך באַלד ווידער אַוועק צום נאַטשעלניק מיט אַ ויצעקו און אים נאָכאַמאָל געגעבן צו פאַרשטיין דאָס אייגענע, אַז איך בין אַ ייד אַ קבצן, אַז דאָס האָב איך געבויט אַ סוכה, וואָס איך האָב בירושה פון מיין שווער, אַז דאָס איז געשען צו־ליב מיין ווייבס „פּויליש"־רעדן, האָט ער געשמייכלט און געענט־פערט:

— „ספּראַווּאַ וויִאַשניאָנאַ, אידזש פּאַן דאָ דאָמוּ".

בין איך ווידער אַוועק אַ צופרידענער, וואָס די „ספּראַווע" איז שוין ב"ה „זאַלאַטוויעט", וואָס איך וועל שוין איינמאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פון מיינע סוכה־געסט. געקומען אַהיים, האָב איך מיך ערשט גענומען צו דער סעודה, מיין יידענע האָט דער־לאַנגט די אמתע פּאָרציע געלע לאָקשן מיט אַ פעטער יויך מיט „אויגן". מיין ווייבל האָט אָנגעקוואָלן פון נחת און די שכנטעם האָבן געפּלאַצט פון „זאַזדראָשטש". אינמיטן דעם מייערן־צימעס, ברוך־הבא! ס'איז דאָ אַ דריטער, ווידער אַ „בענדל", ווידער אַ „דזיען דאָברי".

— וואָס איז שוין ווידער?

— „כטשאַלעם מוּוויטש ז' וואַלאַשטשילעלעם".

— „טאַ יאַ יעסטעם".

— „טשי פּאַן בודאָוואַל"?

— מיינע וויסטע, ביטערע חלומות צו דיין קאָפּ, צו דיינע הענט און פיס און צו דיין לייב און לעבן! — אַזוי האָב איך אים גע־

וואָלט זאָגן, נאָר איך האָב מיך איינגעהאַלטן. פּאַרט אַ „בענדל״ און פאַר אַ „בענדל״ דאַרף מען האָבן דרך־ארץ... פרעג איך אים:

— „פּאַניע נאַטשעלניקו, צאָ זנאָוווזש״?

— „פּיטאַם שען, טשי פּאַן בודאָוואַל״? — האָט יענער מיך נאָכאַמאָל געפרעגט די אייגענע קשיא.

— „טאַק, יאַ בודאָוואַלעם, טאָ יעסט ראָטשנאַ סוקאַ, צאָ דאָסטאַלעם בירושה אָד טשענזשקי״.

— „אהאַ, טאָ פּאַן בודאָוואַל, אַ פּלאַן פּאַן מאַ״?

— „צאָ? אַ פּלאַן? יאַקי פּלאַן״? — האָב איך אים אָנגע־קוקט, ווי אַ משוגענעם.

— „זנאַטשי שען, זשע פּאַן בודאָוואַל בעז פּלאַנו, אַ טשי פּאַן פּיערוושי ראַז בודאָוואַל״?

— „יאַק טאָ פּיערוושי ראַז? דוואַנאַשטשע ליאַט יוזש טאַק בודויען״! — האָב איך אים געענטפערט.

— „אהאַ, דוואַנאַשטשע ליאַט פּאַן בודויע בעז פּלאַנו״, — האָט ער ווידער נישט גערעדט קיין וואָרט, פאַרשריבן, וואָס כ׳האָב געזאָגט — והילד איננו.

צומאָרגנס באַקום איך אַ פּריש בריוועלע, כ׳זאָל מיך תיכף ומיד שטעלן, דאָס מאָל נישט אין אוזשאָנד, נאָר אין מאַגיסטראַט צום „ווידזשאַל בודאָוולאַני״.

האָב איך ווידער עפּעס איבערגעביסן און אוועק אין מאַ־גיסטראַט. ווידער די אייגענע מעשה. ווידער די אייגענע קשיות:

— „יאַק פּאַן שמיע״?

— „פּאַן בודאָוואַל בעז פּלאַנו״!

— „קטאָ דאַל זעזוואָלעניע״? און אַנדערע חכמות. האָב איך ווידער געענטפערט דאָס אייגענע: יאָר־סוכה, באַקומען ירושה פון שווער. איך האָב גערעדט און ער האָט געשריבן. ווידער מיך גע־הייסן גיין: „ספּראַוואַ זאַלאַטוויאָנאַ״. ווידער געגעסן געפילטע פיש, געלעקט לאָקשן מיט יויך מיט פעטע „אויגן״. ווידער האָט מיין יידע־נע געקוועלט פון נחת און די שכנטעס האָבן געפּלאַצט פון „זאַ־זדראָשטש״. און וואָס, מיינט איר, איז געווען דער סוף? צומאָרגנס

האָב איך באַקומען צוגעשיקט אַ מודעה פון „ווידזשאַל" מיט אַזאַ נוסח:

היות, ווי איך האָב געבויט אַן אַ פּלאַן, אָן אַ זעזוואָלעניע, מוז איך אין משך פון פערצן טעג איינלייגן דעם בנין. דערביי באַמערקט מען מיר, אַז איך האָב רעכט צו מאַכן אַ רעקורס.

בין איך תיכּף אַוועק אין „ווידזשאַל" און דערקלערט:

— איך זגאַדזשע מיך אויף דער דעציזיע. איך טו מיך פאַר־פליכטן אין משך פון פערצן טעג אַפּצורייניקן דעם בנין.

איך האָב טאַקע געהאַלטן וואָרט: אין משך פון פערצן טעג איז דער „בנין" געווען איינגעלייגט...

אַזעלכע צרות האָב איך פון מיין ווייבס פיש־פילן און נאָך מער פון איר „פויליש"־רעדן...

אינהאַלט

זייט

איך — אַ בעל־היובל!... 9

אַ יידישיסט מיטן קנאַק!... 14

יאַנטשע הויטשינדערס מפּלה... 19

בּרוך און זרח 25

ווען איך בּין ראָטשילד... 31

מיין פּעקל צרות... 35

האַרש בּערס ווירטשאַפט... 41

מזל־טוב, די בּאָבּע ווערט אַ כּלה!... 45

שוין איינמאָל אַ הויקער!... 51

דער טאַטע מיט די ניין בּנים... 58

סובּלאָקאַטאָרן!... 63

אוי, געוואַלט, אַ גנבֿ!... 67

חתונה־געהאַט מיט... אַ סערטיפיקאַט 74

דער מלאך מיט שטיפּע וואָנסעס!... 79

מיין שוויגער גייט צו די זעלנער!... 84

אַ מאַן אַ בּאָקסער 89

ווייבּער, גייט נישט מיט די מענער!... 95

אַ רעדנער־בּיוראָ... 100

דער בּן־יחיד אין שטעטל... 104

אוי, וועט מען שמייסן!... 109

לאָמיר זיך טוישן!... 114

זייט

א מיטינג פון בהמות... 119
א ייד מיט א נ—אַרישן נאָמען!... 125
ס׳שטייט א וואך ביי מיין טיר... 131
א דירה מיט ,,וויגאָדעס״!... 137
אַן עצה דעם קעניג פון אַביסיניע 143
ווען א באַווייבטער חתנט זיך!... 148
דער הייליקער סילוועסטער... 155
דער טאַטע האָט די מאַמע געגומען... 159
כ׳פאַרשטיי נישט די מענער!... 165
די היינטיקע באָבעס... 170
א ,,געטאָ״ — פאַר ווייבער... 175
מיין ווייבס ,,זשימאָווע קוראַציע״... 181
א זון א דאָקטאָר!... 185
אוי, דער בלוט־דרוק... 191
זי זוכט א קרענק... 197
דער לעצטער ערב־שבת־צוג... 202
אוי, האָט ער א פייפער!... 206
א פאַריין פון שטרויענע אַלמנס... 206
זי א טויבע און ער א שטאַמלער... 215
א דירה אויף דריי חדשים... 220
דער ,,פּאָזשאַנדעק״ געפעלט איר נישט... 227
כלל ישראל און ר׳ ישראל... 232
אַז ס׳איז אויפגעלייגט אַן אומגליק... 236
ווו געפינט זיך מיין ווייב?... 242
אויסגעלייזט דעם שופר... 248
מיין יידענע שלאָגט כפרות... 253
צוליב א פרעמדן שלח־מנות... 258
ווען נישט דער ,,עץ־הדעת״... 263
איר גרויסער נס... 268
דער שטומער מלך און די טויבע מלכה... 273
,,געסט״ אין מיין סוכה... 279